STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09581

DER SHLISL TSUM HIML

M. Tsanin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. צאַנין

דער שליסל צום הימל

מעשׂיות פון פאַרצייַטנס

פאר חבר בערגמאן
מיט פריינטשאפט
מ. צאנין

אַלבאַטראָס
תל־אביב 1979

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
קרן תל־אביב לספרות ואמנות

מייַן דורהזן אַ מתּנה

אינהאַלט:

דער שליסל צום הימל 13

דעם קיסרס עין־הרע 27

דעם רבינס שטעקן 43

דער צווילינג 63

שמעלקע דער בעל־תשובה 83

דער שד אויפן שטאַטישן באָק 99

שדים אין דער קיטשע 115

כאַטשקע־מאַטשקע 129

שדישע גנבים 145

די פאַרכישופטע יוכבד 161

דער מכשף פון סטריזעוו 177

פינף אַנטאַלקעס ביר 195

המפתח לשמים
מעשׂיות מימים עברו

THE KEY TO HEAVEN
tales of old

by M. TSANIN

©
אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל, תש"מ
Printed in Israel 1979

סודר והודפס ע"י משה חמיאל
תל־אביב, טל. 33 65 64

רעאַל איז אַלץ אין וואָס מ'גלייבט

די און אַנדערע מעשׂיות פון פּאַרציַיטנס טראָג איך אין זיך פון... פּאַרציַיטנס. איך האָב זיי איבערגעלעבט פּערזענלעך, מיט אַלע פּחדים און אויסטערלישקייטן. וועגן טייל מעשׂיות האָב איך גע־הערט פון אַנדערע, דערוואַקסענע אין יענע פּאַרציַיטנס, וואָס אויך זיי האָבן פּערזענלעך איבערגעלעבט די דערשיַינונגען מיט פּחדים און אויסטערלישקייטן. די מעשׂיות געהערן צו אַ וועלט וואָס איז מער נישטאָ. אין אונדזער תּקופה זעען זיי דעריבער אויס פאַנטאַסטיש־אַבערגלויבעריש, אַנטשטאַנענע אין אַן אָפּגעשטאַנענער סביבה, ווי די לעצטע רעפלעקסן פון... מיטל־עלטער. ווירקלעך, ווי קען מען גלייבן אין שדים, נישט־גוטע, אין כּישוף, אין אָפּשפּרעכענישן און אַנדערע צעשפּילטע פאַנטאַסמאַגאָריעס ?

ביַים דערציילן די מעשׂיות פון פּאַרציַיטנס האָב איך, אויסער דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן ציל וואָס איז אַ ציל פאַר זיך אַליין, גע־מיינט צו געבן נאָך אַ פאָלקלאָריסטישן פראַגמענט פון דעם לעבן פון ייִדן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז חרוב ונחרב געוואָרן. וואָס וויַיטער עס גייט אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט דער „פּאַרציַיטנס", אַלץ מער דערשיַינען פאַר מיר די מעשׂיות אינעם ליכט פון היַינט־ציַיטיקייט און זיי הייבן אָן צו ווערן רעאַל. די פענאָמענען פון שדים, כּישוף, אָפּשפּרעכענישן און עין־הרעס חזרן זיך איבער; בלויז די געשטאַלטן און פאָרמען ענדערן זיך. עס ענדערן זיך אויך די מעדיומס און די מיטלען. דאָך אין גרונט לעבן מיר רעאַל אין אָפּט גוט־אָרגאַניזירטע צעשפּילטע פאַנטאַסמאַגאָריעס גאָרנישט ווי די לעצטע רעפלעקסן פון אַ מיטל־עלטער...

אויך הײַנט זענען פֿאַראַן שדים און נישט־גוטע, עס ווערט אָפּגעטאָן כּישוף און עס ווערן געגעבן עין־הרעס. נאָר הײַנט וואַרטן נישט די שדים עס זאָל צופֿאַלן די נאַכט אויף אָנצוהייבן זייערע מעשׂים, און זיי פֿאַרשווינדן נישט מיטן אָנקומען פֿונעם טאָג. הײַנט ווירקן זיי אין

דער ליכטיקייט פֿון די טעג און דער כּישוף ווערט אָפּגעטאָן אָפֿן. די שדים פֿון פֿאַרצײַטנס האָבן געהאַט זייער באַזונדער לבוש, וואָס איז געווען אַנדערש פֿון דעם לבוש פֿון מענטשן. הײַנט זענען די שדים אָנגעטאָן אָדער אויסגעטאָן ווי אַלע מענטשן. די שדים פֿון פֿאַרצײַטנס זענען געווען פֿאַרבאָרגן אין קנייעס, הײַנט טרעפֿט איר זיי אין קאַבינעטן, אין רײַכע אַפּאַרטאַמענטן — אומעטום, ווו די מאָדערנע שדים האָבן אַ שליטה.

אין יענע פֿאַרצײַטנס האָט מען נאָך כּישוף געדאַרפֿט אָנקומען צו ציגײַנערס און זיי ענלעכע אינדיווידועלע ספּעציאַליסטן. און אויך דער עצם כּישוף איז געווען אַן אינדיווידועלער. אין אונדזער מאָ־דערנער צײַט איז דער כּישוף געוואָרן אַ מאַסן־באַצווינגונגס־מיטל וואָס באַווירקט צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען מענטשן. מיט אודאָ־וויזועלע מיטלען און דורך ספּעציעל אויסגעבילדעטע אַפּאַ־ראַטן ווערן טאָג־טעגלעך מיליאָנען מענטשן פֿאַרכּישופֿט, זיי זאָלן גלייבן אין רעאַלע פֿאַנטאַסמאַגאָריעז, זיי זאָלן אויפֿהערן האַנדלען ראַציאָנעל און אָפֿט אויך פֿאַרוואַנדלט ווערן אין ווילדע חיות, אין קאָשעצן, אין ווילקאָלאַקס, צי אין בידנע שרעטעלער.

אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט זענען מיר געווען עדות פֿון אַזעלכע כּישוף־ספּעקטאַקלען, וואָס האָבן פֿאַרשלונגען צענדליקער און צענדליקער מיליאָנען מענטשלעכע קרבנות. אין דער מאַסן־פּסיכאָזע פֿון דעם „מאָדערנעם״ כּישוף זענען פֿאַראַנאָיִקערס און פּסיכאָפּאַטן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקע געטער. „נאָר־מאַלע״ מענטשן האָבן געגלייבט אין די לעבעדיקע געטער, אין נאָמען פֿון זייער אײַנגעכּישופֿטער אומפֿעלערהאַפֿטיקייט האָבן זיי געשאָכטן מענטשן און פֿיל פֿון זיי האָבן זיך אַליין געבראַכט ווי

קרבנות פאַר די געטער. ערשט שפּעטער, ווען די געטער זענען צע־שטערט געוואָרן דורך זייערע אייגענע שגעונות, האָבן זיך די פאַר־כּישופטע אויפגעכאַפּט און אַנגעהויבן באַגרײַפן, אַז אין דער אמתן זענען זיי געווען פאַרכּישופט. דער מעדיום פאַר דעם מאַסנהאַפטן כּישוף איז, אמת, נישט געווען קיין בינטל האָר פון אַ געליבטער, אָדער געהאַסטער פרוי, צי אַ שטיקל פון אַ מענטשנס בגד. דער מעדיום פאַר דעם מאָדערנעם כּישוף איז אינדאָקטרינאַציע און אַזוי גערופענע אידעאָלאָגיע דורך מאַסן־אָפּווירקונג, דורך אַנטוויקלען אַ פּסיכאָזע.

די פראַגע: וואָס איז רעאַל און וואָס איז נישט־רעאַל — איז נישט קיין רעלעוואַנטע. אין דעם קאָנטעקסט פון שדים, כּישוף, עין־הרעס און אָפּשפּרעכענישן, קען מען גאָר נישט אָנווענדן דעם באַגריף פון רעאַליטעט. דער מענטש איז פון דער נאַטור אויס גענייגט מער צו גלייבן אין דעם וואָס ער זעט נישט און וואָס ער קען נישט פּילן מיט די שפּיצן פון זײַנע פינגער, ווי אין רעאַליטעט. אין רעאַליטעט איז מעגלעך זיך צו אַנטווישן. רעאַליטעט בײַט זיך, דער מענטש וועקט זיך איבער — אינדיווידועל אָדער אין דער מאַסע — פון דעם כּישוף דורך אינדאָקטרינאַציע, אָדער אַנדערע כּישוף־מיטלען. דער־קעגן דער גלויבן אין דעם וואָס מען זעט נישט און וואָס מען קען נישט באַגרײַפן מיט די חושים — איז אַן אייביקער. לעבעדיקע געטער, וואָס מען זעט זיי אויף פּאַראַדן, אין רוישיקע פאַרבלענדנ־דיקע ספּעקטאַקלען, ווערן מיט דער צײַט אויסגעוועפּט, אומווערטיק און אָפּט אויך פאַרהאַסט און צעשטערט. נישט אַזוי מיט געטער, וואָס מען זעט זיי נישט. דער גלויבן אין זיי איז אומדערשיטערלעך אַפילו מ׳איבערצײַגט זיך אין זייער רשעות און אכזריות. צו אומ־געזעענע געטער האָט מען אַלע מאָל געבראַכט קרבנות פון בעלי־חי אָדער פון מענטשן. אַזוי נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. דאָס זעלבע איז אויך מיט אידעען. אידעען זענען טעאָרעטישע סיסטעמען, וואָס מען ווייסט נישט ווי זיי וועלן אַרבעטן אין די באַדינגונגען פון דער ווירק־לעכקייט. אָבער ווי נאָר אַן אידעע פאַרכּישופט, אַזוי איז מען גרייט צו ברענגען פאַר איר די גרעסטע קרבנות, כאָטש שפּעטער קען זיך אַרויסווײַזן, אַז די אידעע איז געווען אַ פאַרפירערישע און צעשטע־

רערישע. דערנאָך ערשט איבערצײַגט מען זיך, אַז מ׳איז געווען געצנדינערס, באַנומענע, פאַרפּישופטע, אָדער ווינציקסטנס — נאַיווע.

דעריבער איז פאַר די מיסטעריעזע מעשׂיות נישטאָ קיין פּאַרצײַטנס און קיין מאָדערניזם. ווי מענטשן אין אַלע תּקופות און אויך הײַנט ווילן נישט וווינען אין אַ צימער נומער 13 אין אַ האָטעל; היטן זיך אויס פון דערלאַנגען עמעצן אַ נאָדל מיט דעם שפּיץ אין דער ריכטונג פונעם מענטש; ווי זיי מײַדן אויס דעם וועג ווו עס איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ; ווי אַ סך גלייבן אַז ווען עס בײַסט די האַנטפלאַך וועט קומען אַ גאַסט — אַזוי גלייבן מענטשן אַלע מאָל אין שדים, אין כּישוף און אין דעם אַלעמען, וואָס איך דערצייל אין די מעשׂיות פון פאַרצײַטנס, נאָר אין יעדער תּקופה נעמען זיי אָן אַנדערע געשטאַלטן און זיי ענדערן זייער מאָראַלישן אויסקלאַנג. רעאַל איז אַלץ אין וואָס מ׳גלייבט.

מ. צ.

דער שליסל צום היכל

ליבע־גיטלען האָט מען כמעט נישט אָנגערופן בײַם נאָמען. די גאַנצע וועלט האָט זי גערופן ,דאָס מאָדנע מענטש׳. אַז אַן אישה איז זי און צו דער תּורה רופט מען זי נישט אויף; דער מאַן, נתן ברײַנעס, רופט זי ,אישה׳, דער אײנציקער זון אירער רופט זי ,מאַמעשי׳ און אַן אויסטערליש מענטש איז זי — איז וואָס פאַר אַ פּעולה האָט עס צו רופן זי ליבע־גיטל?

זי איז דאַר ווי אַ מאָגערע אָדערקע און האָט כּוח פון אַ גבר. זי איז אַ גוט האַרץ אַז זי וואָלט אַוועקגעגעבן איר לעבן פאַר יענעם וואָס בעט זי זאָל אים העלפן, און זי ווערט אַ מרשעת ווען עמעצער שטעלט זיך איר אין וועג אין איר שווערער פּרנסה. וואָרום דעם גאַנצן עול פון פּרנסה טראָגט זי אויס אײנע אַליין. זי האַנדלט מיט היוון, זי שרײַבט בריוו פאַר די אין שטאָט, וואָס אַליין קענען זײ נעבעך נישט אַדורכשרײַבן זיך מיט זײערע קרובים אין קאָלאָמבוסעס מדינה, און אַז עס מאַכט זיך, שדכנט זי אויך אויס אַ שידוך.

איר מאַן, נתן ברײַנעס, איז אַ ווילערנער. ימים ולילה איז ער עוסק אין לערנען תּורה. ווען איר זאָלט האָבן געגעבן ליבע־גיטלען דעם מלכּס אוצר וואָלט זי זיך נישט אויסגעפּועלט מיט אים פון דאַנען ביז אַהער, כּדי אים נישט אָפּצורײַסן פונעם לערנען. דאָס לעבן — זאָגט זי — פאַרגייט און דאָס לערנען באַשטייט. און זי ווײַזט אָן אויפן הימל. באַלד הייבט זי אָן ווײנען, אַז דאָס דורכברעכן די טויערן פון הימל איז מילי־מיליאָסן מאָל שווערער ווי אַרײַנברענגען אין שטוב די פּרנסה, כאָטש קײנער ווייסט נישט אַזוי ווי זי ווי שווער דאָס קומט אָן. די טויערן פון הימל זענען פון אײַזן און יעדער אײנער מוז זיך אַליין פאַרדינען אויף אַ שליסל אויפצושליסן דעם

שלאָס און אַהין אַרײַנקומען. ווי זי רײַסט אײַן וועלטן פֿאַר דער אויסקו־מעניש אויף דער וועלט, אַזוי איז ליבע־גיטל הכנעהדיק בײַ דערשלאָגן זיך צו אַן אייגענעם שליסל צו די טויערן פֿונעם הימל, און איר האַרץ איז צעבראָכן ווי אַ שאַרבן.

אין שטאָט זאָגט מען, אַז נתן ברײַנעס איז אויך עוסק אין קבלה. ליבע־גיטל שווײַגט דערוועגן. איר וועט פֿון איר קיין וואָרט נישט אַרויסבאַקומען. תּורה, זאָגט זי, איז תּורה און איז אָנגענומען בײַ אים אין הימל. מאָנטיק און דאָנערשטיק נאָך חצות אײַלט נתן ברײַנעס זיך אָפּצוטובלען אין אַ קאַלטער מקווה. אַזוי זומער און אַזוי ווינטער. מעג אין דרויסן כליאָפּען אַ מבול, אָדער עס מעג ברענען אַ פֿראָסט. ליבע־גיטל באַגלייט אים דעמאָלט מיט אירע מחשבות, ער זאָל זיך חלילה נישט צוקילן. זי ווייסט אַפֿילו אַז עס קען אים גאָרנישט געשען — ער טוט דאָך עס נישט פֿאַר זיך אַליין, נאָר פֿאַר אים אין הימל, פֿאַר דעם איבערשטנס ליוב וועגן. אין די צווייַ נעכט לערנט ער דעם הייליקן זהר. ליבע־גיטל, אַזוי ווי ער האָט זי איבער־געוועקט פֿון שלאָף מיט זײַן אַוועקגיין אין דער מקווה, אַזוי שלאָפֿט זי נישט מער ווען ער קערט צוריק אַהיים און זעצט זיך לערנען. זײַן קול איז דעמאָלט צוקער זיס, עס צעגייט זיך אין אַלע אבֿרים. דער ניגון בײַם לערנען איז ווי אַ זאַלב אויף אַ בראַנדוווּנד. ווען ער זאָל פֿאַר זיך נישט איבערטײַטשן די ווערטער אויף יידיש־טײַטש, וואָלט זי גאָרנישט געוווּסט אין וועלכע וועלטן ער וואַנדערט דעמאָלט אַרום. וואָרום דאָס לשון פֿון זײַן לערנען איז נאָך מער פֿון לשון־קודש, און פֿון דעם וואָס זי פֿאַרנעמט הייבט איר אָן קלאַפּן דאָס האַרץ אַז זי קען עס גאָרנישט אײַנשטילן. זי זעט זיך דעמאָלט אין הימל, פֿאַר איר זענען די פֿאַרשלאָסענע אײַזערנע טויערן און עס דאַכט זיך איר, אַז ווען דער ניגון זאָל דערגיין צום שלאָס, וואָלטן זיך די טויערן געעפֿנט פֿון זיך אַליין:

„הבל הבלים זאָגט קהלת. אמר רבי אליעזר — האָט רבי אליעזר גע־זאָגט: שלמה המלך עבד ספרא דא — און שלמה המלך האָט געמאַכט דאָס דאָזיקע ספר, ואוקים ליה על שבעה הבלים — און ער האָט עס אַרויפֿגע־שטעלט אויף זיבן הבלים, דעלמא קיימא עלייהו — וואָס די וועלט טוט שטיין אויף זיי. ואינון שבעא עמודין סמכין דעלמא — און זיי זענען די זיבן זיילן, וואָס טוען גרונדפֿעסטיקן די וועלט, לקבל שבעה רקיעין — אַנטקעגן די זיבן הימלען". פֿונעם ניגון ווערן פֿליגל און די פֿליגל הייבן אויף די אותיות פֿונעם הייליקן זהר און טראָגן זיי אַוועק אין הימל אַרײַן. דאָרט זאַמלען זיי

זיך אין אַ ווינקל פון גן־עדן און זיי וועלן וואַרטן אויף אים, אויף איר מאַן, ביז אין הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום.

און זי? ליבע־גיטל? זי האָט ספקות. נישט זינדיקן זאָל זי מיט אירע רייד. אַלץ קומט איר אָן שווערער ווי עמעצן אַנדערש. מוז זי אויף דער וועלט פאַרדינען אויף אָן אייגענעם שליסל צו די אײַזערנע טויערן פונעם הימל.

זי איז די פּירזאָגערין אין דער ווײַבערשול. אין די שבתים און אין די יום־טובים קומט זי אין שול אַרײַן ווי אַ פּרינצעסין. נישט צו דערקענען זי. זי טוט זיך אָן אין איר זײַדענער שובע, וואָס זי האָט נאָך פון דעם חתונה־אויסשטײַער, אויף דער יום־טובדיקער קופּקע מיט די זײַדענע בענד טוט זי אָן דעם געפּלאָכטענעם טשיפּיק מיט דער ציטערפּעדער, און זי גייט ווי זי וואָלט געווען אָן אמתע גבירטע. ווי זי קומט אַרײַן אין פּאָליש פון דער ווײַבערשול, אַזוי גייט זי צו צום פעסל וואַסער וואָס נעבן דעם קאַסטן מיט שמעס, פאַרקאַטשעט דאָס קלייד, שעפּט אָן מיט דער האַנט אַ הויפן וואַסער און שפּריצט עס אַרונטער. ווי דאָס קאָפּ וואַסער וואָלט איר געגעבן רשות, קאָמאַנדעוועט זי מיט די ווײַבער ווי זיי וואָלטן געווען איר חייל. איצט זאָגט מען דאָס, און איצט זאָגט מען דאָס. זי זאָגט עס פון איר „שטאָט״, האַלטנדיק אין אירע הענט דעם דיקן קרבן מנחה סידור. איר קול הערט מען אונטן, בײַ די מאַנצבילן. אַליין איז זי מתפּלל מיט כּוונה און הכנעהדיק און אָפּט וויינט זי אַפילו דאָרט ווו מען דאַרף נישט וויינען. די ווײַבער וויינען איר נאָך און די מאַנצבילן קוקן אַרויף צו דעם באַזונדערן באַלעבאַטישקייט.

ליבע־גיטלען וויינט זיך אַליין. קיינער האָט נישט געוווּסט דעם גאַנצן אמת פאַר וואָס זי וויינט. זי גיסט נישט אויס איר האַרץ פאַר מענטשן, נאָר בלויז פאַר אים אַליין, אין הימל. נאָר אַז ווײַבער האָבן זי געזען אָפּט וויינען, האָבן זיי זי, ווי זייער שטייגער, שטאַרק באַוויינט און געזאָגט, אַז מען האָט אַזאַ גן־עדן־פּירער וואָס קוועטשט זיך איבער זויהער און זיס, איז איר טאָקע זייער ביטער. און געוויינט האָט זי דערפאַר וואָס אויסער איר איינציקן זון, שמיליק, איז זי מער נישט געוואָרן טראָגעדיק.

שמיליקן האָט זי געהאָט צוויי יאָר נאָך דער חתונה. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך איר טאַטן עליו השלום. אַז מען געבוירט דעם ערשטן זכר איז עס אַ סימן, אַז ס׳וועלן קומען נאָך זכרים. און נקבות זענען אויך נישט קיין בבל. די מאַמע שׂרה, די מאַמע רחל און די מאַמע רבקה זענען אויך געווען נקבות און הלוואַי אויף אַלע מאַמעס געזאָגט געוואָרן.

נאָך שמיליקן האָט זיך איר געשטעלט אַ ווינטער אין די געדערעם און זי האָט מער קיין קינדער נישט געהאַט. זי האָט נישט דערפאַר קיין טענות צום הימל, חלילה. ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. אויב דער אייבערשטער האָט איר געגעבן אַ בכור איז עס אַ סימן, אַז ער האָט זיך געגרייט צו געבן איר נאָך און נאָך. און אויב עס איז געשען ווי עס איז געשען און זי איז געבליבן אַ וויסטע עקרה, איז עס פון איר אייגענער שולד, פאַר אירע אייגענע זינד.

ליבע־גיטל האָט וויל געוווּסט, אַז די וועלט איז פול מיט שדים און נישטגוטע. זייערע יענעוועלטישע מעשׂים זענען גאַרנישט צו ברענגען אויף דער מענטשלעכער צונג. אַפילו צו דערמאָנען זיי איז אַ פּחד. ווי דער הייליקער זהר זאָגט, רינגלען אַרום דעם כּסא הכּבוד זיבעציק מלאָכים, וואָס דורך זיי איז דער שעפער פון דער וועלט מבשׂר בשׂורות טובות און אויך, חלילה, בשׂורות רעות. אַזוי האָט דער הימל געמאַכט, אַז נישט זיינע מלאָכים זאָלן מבשׂר זיין דאָס אָנקומען פון די יענעוועלטישע אָנשיקענישן, נאָר דורך די הענער אויף דער ערד זאָל עס ווערן צוּוויסן געטאָן. דערום קרייען די הענער צו חצות, ווען די שדים און נישטגוטע קריכן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און קנייעס און דערפאַר קרייען זיי פאַר טאָג און זענען מבשׂר, אַז די דאָזיקע לייט זענען אַוועק אין זייער רו און אַז יידן דאַרפן שוין אויפשטיין צו עבודת הבורא.

ליבע־גיטל האָט זיך אַלע מאָל אויסגעהיט פון די שדים און רוחות ווי פאַר פייער: אין אָוונט, צי ביי נאַכט גייט זי קיין מאָל נישט אַרויס פון הויז אָן אַ פאַרטעך. ווען די טיקערין קומט צו איר אָפּשערן איר די האָר, שאַרט זי שפּעטער צונויף מיט אַ געניזענער פּענע אַפילו די קלענסטע הערעלעך. שניצט אַריין אין זיי דינינקע שפּענדעלעך האָלץ און פאַרברענט זיי ווי מען פאַרברענט חמץ. אין אירע אומריינע טעג שטעלט זי ביי נאַכט נישט אַרויס קיין פוס אין דרויסן, און ביי נאַכט וועט זי חלילה קיין פאַמעשאַף נישט אויסגיסן אין דרויסן.

ווי וויל ליבע־גיטל האָט וועגן דעם אַלעם געוווּסט, האָט זי אַ שׂטן מקטרג איין מאָל מכשיל געווען און געבראַכט אויף איר דאָס אומגליק:

אין איינער אַ נאַכט פון סליחות האָט דער הימל אַראָפּגעשיקט אַ געוויטער, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך צעוויינט פאַר אירע זינד צו די אָנקומענדיקע ימים־נוראים. האָט ליבע־גיטל געזאָגט צו זיך, אַז כּדי אָפּצוקומען פאַר די זינד וואָס אַ מענטש טוט זינדיקן אַ גאַנץ יאָר, דאַרף ער טאָקע אין

אַזאַ געוויטער גיין צו סליחות, זיך לאָזן רײַסן פֿונעם ווינט, זיך לאָזן שמײַסן פֿונעם שטורעם. אויף יענער וועלט קומט מען אָפּ ערגער. דאָרט רײַסט מען מיט אײַזערנע קאָמען און מען שמײַסט מיט אָנגעגליטע ריטער. פֿון דעסט־וועגן, כּדי חלילה נישט געניזוקט צו ווערן פֿונעם געוויטער, האָט ליבע־גיטל זיך אָנגעבערדעוועט: אויפֿן וואָלענעם שפּענצערל האָט זי אַרויפֿגע־צויגן אַ קאַפּטל, אויפֿן קאַפּטל אַ קוצעווייקע, אויף דער קוצעווייקע אַ שובע און אויף דער שובע אַ פֿאַטשיילע איבערן קאָפּ. און ווי זי האָט געטראַכט זיך אָנצובערדעווען, ס'געוויטער זאָל נישט דערגרייכן איר לײַב, אַזוי האָט זי פֿאַרגעסן אָנעם פֿאַרטעך.

אַ נישט־געשיצטע איז זי אַרויס אין דרויסן. ווי נאָר זי האָט אַריבער־געשטעלט איר פֿוס איבער דער שוועל, אַזוי זענען מכּל ארבע פּינות העולם אָנגעלאָפֿן געוויטער־ווינטן און זי אָנגעהויבן טרייסלען ווי זי וואָלט געווען אַ בוים, וואָס רק זיי, די געוויטער־ווינטן, ווילן אים אַרויסרײַסן מיט די וואָרצלען. ליבע־גיטל האָט זיך געשלאָגן מיטן שטורעם. ער אַהער — זי אַהין, ער רײַסט זי אַרויף אין דער הייך און זי קורטשעט זיך אַראָפּ צו דער ערד. מיט דער פֿאַטשיילע איבערן קאָפּ אַקערט זי דורך דעם געוויטער ביז זי דערגרייכט די שול.

אין דער שול, בײַ די מאַנצבילן, איז קוים געווען אַ מנין; אין דער ווײַבערשול איז זי געווען די איינציקע. האָט זי זיך גאָר שטאַרק צעוויינט מחמת באַוווּנדערונג פֿאַר זיך אַליין, און זי האָט גערעדט צום באַשעפֿער פֿון דער וועלט פֿונעם האַרצן אַרויס:

„דו זעסט דאָך אַליין, ליבער האַר, אַז אין אַזאַ נאַכט בין איך די איינציקע פֿון דער גאַנצער שטאָט נשים וואָס איז געקומען אין דײַן הויז צו בעטן בײַ דיר, ווי אַ טאָכטער בעט בײַ איר פֿאָטער, דו זאָלסט מיר מוחל זײַן אַלע מײַנע זינד וואָס איך האָב געטאָן זינדיקן אַ פֿעליק יאָר. מעגסט מיר גלייבן, ליבער האַר, אַז ווען איך זאָל וויסן, אַז דאָס וואָס איך טו איז זינדיק, וואָלט איך זיך אָנגעטאָן אַ מעשׂה איידער איך וואָלט גע־זינדיקט. דערום בין איך געקומען דיך בעטן פֿאַר מײַן מאַן, פֿאַר מײַן קינד און פֿאַר מײַנעטוועגן, דו זאָלסט מיר ווײַזן דעם וועג פֿון די צדיקים, וואָס איך בין זיי נישט ווערט, צו אַ שליסל צו דײַנע טויערן אין הימל".

אַז די סליחות האָבן זיך געענדיקט איז ליבע־גיטל אַוועק פֿון איר „שטאָט" אַ געלײַטערטע. זי האָט אַפֿילו געהאַט פֿאַרגעסן דאָס געוויטער אין דרויסן. אָבער ווי נאָר זי איז אַרויס פֿון דער שול האָט הינטער די טירן

געטשאַטעוועט אויף איר אַ ווילדער ווינט. ער האָט איר אַ שאָט געטאָן אין פּנים אַרײַן אַ זשמעניע שטויב, דערנאָך האָט ער געוואָרפן אויף איר אַ שופל האַרבסטיקע בלעטער פון ביימער, שטיקלעך צווײַגן, פון ערגעץ־ווו האָט ער אָנגעטראָגן יריעות ווײַסן געוואַנד, צי שטיקער פּאַפּיר. ער האָט זי נישט געלאָזט גיין. ליבע־גיטל איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענע מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט זיך מער נישט אויסגעפונען אין וועלכער זײַט זי דאַרף פּרוּוון שטעלן אירע טריט.

פלוצים האָט אָנגעהויבן פײַפן אַרום איר. דער פײַף האָט זיך אַרויפ־געדרייט אַזוי ווי עס דרייט זיך אַרויף אַווירבלווינט און זי האָט דערפילט אַז דער ווילדער ווינט איז אונטער איר קלייד. אָט הייבט ער שוין אויף אויך די האַלקע און די באַרכאַנקע. זי ווערט ווי אַ פּאַראַסאָל, וואָס דער ווינט רײַסט אים פון אונטן ער זאָל זיך אויפהייבן און זי פילט ווי אַ סך הענט וואָלטן באַטאַפּט אירע פיס. אויף אַ רגע עפנט זי די אויגן צו זען ווו זי געפינט זיך און אָט זעט זי ווי פון אַרום אירע פיס וויקלט זיך אויף אַ קאַראַהאָד ווײַסע און שוואַרצע געשטאַלטן. דער קאַראַהאָד וויקלט זיך אויף און יעדעס געשטאַלט אַנטלויפט אין אַן אַנדער זײַט און ווערט נעלם. באַלד קומט אָן אַ צווייט געשטאַלט, דאָ אַ ווײַס׳ און דאָ אַ שוואַרצס און באַטאַפּן איר די פיס. זי האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות אַראָפּגעבויגן, כּדי אַראָפּ־צוציִען אירע קליידער צו פאַרדעקן די פיס און זי כאַפּט זיך, אַז זי איז אָן דעם פאַרטעך. זי איז נישט געשיצט קעגן נישטגוטע. זי וואָלט געשריגן, אַז די שדים און נישטגוטע זאָלן גיין אין זייער רו אַרײַן, אָבער דער שטורעם לאָזט איר נישט עפענען דאָס מויל. ער ווילדעוועט מיט שטויב, מיט שמאַ־טעס, מיט זעגעכץ און מיט אַרויסגעריסענע פייגל־נעסטן. האָט זי געשריגן אין זיך אַרײַן, אַז זי איז אָן אָפּגעשאָכטענע. צוליב אייגענער שכחה האָט זי געבראַכט אויף זיך אַן אומגליק.

נישט טויט און נישט לעבעדיק האָט זיך ליבע־גיטל דערשלעפּט אַהיים. יעדעס פּעדעמל פון איר לײַב האָט געציטערט פון פּחד און פון שלעכטן פאַרגעפיל. האָט זי געקרעכצט ווי אַ מענטש קרעכצט פון וויטאַק. נתן ברײַנעס האָט מפסיק געווען אין לערנען, אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פונעם ספר און געפרעגט:

„באַרישע אישה, אין אַזאַ צײַט האָסטו נישט געקענט גיין צו סליחות פאַר טאָג?"

האָט ליבע־גיטל געענטפערט מיט אַ דערשלאָגן קול:

„אַוודאי בין איך אַ נאַר. איך בין דאָך אַן אישה און דערצו האָב איך פאַרגעסן אָנטאָן דאָס פאַרטעך".

נתן ברײַנעס איז צוריק אַרײַן אין לערנען ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, נאָר זי, ליבע־גיטל, האָט געפלאָטערט פון שרעק פון וועגן דעם וואָס זי האָט געפילט. און געפילט האָט זי, אַז דאָס געוויטער האָט געמיינט בלויז איר. אַלץ פון וועגן דעם וואָס זי האָט פאַרגעסן אָנצוטאָן דאָס פאַרטעך. האָבן די שדים און נישטגוטע פאַרקאָטשעט איר קלייד, איר האַלקע, איר אונטערקלייד און איר באַרכאַנקע און זיך פאַרקליבן צו יענעם מקום און אים פאַרשטעלט אויף אייביק. און ווי איר האַרץ האָט איר געזאָגט אַזוי איז געשען:

אין יענעם חודש האָט זי נישט געהאַט דעם שטייגער פון ווײַבער און אויך נישט די פרייד טאָמער איז עס אַ סימן, אַז זי איז מעוברת. זי איז נישט געווען מעוברת. האָט זי נאָך געהאָפט צו דעם איינציקן פּאָטער אין הימל אַ חודש, און צוויי, און דרײַ חדשים, און ער האָט איר נישט געהאָלפן. ליבע־גיטל איז געוואָרן אַן עקרה. זי איז געבליבן בלויז מיט איר איין און איינציק אויג אין קאָפּ, מיט דעם איין און איינציקן קדיש אירן — שמיליק.

ליבע־גיטל האָט אָנגעהויבן קוקן מיט חשד אויף איר נתנען. דאָס זיצט ער ימים ולילה און לערנט און גרייט פאַר זיך דעם שליסל צו די טויערן פון הימל ווען זײַן צײַט וועט קומען. ער טראַכט נישט וועגן איר. אַז מען האָט עטלעכע קדישים איז דער וועג אַהין לײַכטער. אָבער אַז זי האָט נישט מער ווי דעם איינציקן, און לערנען תּורה לערנט זי נישט און ימים ולילה ווערט זי אויסגעריסן פון דעם עול פון פרנסה — וואָס זשע וועט זײַן מיט איר? צי וועלן חלילה אַלע וועגן זײַן פאַרשלאָסן פאַר איר?

אין איינער אַ נאַכט איז זי געלעגן אויף איר געלעגער אַ פאַרשמאַכטע ווען איר מאַן איז צוריקגעקומען פון דער מקווה. ווי ער איז אַרײַן אין הויז און אָנגעצונדן דאָס נאַפּטלעמפּל, אַזוי האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום ספר ווי ער וואָלט געווען אויסגעהונגערט פון יאָרן. און באַלד האָט זיך אין דער האַלבער חשכות פון דער קאַמער צעניגונט זײַן ניגון צו די אותיות פונעם זהר: „כתיב והבית בהבנותו אבן שלמה מסע נבנה — עס שטייט געשריבן שטייט, אַז דאָס הויז פון שלמה המלך בײַם בויען עס זענען די שטיינער געווען געטעסעטע בײַם אַרויסהאַקן זיי פונעם פעלז. והבית בהבנותו — און דאָס הויז בײַם בויען עס כד הוו דכר ונקבא כחדא מתחברא — ווען די קאַמערן אין דער בחינה פון זכר און נקבה טוען זיך באַהעפטן צוזאַמען.

כדין אבן שלמה אשתלימת כמה דאצטריך — דעמאָלט האָט איין געטעסע־טער שטיין זיך געלייגט אויפן צווייטן געטעסעטן שטיין ווי עס געהער צו זײַן. ולא אשתלימת עד דהוות מסע — און אַז ער האָט זיך נישט אַרײַנ־געפּאַסט האָט מען געוואָרט ביז ער וועט זײַן געטעסעט, דנסע לה קדוש ברוך הוא ואתקיף לה וקשיט לה ואייתי לה לגבי דאדם — וואָס געטעסעט האָט אים הקדוש־ברוך־הוא און ער האָט אים געקרעפטיקט און אים געצירט און אים געגעבן צו דעם מענטש, וכדין נבנה ואשתלימא מכלא — און דעמאָלט האָט ער זיך אַרײַנגעבויט און פּאַסיק געוואָרן אינעם גאַנצן. וכד אחברו דא עם דא כל רוחין אוחרנין וכל זינין בישין אתעברו מתמן — און אַז זיי האָבן זיך באַהאָפטן ער מיט איר אַזוי זענען אַלע בייזע רוחות און כל מיני שלעכטיקייטן נישט־געוואָרן פון דאָרט".

ווי די ניגונדיקע ווערטער זענען דערגאַנגען צו דער פאַרשמאַכטער ליבע־גיטל אויף איר געלעגער, אַזוי איז אַ ליכטיקע האָפענונג אויפגעגאַנ־גען אין איר לײַב. די ווערטער האָבן געזונגען אין איר — „און אַז זיי האָבן זיך באַהאָפטן ער מיט איר, אַזוי זענען אַלע בייזע רוחות און די כל מיני שלעכטיקייטן נישט־געוואָרן פון דאָרט". איצט איז די צײַט פון תיקון. ער זינגט צו איר. זי האָט אים קיין וואָרט נישט דערציילט פון דעם אַלץ וואָס עס איז געשען מיט איר און ער ווייסט, איר נתן ווייסט, אַז בייזע רוחות און כל מיני שלעכטיקייטן זענען איר באַפאַלן און זי געמאַכט פאַר אַן עקרה. וועט הקדוש־ברוך־הוא איצט קרעפטיקן אים און איר און זי באַפרײַען פון איר קלעם. האָט ליבע־גיטל געקרעכצט פון איר געלעגער:

„נתן, נתן".

„וואָס, אישה?" האָט ער געפרעגט נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פונעם ספר.

האָט ליבע־גיטל אים געוועקט:

„ס'איז שוין שפּעט. די הענער גרייטן זיך שוין קרייען אויף טאָג און דו גייסט נישט צו בעט. קום צו בעט, נתן".

„באַלד" האָט ער געענטפערט נישט צו האָבן געהערט וואָס זי האָט געמאָנט פון אים און ער האָט זיך אויף ס'נײַ צעניגונט איבערן הייליקן ספר.

איז ליבע־גיטלס אויפגעוועקט געמיט פאַרוואָלקנט געוואָרן און זי האָט פאַרקלעמט אין זיך, נישט צו זאָגן אים וואָס זי האָט געטראַכט: „איך יאָג אַרויס פון זיך די נשמה, ער זאָל קענען זיצן און לערנען, און ער — ער טראַכט בלויז וועגן זיך און ער זאָרגט בלויז פאַר זיך".

נאָר ווי די חכמים טוען זאָגן, אַז ווי דער מענטש ווערט אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט מיט זײַן אייגענעם גורל, אַזוי גייט ער אויך אַוועק אויף זײַן אייגענעם באַראָט, אַזוי איז אויך ליבע־גיטל אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט מיט דעם זכות צו האָבן אַן אייגענעם שליסל צו די טויערן פון הימל, כאָטש זי איז געבוירן געוואָרן אַן אישה און איר גורל איז צו זײַן בלויז דעם מאַנס פיסבענקעלע אין גן־עדן.

ס'איז געווען אין דער צײַט ווען ס'פּוילישע מלכות האָט זיך באַנײַט און ס'איז געקומען צו אַ מלחמה מיט דעם נײַעם מלכות פון רוסלאַנד, וואָס האָט געזאָגט, אַז עס גייט מאַכן אַז אויף דער וועלט זאָל הערשן צדק ויושר. און אַז מען האָט זיך געשלאָגן, איז אַ מאָל דאָס חייל אָפּגעטראָטן און אַ מאָל איז אָפּגעטראָטן דאָס חייל. און אַזוי האָבן זיך געגאָסן טײַכן בלוט. נאָך יעדן אָפּטרעטן און נאָך יעדן צוריקקומען איז דאָס פעלד געבליבן באַלייגט מיט הרוגים. סײַ אין דעם חייל זענען געווען יידישע זעלנער און סײַ אין דעם צווייטן חייל זענען געווען יידישע זעלנער, און זיי האָבן זיך געקוילעט איינאַנדער ווי אַלע האָבן געקוילעט איינאַנדער.

די לעצטע שלאַכט צווישן די צוויי חיילות איז געווען אַ הריגה ווי ביידע וואָלטן זיך אָפּגערעדט זיך אויסצושעכטן ביזן לעצטן און אַזוי־ערנאָך פאַרענדיקן אַלע מלחמות אויף דער זינדיקער ערד.

הינטער דער שטאָט איז געווען אַ טיפער זאַמדגרוב, וואָס מיט זײַן זאַמד זענען אַלע מויערן אויפגעבויט געוואָרן, און וואָס פון אים פלעגט מען ברענגען זאַמד אָנצושיטן אין די הײַזער ערב שבת און ערב יום־טוב פאַר ליכטיקייט אין די אויגן. האָבן ביידע חיילות, אַזוי די פּוילישע און אַזוי די רוסישע, זיך פאַרהאַלטן די פון איין זײַט גרוב און די פון דער אַנדערער זײַט גרוב טאַקע ווי זיי וואָלטן בײַ זיך אָפּגעמאַכט: דאָ וועט עס נעמען אַן עק, דאָ וועלן מיר זיך אויסהרגענען, אַז מ'עט אַפילו פאַרשפּאָרן צו גראָבן קברים.

פון וואַנען ליבע־גיטל האָט געוווסט וואָס דאָ גייט געשען, איז קיין מאָל נישט קלאָר געוואָרן און זי אַליין האָט געשוויגן, כאָטש בײַם שלעפּן דעם עול פּרנסה איז זי געווען באַרעדעווודיק נאָך מער ווי בײַם פּירזאָגן אין דער ווײַבערשול.

אין יענעם באַגינען אין וועלכן עס איז געקומען צו דער הריגה בײַם זאַמדגרוב, איז ליבע־גיטל געווען פאַרשטעקט צווישן דעם פּלויט פון דעם אַלטן בית־עולם און אַ האַלב חרוב הויז אין דער נאָענט פון דעם קטל־פעלד.

עס קען גאָר זײַן, אַז פּאַר טאָג איז ליבע־גיטל געקומען אויפֿן אַלטן בית־עולם צו דער אײַנגעפּאַלענער מצבה אויפֿן גראָזיקן קבר פֿון איר עלטער־זיידע, דעם צדיק און חסיד רבי זײַנוועלע, בעטן בײַ אים ער זאָל דאָרט צווישן די צדיקים אויספּועלן אַ זכות פֿאַר איר. און דעמאָלט גראָד האָבן זיך די צוויי חיילות גענומען צום שיסן און זי האָט זיך דעריבער אויסבאַהאַלטן, ווו זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

אַזוי צי אַזוי האָט זי פֿון דער באַהעלטעניש געזען אַלץ וואָס עס איז געשען בײַם זאַמדגרוב. יעדער קנאַל פֿון אַ ביקס האָט אָפּגעשלאָגן אין איר ווי זי וואָלט דורכגעגאַנגען חיבוט־הקבר.

צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט ליבע־גיטל געזען, אַז אַ מענטש שטאַרבט נישט שטייענדיק, צי ליגנדיק, נאָר צום טויט לויפֿט ער. ווי נאָר עס פֿאַלט אַ קנאַל אַזוי מאַכט עמעצער אויסטערלישע אויפֿשפּרונגען, פֿאָכעט מיט די הענט און לויפֿט, לויפֿט ביז ער פֿאַלט. טייל שפּרינגען אויף אין דער לופֿטן און קײַקלען זיך אַראָפּ אין גרוב אַרײַן. אַנדערע פֿאַלן בײַם ראַנד פֿון דעם גרוב און דערנאָך קומט אַ נישט־געזעענע האַנט, וואָס שטופּט זיי אַראָפּ אין גרוב אַרײַן. פֿון דעם ווי עס זענען אָנגעלאָפֿן זעלנער — אַזעלכע וואָס אַנטלויפֿן און שיסן און אַזעלכע וואָס יאָגן נאָך די אַנטלויפֿנדיקע און שיסן, האָט זיך ליבע־גיטלען אויסגעדאַכט, אַז עס וועט קיין מאָל נישט נעמען קיין סוף. דערנאָך איז איין מחנה געבליבן שטיין בײַ איין זײַט גרוב און די צווייטע מחנה בײַ דער צווייטער זײַט גרוב און צו זיך אַריבער־געשאָסן, אַז דער זאָל לויפֿן צום טויט פֿון דער זײַט גרוב און דער זאָל לויפֿן צום טויט פֿון יענער זײַט גרוב.

ווי קיינער האָט נישט געקענט זאָגן פֿאַר וואָסביידע חיילות האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם גרוב, כּדי זיך אויסצוהרגענען, אַזוי האָט קיינער נישט געקענט זאָגן פֿאַר וואָס זיי האָבן זיך מיישב געווען און ווידער האָט איין מחנה אָנגעהויבן לויפֿן און די צווייטע — נאָכיאָגן. ווי די ביקסן־קנאַלן האָבן זיך דערווײַטערט, אַזוי איז פּלוצים געוואָרן שטיל־שטיל, אפֿשר אַזוי שטיל ווי נאָכן מבול ווען די פֿאַרפּלייץ־וואַסערן האָבן אָפּגעצויגן און די וועלט איז געווען אויסגעליידיקט פֿון מענטשן און חיות, פֿון פֿייגל און פֿון ווידמונגען. אין אָט דער שטילקייט האָט ליבע־גיטל זיך אויפֿגעהויבן פֿון איר באַהעלטעניש און גענענט אירע טריט צום זאַמדגרוב. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי די שטילקייט יאָגט זי נישט נאָך. אויסער איר איז קיינער אויף דער וועלט נישט געווען.

ביַים ראַנד פונעם זאַמדגרוב האָט זי זיך פאַרהאַלטן ווי איר האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט — אַ פולער גרוב מיט טויטע. דער גאַלדיקער זאַמד איז באַבלומט מיט רויטע ווילדגרויסע בלוט־בלומען. דערנאָך איז זי אַראָפּ אין גרוב און געגאַנגען צווישן די געפאַלענע — געפאַלענע מיט געראַלטע דעקן איבער די אַקסלען ווי מיט כאַמאַנטן, דאָס זענען טויטע פון איין מחנה; אַזעלכע אין גרויען מיט רוקזעק אויף די אַקסלען זענען טויטע פון דער צווייטער מחנה. זי האָט געקוקט דאָ אויף דעם גוף און דאָ אויף אַן אַנדער גוף און נישט געוווּסט פון וועלכן אָנצוהייבן. פּלוצים האָט זי פאַר־שאַרצט די אַרבל פון איר בלוזע, זיך אַראָפּגעבויגן צו אַ טויטן און אויפגע־קנעפּלט זײַנע הויזן. זי האָט זיך אײַנגעקוקט דאָ אין דעם לײַב, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט און דאָ אינעם פּנים פונעם טויטן, און גע־מורמלט, ווי אַ מאַמע מורמלט איבער איר שלאָפנדיק עופעלע:

„זאָרג זיך נישט, מײַן קינד, וועסט קומען צו קבר ישׂראל״.

און זי האָט מיט דער האַנט פונעם טויטן פאַרדעקט זײַן אַנטנאַקעט לײַב. דערנעבן איז געלעגן אַ טויטער מיטן פּנים אַראָפּ און מיט אַ געראַלטן דעק איבערן אַקסל. האָט זי אים איבערגעדרייט מיטן פּנים אַרויף, אָפּגע־קנעפּלט זײַנע הויזן און בודק געווען זײַן לײַב. ער איז נישט געווען געמַלט. האָט זי אויף אים קיין ציכן נישט געמאַכט, נאָר צוריק פאַרדעקט זײַן לײַב. זי האָט זיך אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זײַט. דאָרט איז געלעגן אַ טויטער מיטן פּנים אַראָפּ און מיט דער קני אונטערן בויך ווי ער וואָלט זיך וועלן אויפשטעלן און לויפן. זי האָט אים אויסגעדרייט מיטן פּנים אַרויף און אויפגעקנעפּלט זײַנע הויזן. אויך ער איז נישט געווען געמַלט. זי האָט פאַרדעקט זײַן לײַב.

אַזוי איז ליבע־גיטל געגאַנגען פון איין טויטן צום צווייטן און געזוכט ייִדן, כּדי זיי זאָלן זוכה זײַן צו קומען צו קבר ישׂראל.

נאָך אַ וועלכער שעה פון זוכן האָט ,דאָס מאַדנע מענטש׳ דערפילט אַ ווייטאָק אין רוקן פון שטיין אײַנגעבויגן. האָט זי זיך אויפגעשטעלט אויסצו־גלײַכן דעם רוקן און זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דעם שטח אַרום איר. מיט די אויגן האָט זי געציילט די הענט פון די טויטע, מיט וועלכע זי האָט פאַרדעקט זייער געמלט לײַב, און אַ שטראָם פון כּוח האָט זיך אין איר צעגאָסן. האָט זי זיך מיט אימפּעט צוריק אײַנגעבויגן אויף צו זוכן ייִדן. עס האָט איר נישט געאַרט וואָס דער שוויס פאַרגיסט איר שטערן און די אויגן. מיטן אָרעם האָט זי געווישט דעם שוויס און געזוכט. ביז עס איז איר

פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, אין קאָפּ האָט זיך איר געמישט. האָט זי זיך אויפגעשטעלט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ביז דער קאָפּשווינדל איז איר פאַרביי. דעמאָלט האָט זי זיך אויסגעצויגן אַ סך העכער ווי זי איז געווען, געווענדט אירע אויגן צום הימל און אַהין אויסגעשטרעקט אירע הענט. זי האָט געקוקט אין דער הייך, ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט און לסוף געשעפּטשעט אַזוי ווי זי שעפּטשעט אַ תּפילה:

„נו, פאָטער אין הימל?"

דעם קיסרס עין־הרע

סרוליק האָט באַקענט דעם קיסר ווען ער האָט אין חדר אָנגע־הויבן לערנען חומש. ס׳איז געווען ערב גאַלוווקע בעת די וועלט פּראַוועט דעם טאָג ווען דער קיסר איז געקומען אויף דער וועלט. אין יענעם טאָג האָט די מלמדטשיכע, שפּרינצע שיִע זלמנס, גענומען ס׳חדר אונטער איר פּאַרטעך און געשאַלטעט אין אים ביד רחבה. זי האָט די חדר־ייִנגלעך איינ־געשפּאַנט, די זיי זאָלן אַרויסטראָגן אין דרויסן די בענק און דעם טיש צו שייַערן זיי, אַנדערע — זיי זאָלן גיין ברענגען געלן זאַמד אָנצושיטן אויפן דיל. נאָך אַנדערע — זיי זאָלן מישן דעם קאַלך צו פּאַרווייַסן די פלעקן אויף די ווענט. דעם מאַן אירן, שמאי בטלן, האָט זי אַרויסגעפּראַוועט ער זאָל גיין ברענגען דעם קיסר. אָבער געגאַנגען איז ער ערשט נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעפּוצט די שטיוול מיט שפּייַעכץ, אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע מיט דעם נייַעם טוכענעם היטעלע און אָנגעטאָן אויפן האַלדז די טערקישע פּאַטשיילע, ווי עס וואָלט געווען שבת אין אַ ישוב אָן אַן ערוב.

אויף אָנצונעמען כּוח האָט דער מלמד אָנגעשטופּט ביידע נאָזלעכער מיט שמעקטאַביק און ער איז אַוועק מיט אימפּעט. איצט, אַז שפּרינצע שיִע זלמנס האָט אַרויסגעפּטרט די עכברושים, די תּלמידים, און איר גן־עדן־פירער, דעם מאַן, האָט זי זיך גענומען צו שייַערן דעם דיל ווי עס וואָלט געווען ערב פּסח און אויף איר ציטערט די הויט זי זאָל חלילה נישט נכשל ווערן מיט אַ זשאַרנע חמץ.

ביז יענעם טאָג האָט סרוליק נישט געקענט דעם קיסר. געהערט וועגן אים האָט ער יאָ. ער האָט געהערט, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַזעלכע לייַט וואָס ווילן דעם קיסר רק הרגענען. ראָטעס זעלנער מיט שאַשקעס און ביקסן היטן אים טאָג ווי נאַכט, גייען אים נאָך אויף טריט און שריט און האַלטן איין בלאָזן אַז אַפילו אַ שטויבעלע זאָל נישט פאַלן אויף אים. טאָמער קלייַבט זיך דער קיסר אין דער מקווה אַרייַן, זוכן גענערעלער אין די וועש וואָס די קיסרינע גיט אים מיט, און זיי לאָזן זיך פריִער אַראָפּ אין וואַסער אויסצוטאַפּן, צי דאָרט שנאַפּן נישט בונטאַוטשיקעס. שׂרהטשע, סרוליקס עלטערע שוועסטער, זינגט אַפילו אַ ליד וועגן ברוך שולמאַן, וואָס האָט געוואָרפן אַ באָמבע אונטער דער קאָטש פון דעם קיסרס גובערנאַטאָר און אים צעריסן אויף פּיץ־פּיצעלעך.

איצט איז דער רבי שמאי בטלן געגאַנגען איינער אַליין ברענגען דעם קיסר!

ס׳חדר איז שוין געווען צוגעגרייט ווען דער רבי איז צוריקגעקומען מיטן קיסר. דער אויסגעשייַערטער טיש און די בענק האָבן געשמעקט מיט פרישער פייַכטקייט און לויג. דער פריש אָנגעשאָטענער זאַמד אויפן גע־שייַערטן דיל האָט געקנאַקט אונטער די פיס מיט אַ יום־טובדיקן קנאַק. שפּרינצע שיִע זלמנס האָט פאַרשטעלט די טיר מיט איר ברייטן פאַרטעך און אַפילו די קאַץ נישט אַרייַנגעלאָזט אין דער קאַמער.

שמאי בטלן איז אָנגעקומען מיט אַ געלאָסן און יום־טובדיק גענגל. ער האָט געטראָגן דעם קיסר אונטערן אָרעם. די גאָלדענע ראָם האָט אויפ־געכאַפּט די ליכטיקייט פון דער זון און צוריקגעוואָרפן בלאַנקענדיקע שופן. פון די אַרומיקע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט זעענדורשטיקע אויגן צו דעם מלמד, וואָס האָט זיך ווי געהוידעט מיט זייַנע בנעימותדיקע טריטלעך, און מיט זייַן אָרעם פאַרשטעלט דעם קיסרס געשטאַלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע.

זעלטן, טאַקע נאָר אין אַ יומא דפגרא, זעען די שכנים שמאי בטלן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, אין אויסגעפּוצטע שטיוול און ער זאָל גיין מיט אַזאַ געלאַסן גענגל. דער מלמד איז אַזוי געגאַנגען נישט אַזוי פיל פון וועגן דער וויכטיקייט פון טראָגן דעם קיסר, וואָס ער האָט אויף איין מעסלעס אויסגעלייִען בייַ די גויִים, נאָר פון וועגן פּחד, ער זאָל חלילה נישט גע־שטרויכלט ווערן, פאַלן און צעקלאַפּן דעם קיסר.

ביז איבער דער גאַלוווקע דאַרף דער קיסר הענגען אויף אַ ליכטיקער וואַנט אין חדר, די תּלמידים זאָלן זיך אײַנקוקן אין אים אַז ווען אויף צו מאָרגנס, זיי וועלן אין דער שול הערן דעם „מי שברך", זאָלן זיי וויסן וואָס און פאַר וועמען.

האָט דער רבי געטראָגן דעם קיסר ווי אויף משקולת. ביַי דער טיר האָבן אים אָפּגעוואַרט די מלמדטשיכע און די חדר־ייִנגלעך. אין דעם טונקעלן פּרוזדור האָט שמאי געטראָגן דעם קיסר פאַר זיך אַזוי, אַז ווען ער איז אַריַין אין דער אָפענער טיר, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס גייט דער קיסר אַליין, נאָר ער גייט בגלוי ראש, מיט אַ וויַיסן שרונט אויפן קאָפּ. זיַינע בלויע אויגן קוקן זיך אַרום. דאָס קמץ־בערדל שווימט אַראָפּ צום בלויען מונדיר מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן. עס איז שטיל, מ׳הערט נאָר דעם געקנאַק פון די טריט אינעם אָנגעשאָטענעם זאַמד אויפן דיל. פונעם מלמד איז געבליבן בלויז דער אונטערשטער טייל פון זיַין שבתדיק כאַלאַטל און די געפּוצטע שטיוול. פון אויבן, איבער דער ראַם פונעם קיסר, הייבט זיך אַרויס די דענקע פון דעם טוכענעם היטעלע, ווי דאָס ביַיע היטעלע וואָלט געווען דעם קיסרס קרוין. שמאי בטלן איז געגאַנגען גליַיך צו דער וואַנט און געוואָרטשעט מיט אַן איבערגענומען וואָרטשעניש:

„שפּרינצע, רוק אָפּ די באַנק. שפּרינצע, שטעל מיר צו דאָס בענקל נעבן דער וואַנט. שפּרינצע, די קאָץ איז מיר צווישן די פיס".

נאָר סיַי ווי איז געשען, וואָס איז געווען באַשערט און פון וועגן וואָס שמאי האָט נאָך פריִער געטראַכט, אַז ס׳קען חלילה געשען:

כאָטש אין דער וואַנט איז געווען אַ גרייטער טשוואָק נאָך פון פאַראַיאָרן און שפּרינצע האָט געפּרוווט דאָס בענקל, צי עס וואַקלט זיך נישט, איז ווי נאָר שמאי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן בענקל און ווי נאָר ער האָט אויפגעהויבן דעם קיסר אים אויפצוהענגען, אַזוי האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן, דער קיסר איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט און אַראָפּגעזאַרגעט אויף דער ערד מיט אַ קלאַפּ פון סכּנת נפשות.

„בטלן איינער! — האָט שפּרינצע שיִע זלמנס אַ קוויטש געטאָן — וואָס האָסטו מורא געהאַט צו געבן מיר דעם קיסר אין די הענט אַריַין? האָסט מורא געהאַט איך וועל אים פאַרקנעטן אין די לאָקשן? קענסט דאָך אַפילו דעם קיסר נישט אויפהענגען!"

אַזוי האָט זי געזאָגט, און שמאי איז געוואָרן נאָך בלייכער ווי ער איז געווען. ער איז ווי צוגעשמידט געוואָרן צום בענקל אויף וועלכן ער איז

געשטאַנען. ער האָט געזען פאַר זיך ס׳גיהנום. איצט וואָלטן נאָר די גויים געדאַרפט זען ווי דער קיסר ליגט ביַי זיַינע פיס צווישן דעם בענקל און דער וואַנט. זיי וואָלטן אים אַ געשמידטן אין קייטן אַוועקגעפירט אויף סיביר. ער וואָלט אויף אייביק פאַרלוירן ס׳קנעלונג. גאַרנישט מיט זיַין קול האָט דער מלמד אויסגערופן:

„אישה, ביַיס זיך אָפּ די צונג. אויפהענגען זאָל מען שונאי ציון!"

אַז שפּרינצע שיַע זלמנס האָט אויפגעהויבן דעם קיסר, האָט שמאי אים אַרויסגענומען פון אירע הענט מיט פורכט ווי מען נעמט אַרויס אַ הדר־אתרוג פון די פּאַקולעס, חלילה נישט אָפּצוברעכן דעם פּטום, און ער האָט אים אויפגעהאָנגען מיט אַ קרעכץ פון פאַרליַיכטערונג:

„געלויבט השם־יתברך!"

פון דעסטוועגן איז שמאי נאָך אַלץ געווען צעטרייסלט, און אַראָפּני־דערנדיק פון דעם בענקל האָט ער געזאָגט צו זיַינע תּלמידים:

„קינדערלעך, בעוונותינו הרבים וועלן מיר ביז משיח וועט קומען זיַין נעבעך אין גויִישע הענט. דערום זאָלט איר, חלילה וחס, קיינעם נישט דער־ציילן וואָס דאָ איז געשען. נישט דעם קיסר האָט געשאַדט אַז ער איז אַראָפּ־געפאַלן און נישט עמעצן אַנדערש איז עפּעס געשען. נאָר טאָמער דערגייט די מעשׂה צו מיישקע דעם מוסר און טאָמער וועט ער דערטראָגן אַ דאָנאָס, אַזוי וועט מיך דער קיסר ישמרינו השמים שליסן אין קייטן".

מיט אָט די ווערטער זענען דעם מלמד שמאי בטלנס תּלמידים געוואָרן שותּפים צו אַ סוד, וואָס מען טאָר אים פאַר קיינעם נישט מגלה זיַין. אויך דער קיסר אויף דער וואַנט האָט געשוויגן. ער האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַ גראָ־בלויען בליק, און סרוליקן האָט זיך געדאַכט, אַז פריִער, ווען דער מלמד האָט געבראַכט דעם קיסר אין חדר אַריַין, איז זיַין בליק געווען בלויער, מילדער. איצט איז דער בליק שטאָליק. ער קוקט נישט אויף קיינעם, ער קוקט אין חדר אַריַין.

סרוליק איז אַהיימגעקומען אַ צעפּלאָנטער. דער סוד איז געווען צו גרויס ער זאָל אים קענען באַהאַלטן. האָט ער אים מגלה געווען פאַר זיַין עלטערער שוועסטער, וואָס זינגט אַ ליד וועגן ברוך שולמאַן. און אַז ער האָט איר דערציילט דעם סוד, האָט ער געוואָלט זי זאָל אים זאָגן פאַר וואָס ווילן ליַיט הרגענען דעם קיסר און פאַר וואָס וואָלט דער קיסר געשלאָסן אין קייטן דעם מלמד שמאי בטלן ווען מיישקע מוסר זאָל צוטראָגן אויף אים אַ דאָנאָס. האָט די שוועסטער געזאָגט, אַז ער איז צו יונג צו וויסן וועגן אַזוינע

מיני זאַכן וואָס ווערן באַשריבן אין ביכלעך. האָט סרוליק נישט נאָכגעגעבן און געזאָגט, אַז ער לערנט שוין חומש. ער ווייסט שוין ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און ווי אַזוי אָדם און חוה האָבן געזינדיקט, פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן און געבראַכט אויף דער וועלט קין און הבל. און קין האָט געהרגעט זײַן ברודער הבל. מעג ער, סרוליק, אויך וויסן פאַר וואָס לײַט ווילן הרגענען דעם קיסר און פאַר וואָס דער קיסר וואָלט געשלאָסן אין קייטן דעם רבין.

אַזוי ווי דער קיסר קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט אין חדר זעט ער נישט אויס צו זײַן אַ שלעכטער מענטש. מיט דעם קמץ־בערדל און מיט די פּאַר־שפּיצטע וואָנסעס זעט אויס דער קיסר ווי יאַנקל פעלדשער. נאָר יאַנקל פעלדשער איז אָנגעטאָן אין אַ צעקנייטשטן קאַפּעליטש אין דער ברייט, אַזוי ווי נאַפּאָלעאָן אויפן פערד, און ער האָט אַלע מאָל אויסגעשטופּטע קעשענעס מיט פלעשעלעך און שמירעכצער. פאַר וואָס זשע טשעפּעט נישט קיינער יאַנקל פעלדשער, בעת דעם קיסר היטן אָפּ ראָטעס זעלנער מיט שאַשקעס און ביקסן, גייען אים נאָך שריט און טריט און זיי האַלטן אין איין בלאָזן עס זאָל אויף אים נישט פאַלן קיין שטויבעלע? פאַר וואָס?

די שוועסטער האָט סרוליקן געהייסן ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם קיסר. זי האָט עס אים געזאָגט אַזוי אַז אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך זי האָט עפּעס אַ סוד, נאָר זי איז שוין אַ גרויסע און זי האָט כּוח דעם סוד נישט מגלה צו זײַן.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי, אַז סרוליק איז געקומען אין חדר אַרײַן צו דער גאַלעווקע, האָט ער נישט אויפגעהערט קוקן אויפן קיסר. איבער נאַכט איז ער אים געוואָרן נענטער. ער האָט אים אָנגעמאָסטן יאַנקל פעלד־שערס צעקנייטשטן קאַפּעליטש און דער קיסר האָט אים אויסגעזען ווי יאַנקל. נישט מער, דעם קיסרס בערדל האָט אַ שאַרפן שפּיץ און צוויי שפּיצן אין די וואָנסעס. נישט אַזוי יאַנקל פעלדשער. אויך יאַנקלס בערדל איז אַ קמץ־בערדל, נאָר עס איז אויסגעקרומט אויף אַ זײַט און זײַנע וואָנסעס קריכן אים אַרײַן אין די גרויסע נאָזלעכער, ווי צוויי שפּינען. האָט סרוליק מער נישט געקענט פאַרגעסן דעם קיסר. און טאָמער האָט ער געזען יאַנקל פעלדשער האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ, אַז דאָס גייט דער קיסר, נאָר ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר יאַנקל פעלדשער, כּדי די לײַט וואָס ווילן אים הרגענען זאָלן אים נישט הרגענען.

אין יענעם יאָר האָט זיך געמאַכט, אַז דער קיסר האָט אויף זײַן וועג פון פּעטערבורג קיין וואַרשע געדאַרפט אַדורכפאָרן דאָס שטעטל. עס זענען אָנגעקומען ראָטעס זעלנער, פון יענע זעלנער מיט שאַשקעס און ביקסן וואָס היטן דעם קיסר. האָט סרוליק געהערט זאָגן, אַז דער קיסר וואַרט מיט זײַן אַדורכפאָרן דאָס שטעטל ביז די גרויסע לײַט וועלן צווישן זיך דורכ־קומען, צי זאָלן די זעלנער זיך שטעלן מיט די רוקנס צו דער באַן, אין וועלכער דער קיסר וועט פאָרן, און היטן מען זאָל אים נישט הרגענען, אָדער זיי זאָלן זיך אויסשטעלן מיט די פּנימער צו דער באַן און אים אָפּגעבן כּבוד. טאָמער וועלן זיי זיך אויסשטעלן מיט די פּנימער צו דער באַן, וועט דער קיסר האָבן כּבוד, נאָר פון הינטן וועט עמעצער קענען וואַרפן אַ באָמבע, און טאָמער וועלן זיי זיך שטעלן מיט די רוקנס צו דער באַן, וועט דער קיסר זען זייערע הינטנס, דערפאַר וועט ער בלײַבן לעבן. האָבן די גרויסע לײַט זיך דערטראַכט, אַז ווי וויכטיק עס איז דעם קיסרס לעבן, אַזוי איז אויך וויכטיק ער זאָל האָבן כּבוד. האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז פאַרן קיסרס לעבן־וועגן זאָלן די זעלנער זיך אויסשטעלן מיט די רוקנס צו דער באַן, און פאַר זײַן כּבוד־וועגן זאָלן קומען פּראָסטע לײַט פון שטעטל און זיך שטעלן מיט די פּנימער צו דער באַן, און ווען דער קיסר וועט פאַרבײַפאָרן זאָלן זיי שרײַען: „הוראַ! הוראַ! הוראַ!"

די נאַכט פון דעם מאָרגנדיקן טאָג ווי דער קיסר האָט געדאַרפט אַדורכ־פאָרן דאָס שטעטל איז סרוליק נישט געשלאָפן. דער קיסר האָט זיך אים געפּלאָנטערט מיט יאַנקל פעלדשער. אָט האָט ער יאַנקלען געזען מיט גאָל־דענע עפּאָלעטן, נאָר דאָס קמץ־בערדל איז אויסגעקרומט אויף אַ זײַט און די וואָנסעס קריכן אים אַרײַן אין די נאָזלעכער, און אָט זעט ער דעם קיסר מיט דעם צעקנייטשטן קאָפּעליטש אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אין דער ברייט, אַזוי ווי דער נאַפּאָלעאָן אויפן צעבריקעווועטן פערד. פאַר טאָג, טאָמער איז ער אײַנגעשלאָפן, האָט ער זיך באַלד אויפגעכאַפּט אין אַנגסטן און אין בהלה אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט דעם קיסר.

די שטעטלשע האָבן געוואַרט בײַ דער באַן מער פון אַ האַלבן טאָג. די עלטערע זענען געוואָרן מיד. די קינדער זענען געוואָרן דורשטיק נאָך וואַסער און נאָך דעם קיסר — פאַר וואָס זוימט ער זיך? טאַטעס האָבן אַרויסגעזאָגט סברהס, אַז פאַרויס פון דער באַן גייען צו פוס זעלנער און זיי זענען בודק צי בונטאָווטשיקעס האָבן נישט אַוועקגעלייגט באָמבעס אויף

די שינעס, אָדער אַז אויף יעדע פּאָר סטאַציעס גייט דער קיסר אַראָפּ זיך אָפּרוען. דערפאַר פאַרזוימט זיך די באַן.

אויך די לײַט פון דער סטאַציע האָבן גאָרנישט געוווסט. אָט האָבן זיי געקלונגען אויפן גלאָק, אַז די באַן גייט, זיי אַליין האָבן זיך אויסגעשטעלט ווי זעלנער און דער עולם האָט זיך געלאָזט צו די רעלסן, און אָט האָבן זיי זיך באַזינען, אַז ס׳איז נישט דאָס, ס׳איז עפּעס אַנדערש. אַז אַלע זענען שוין געווען מיד און ס׳האָט אויסגעזען, אַז דער קיסר וועט דעם טאָג נישט פאַר־בײַפאָרן, האָט זיך דער גלאָק צעקלונגען נישט ווי אויפן אָנקומען פון אַ באַן, נאָר ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שׂריפה. אינעם טומל האָט סרוליק געצויגן דעם פאָטער בײַם אַרבל ער זאָל אים נעמען אויף די אַקסלען. ער מוז זען דעם קיסר מיט זײַנע אייגענע אויגן. אַז דער פאָטער האָט אים אַרויפגעהויבן רײַטנדיק אויף זײַנע אַקסלען, האָט ער געוואָלט וויסן וואָס ער דאַרף טאָן ווען ער וועט זען דעם קיסר.

„טאַטע, טאַטע, זאָג מיר שנעלער״ האָט ער אים געוועקט.

דער פאָטער, שוין אַ מידער און אומגעדולדיקער, האָט סתם אַ זאָג געטאָן פאַר יוצא זײַן:

„וועסט מאַכן אַ ברכה ,בורא פּרי האדמה׳ ״.

די באַן מיטן קיסר האָט פון דער ווײַטנס זיך באַוויזן אײַנגעוויקלט אין אַ געדיכטן שוואַרצן רויך, ווי אין אַ געוויטער־וואָלקן. דער שוואַרצער רויך האָט זיך געטראָגן פאָרויס. וואָס מער די באַן האָט זיך דערנענטערט אַלץ מער האָט זיך אויסגעלײַטערט. דער רויך איז געבליבן אין דער ווײַט־קייט. אַ ווײַסע פאַרע האָט אים אָפּגעביטן און געזעצט פון די קעסלען מיט גבורה. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט און געהעשעט ווי אויך ער וואָלט געווען מיד פון שלעפן זיך. ער איז אָנגעפאָרן מיט אַ שאַרפן פײַף — האָ־האָ, איך בין דאָ, האָ־האָ, איך בין דאָ!

די באַן איז פאַרבײַגעפאָרן געלאַסן, געלאַסן, ווי אָט גייט זי זיך אָפּ־שטעלן. נאָר זי האָט זיך נישט געשטעלט. סרוליק האָט מיט די אייגעלעך געזוכט אין די וואַגאָן־פענצטער דעם קיסר. עטלעכע קולות האָבן אויסגע־רופן: „הוראַ! הוראַ!״ און סרוליק האָט אים דערזען.

דער קיסר איז נישט געווען אין גאַנצן ענלעך צו דעם וואָס ער האָט אַנומלט געזען הענגען אויף דער וואַנט אין חדר. ס׳איז געווען אַן אַנדערער קיסר. האָט ער אַ דריגע געטאָן מיט די פיסלעך און אויסגערופן:

„טאַטע, ס׳איז יאַנקל דער פעלדשער!״

עמעצער האָט אויסגעשריגן: „מאָלטשיי!‟ נאָר סרוליק האָט נישט גע־קענט שווײַגן. ער האָט נאָכגעוויזן מיט אַ פינגער און געפרעגט:

„דאָס איז דער קיסר? דאָס איז דער קיסר?‟

דעם קיסרס קמץ־בערדל מיט די שפּיציקע וואָנסעס האָבן געשמייכלט.

אין אָוונט האָט סרוליק נישט געוואָלט עסן קיין וועטשערע. די מאַמע רייצע האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו זײַן שטערן און געזאָגט מיט פאָרוואורף צו איר מאַן:

„בייניש, האָסט מיר קראַנק געמאַכט ס׳קינד. ר׳האָט היץ‟.

„ס׳וועט אים גאָרנישט זײַן. אפשר האָט ער געכאַפּט אַ האַסטיקן טרונק וואַסער און אפשר אַן אַדורכצוג בײַ דער באַן?‟ האָט בייניש געזאָגט ווי עס זאָגט געוויינטלעך אַ טאַטע ווען די מאַמע שרעקט זיך פאַרן געזונט פון איר קינד.

אויף צו מאָרגנס האָבן סרוליקס אייגעלעך געפלאַמט פון פיבער און דאָס פּנימל איז אים געווען צונטער רויט. האָט רייצע געזאָגט:

„מ׳האָט מיר אַן עין־הרע געגעבן דעם קינד‟.

בייניש האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט:

„ווער אַן עין־הרע? וואָס אַן עין־הרע? סײַדן דער קיסר. איך זאָל נישט האָבן אַרויסגערעדט אין אַ שלעכטער מינוט. מ׳דאַרף רופן יאַנקל פעלד־שער‟.

איז רייצע געלאָפן און געבראַכט דעם פעלדשער. און ווי נאָר יאַנקל האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ זײַן געלעגער, אַזוי האָט סרוליק געזען שטיין דעם קיסר ווי ער איז דערוועגעשטשע געשטאַנען בײַם פענצטער פון וואַגאָן. נאָר דאָ, בײַ זײַן געלעגער, איז דער קיסר אָנגעטאָן אין אַ צעקנייטשטן קאַפּעליטש אין דער ברייט און ער האָט אויסגעשטופּטע קעשענעס אינעם כאַלאַטל.

„וואָס איז דיר, חתן־בחור?‟ האָט דער קיסר געפרעגט און געפּרוּווט אים געבן אַ קיצל.

„כ׳ווייס נישט‟ האָט סרוליק געענטפערט און צווישן דעם שטערן און דעם קאַפּעליטש אויפן קיסרס קאָפּ געזוכט אַ שרונט.

„וואָס הייסט ,כ׳ווייס נישט׳? ווער ליגט דאָ אין בעט, די רביצין צי אַ חתן־בחור ליגט אין בעט?‟ האָט דער קיסר געפרעגט אויף פּראָסט ייִדיש און נאָך העכער אַרויפגערוקט זײַן קאַפּעליטש.

„יאַנקל, פון וואַנען זאָל ס׳קינד וויסן? ער קלאָגט זיך אויף גאַרנישט" האָט די מאַמע רייצע זיך אַרײַנגעמישט.

ערשט איצט אַז ער האָט געהערט ווי די מאַמע ווענדט זיך צו יאַנקלען, האָט סרוליק געוווּסט ווער עס שטייט נעבן זײַן געלעגער און ער האָט געזאָגט:

„כ׳פיל גאָרנישט".

„אויך מיר אַן ענטפער. ער פילט גאָרנישט זאָגט ער, דער חתן־בחור. אַ חתן־בחור זאָל גאָרנישט פילן! הײַנטיקע חתן־בחורים. אַז דו פילסט גאָרנישט וועסטו זײַן אַזוי גוט זיך איבערדרייען מיט דעם הינטן צו מיר. מיך איז מען נישט מעז־תּחת אַז מ׳ווײַזט מיר דעם הינטן. כ׳בין נישט פּאָניע שמעגעגע בין איך נישט". נאָך אין מיטן פון אויסקלאַפּן סרוליקן די פּלייצע האָט יאַנקל גערופן: „רייצע, רייצעשי, וואַרעמט אויף אַ טאָפּ וואַסער! מ׳דאַרף דעם חתן־בחור אַרויפקלאַפּן אַ צוויי־דרײַ מענדעלס באַנקעס".

אַזוי ווי אַ קונצנמאַכער אויפן מאַרק האָט יאַנקל אַרויסגעשלעפּט פון זײַנע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס אַ גרין פלעשל, עפּעס וואָס האָט דערמאָנט אַ טייטל, אַ קלענער געל פלעשעלע, אַ שטיקל וואַטע און נאָך שאַלאַמויזן, וואָס סרוליק האָט זיי נישט געקענט זען. אַז די מאַמע האָט געבראַכט אין אַ מידניצע וואַרעם וואַסער, האָט יאַנקל אַרײַנגעשיט אַהין קלינגענדיקע באַנקעס, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעשאָטן פון אַרבל אַרויס. קונציק האָט ער אָנגעצונדן אויפן טייטל אַ בלאָען ספּירט־פײַער, ס׳פײַער געלאָזט אין די באַנקעס און זיי אַרויפגעקלאַפּט אויף סרוליקס פּלייצע. באַלד איז ער געבליבן שטיין מיט דעם בלויען ספּירט־פײַער און געזאָגט צו דער מאַמען:

„רייצעשי, איך דערקען נישט די וועלט. אַמאָליקע צײַטן פלעג איך אויף דער פּלייצקע פון אַזאַ חתן־בחור אַרויפקלאַפּן אַ שאָק באַנקעס. הײַנט, קוקט אַליין, קוים אַ מענדעל און אַ שטופּעניש ווי אין שול צו נעילה. אַן אַנדער וועלט זאָג איך אײַך!"

די מאַמע האָט זיך אָנגענומען סרוליקס קריוודע:

„ער איז דאָך קוים אַ חומש־ייִנגל".

„האָט איר באַלד אַזוי געדאַרפט זאָגן, רייצעשי. אויב אַזוי וועל איך איצט לערנען מיט אים די פּרשה פראַנצייזישן טערפּענטין".

די באַנקעס האָבן נישט אָנגעצויגן. פון דעסטוועגן האָט יאַנקל אײַנ־געריבן די פּלייצע פון סרוליקן. צום ריח פון ספּירט איז צוגעקומען דער

ריח פון טערפּענטין און צום ריח פון טערפּענטין איז צוגעקומען אַ ריח פון קרײַטעכצער וואָס האָבן זיך געפּילט מיט שוויס.

„דאָס וועט איר באַבריִען, מאַמעשי — האָט יאַנקל דערלאַנגט רייצען די קרײַטעכצער — דער חתן־בחור וועט אויסטרינקען, ער׳ט זיך אויסשוויצן ווי אַ ביבער און צוריקלויפן איר חדר אַרײַן לערנען חומש״.

יאַנקל פעלדשער האָט נישט געטראָפן. סרוליק האָט נישט געשוויצט. ער האָט ווײַטער געפיבערט. די אייגעלעך זענען אים געוואָרן פאַרלאָפן און דאָס פּנימל איז געווען נאָך רויטער ווי מיט אַ טאָג פריִער. איז יאַנקל פעלדשער ווידער געקומען, פאַררוקט דעם קאַפּעליטש אויפן שפּיץ קאָפּ און דאָס מאָל האָט סרוליק געזען, אַז ער האָט נישט קיין שרונט. ער איז נישט דער קיסר, ער איז יאַנקל פעלדשער. יאַנקל האָט געטראַכט אויף אַ קול אונטערזינגענדיק אַ ניגון פון די שבתדיקע זמירות און צום סוף געזאָגט:

„איר ווייסט וואָס איך וועל אײַך זאָגן, רייצעשי? דעם חתן־בחור האָט מען געגעבן אַ גוט־אויג״.

רייצע האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אין די לענדן:

„מײַנע ווערטער. איך האָב באַלד געזאָגט! נאָר אַז דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די מאַנצבילן עקשנים, קומען זיי מיטן אתרוג נאָך סוכות. וועל איך איצט לויפן צו דב־בערן״.

דב־בער דער אָפּשפּרעכער האָט זיך נישט געאײַלט. טאָמער איז מען געקומען צו אים אין בהלה אַז עמעצער איז אײַנגעפאַלן פון אַן עין־הרע, פלעגט ער לעשן ס׳צעטומלעניש מיט דעם טעם, אַז פון אײַלעניש פאַרלירט מען דעם ישוב־הדעת. און צו רייצען האָט ער געזאָגט:

„ביינישעס אישה, וואָס ס׳אײַלעניש? איידער מ׳שפּרעכט אָפּ איז קראַנ־טער צו רופן דעם בעל־דבר, וואָס האָט געגעבן די עין־הרע, ער זאָל קומען צום געלעגער פונעם חולה און זאָל ער אים גוט אַרײַנקוקן אין די אויגן, אָפּשפּײַען דרײַ מאָל און אים בעטן מחילה״.

האָט רייצע פאַרלייגט די הענט און געזאָגט:

„האָט נישט פאַראיבל, ר׳ דב־בער, ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? ווען איך זאָל וויסן ווער ס׳האָט מײַן קינד געגעבן אַן עין־הרע, וואָלט איך אים געבראַכט צו שלעפּן בײַ די האָר, ער זאָל עס אָפּבלאָזן. גיי זוך דעם ווינט אין וואַלד״.

האָט דב־בער געענטפערט געלאַסן:

„ביינישעס אישה רעדט ווי זי וואָלט נעכטן געבוירן געוואָרן. וואָס הייסט מען ווייסט נישט ווער ס׳האָט געגעבן די עין־הרע? אַז מ׳גיסט וואַקס זעט מען ווער ס׳איז דער בעל־דבר. מיר לעבן דאָך נישט אין פּייטער־באַרג, צי אין אַן אַנדער כּרך״.

רייצע האָט מודה געווען פאַר דב־בער, אַז זי איז טאַקע נישט מער ווי אַן אישה און פונעם צער פון וועגן דעם קינד האָט זי פאַרגעסן, אַז מ׳דאַרף גיסן וואַקס און דערקענען ווער עס האָט איר סרוליקן געגעבן אַ גוט־אויג.

גלייַך פון דב־בער איז זי געלאָפן צום וואַקסער און געבראַכט אַהיים אַ טאָפּ וואַקס, וואָס האָט געשמעקט מיט דער זיסלעכקייט פון האָניק און יום כּפּור־ליכט. זי האָט אַליין אַרייַנגערופן אַ פּאָר שכנטעס זיי זאָלן העלפן די שטוביקע דערקענען דעם עין־הרעניק. איינע פון די שכנטעס האָט זיך געפעדערט און געזאָגט מען זאָל צום וואַקס־גיסן נוצן איר בעזעם. זי האָט אים געקויפט מיט אַ פּאָר טעג צוריק און די ריטלעך זענען ווייכע ווי פון באָד־בעזעמלעך, וועלן זיי אַדורכלאָזן דעם וואַקס. האָט ביניש גופא דורכגעקוקט דער שכנטעס בעזעם, ווי מען קוקט דורך אַ לולב. די ריטלעך האָבן זיך געבויגן. עטלעכע מאָל האָט ער דעם בעזעם אויסגעפּרוווט אויפן טיש און די ריטלעך זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווי דער ווידל פון אַ פּאַווע.

אַז דער וואַקס איז געווען צעלאָזט האָט ביניש נאָך אַ מאָל צעשפּרייט דעם בעזעם אויפן טיש און רייצע האָט מיט אַ שנעלן גאַס אַרויפגעכליאַפּעט דעם וואַקס אויף די ריטלעך. עס איז געוואָרן הייס און אַזוי שטיל, אַז איינער האָט געהערט דעם צווייטנס אָטעמען אַרום דעם טיש. דער אומרו פון דעם געוויכטן־זייגער האָט מיט זייַן טעמפּן קלאַפּן געציילט די רגעס, ווי צווישן די רגעס און דעם געגאָסענעם וואַקס אויפן טיש וואָלט געווען איינער און דער זעלבער מיין. ביניש האָט שטיל געציילט האַלטנדיק מיט ביידע הענט דעם בעזעם. אַז ער האָט דערציילט ביז פיר און פערציק האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געלאַסן, געלאַסן אָפּגעלענט דעם בעזעם פון איבער דעם וואַקס. די אויגן אַרום דעם טיש האָבן זיך פאַרקוקט אין דעם וואַקס־גליווער, נאָר ערשט ווען ביניש האָט אַוועקגענומען דעם בעזעם האָבן זיך די שכנטעס אַ לאָז געטאָן נענטער צום וואַקס, געדרייט מיט די קעפּ, דאָ פאַרזשמורעט און דאָ געעפנט די אויגן, זיך אייַנגעגלאָצט אין די וואַקס־גרודעס און גליווערלעך, דאָ פון דער זייַט און דאָ פון דער צווייטער זייַט, כּדי צו דערזען אַ מענטשלעך פּנים. דער ערשטער וואָס האָט דערזען אַ פּנים איז

געוועז בייניש, נאָר ער האָט מורא געהאַט פּאַר אַ פּתחון־פּה, וואָס וואָלט חלילה געקענט פאַרפירן. האָט ער געוואַרט. געוואַרט. פלוצים האָט אַ שכנטע צוגעבויגן איר קאָפּ נענטער צום וואַקס און אויסגערופן:

„אוי אַן אומגליק, ס'איז דער קיסר! מענטשן, זעטס, דאָס פּנים פונעם קיסר ווי אָפּגעגאָסן!"

ערשט איצט האָט בייניש נאָכגעלאָזט דעם אָטעם און געזאָגט מיט אַ קול וואָס איז אים פלוצים געוואָרן הייזעריקלעך:

„דאָס איז ער. איך האָב אים דערזען אין דער אותו רגע ווי איך האָב אָוועקגענומען דעם בעזעם".

אַ צווייטע שכנטע, וואָס אויך זי איז געווען ביי דער באַן ווען דער קיסר איז דורכגעפאָרן, האָט געטייטלט מיט אַ פינגער צו די וואַקס־גליווערלעך:

„אָט דאָ איז זיין בערדל. איר זעט די שפּיצן וואָנסעס? ווי שטילעטן. זיינע וואָנסעס".

„און אָט האָט איר דעם שרונט! איר זעט דעם שרונט?" האָט אַ צווייטע שכנטע געוויזן אויף אַ שרעגנע וואַקס־גליווערלעך.

פלוצים האָט זיך נעבן דעם טיש באַוויזן סרוליק. רייצע האָט זיך דער־שראָקן. די שכנטעס האָבן זיך דורכגעבליקט ווי עפּעס אויסטערלישס וואָלט געשען. סרוליק האָט צוגערוקט אַ שטול צום טיש, אַרויף אויף דער שטול און זיך איינגעקוקט אינעם וואַקס. דערנאָך האָט ער געקוקט דאָ צו דער מאַמען און דאָ צום טאַטן, און אויסגערופן:

„ס'איז יאַנקל פעלדשער! מאַמע, זע דעם צעקנייטשטן קאַפּעליטש" האָט ער זיך מיטן פּנים געווענדט צום טאַטן.

ווי ביז איצט וואָלטן אַלע אַרום טיש געווען פאַרכישופט און ערשט סרוליקס אויסרוף האָט זיי אויפגעוועקט, איז אין דער קאַמער געוואָרן אַ קאַכעדיקער טומל. אויב ס'איז דער קיסר, איז חלילה אַ גרויס אומגליק. ווי קומט מען צום קיסר ער זאָל אָפּבלאָזן אַ ייִדיש קינד פון אַן עין־הרע? ווען און ווי אַזוי האָט דער קיסר געגעבן סרוליקן אַן עין־הרע?

„באַלד, באַלד — האָט בייניש געפּרוּווט איינשטילן דעם טומל — דאָס קינד זאָגט ס'איז יאַנקל פעלדשער".

„געלויבט צו גאָט — האָט רייצע אויסגערופן — אַנהייבן זיך מיט אַ קיסר... בייניש — האָט זי פלוצים דערמאָנט — ס'קען נישט זיין יאַנקל פעלדשער! ער'ט געזען ס'קינד שוין נאָכן גוט־אויג!"

„ייִדענע, וויסטו וואָס דו רעדסט? דער קיסר! ווי קומסטו צום קיסר?"
„זאָל יאַנקל קומען און אים אָפּבלאָזן!" האָט אַ שכנטע געעצהט.
סרוליק האָט געטרייסלט דעם פּאָטערס אַקסל:
„טאַטע, זע, דאָס קמץ־בערדל איז אויסגעדרייט אויף אַ זײַט און בײַם קיסר איז דער שפּיץ געגאַנגען גלײַך. ס'איז יאַנקל פעלדשער".
רייצע האָט געכאַפּט סרוליקן און אים צוריקגעטראָגן צו זײַן געלעגער.
„כ'ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין — ווי קומט מען צום קיסר? סרוליקל, קינד מײַנס, געדענקסט דער קיסר זאָל האָבן געקוקט אויף דיר?"
„אַוודאי — האָט סרוליק געזאָגט — אַז איך האָב געקוקט אויף אים האָט ער געקוקט אויף מיר".
אַז די מעשׂה איז אַרויס אין שטאָט אַרײַן אַז דער קיסר האָט געגעבן אַן עין־הרע סרוליק ביינישעס, זענען לײַט געוואָרן אומרויִק. ס'שמעקט מיט סכּנה. זאָל מען אָפּלאָזן דעם קיסר! און אַז דאָס ייִנגל זאָגט: נישט דער קיסר, נאָר יאַנקל פעלדשער, און לײַט זאָגן עדות, אַז ווען יאַנקל זאָל אָנטאָן אַ בלויען מונדיר מיט גאָלדענע עפּאָלעטן וואָלט ער געווען ווי דער קיסר — זאָל יאַנקל נעמען אויף זיך די עובֿדה, קומען און אָפּבלאָזן און זאָלן אַלע שלעכטע אויגן געווענדט ווערן צו וויסטע מדבריות און געוויטערן.
איז רייצע אַוועק צו יאַנקלען און אים שטאַרק איבערגעבעטן:
„איך ווייס — האָט זי געזאָגט — אַז נישט איר האָט אים געגעבן די עין־הרע, נאָר דער קיסר. ווער, יאַנקל־לעבן, האָט כּוח צו אַ קיסר אַז סך־הכּל זענען מיר נעבעך אין גלות. טאָ קומט, יאַנקלשי, און בלאָזט אָפּ מײַן קינד, און זאָל זיך אײַך דאַכטן, אַז איר שטעלט אים באַנקעס און ער וועט מערטשעם געזונט ווערן".
יאַנקל פעלדשער האָט פאַרריכט דעם קאַפּעליטש און אַוועק אָפּבלאָזן. נאָר אַז ער איז אַריבער די שוועל האָט ער געטראָפן סרוליקן אויפן טיש אַ געזונטן. אינעם וואַקס האָט סרוליק נאָך מער אַרײַנגעשטופּט יאַנקלס וואָנסעס אין זײַנע נאָזלעכער...

דעם רבינס שטעקן

יונה דער שינדלמאַכער איז געווען אויסגעקאָכט מיט די שדים. ער האָט דערציילט וועגן זיי ווי מען דערציילט אַ שטייגער וועגן נישט איבעריק גוטע קרובים, וואָס ס׳איז בעסער זיי זאָלן נישט קומען צו דיר און דו זאָלסט נישט קומען צו זיי. זומערלעב, ווען די טעג זענען לאַנגע און די נעכט זענען קורצע, האָבן נישט די שדים צו פיל צײַט פֿאַר זייערע מעשׂים. איידער זיי הייבן אָן פּראַווען זייערע חפצות קרייען די הענער אויף טאָג און זיי אַנטלויפן צוריק אין זייערע קנייעס. אין די זומערטעג האָט אויך יונה דער שינדלמאַכער נישט צו פיל צײַט צו טראַכטן וועגן די שדים. פון באַגינען ביז מנחה זיצט ער צווישן געהילץ און שניצט שינדלען, אָדער פון קאַיאָר זיצט ער אויפן געלענדער פון אַ דאַך, פוגעוועט שינדלען און זינגט זײַן ניגון פון דער פאָרשטעלונג „עקדת יצחק״, אין וועלכער ער אַליין האָט געשפּילט מיט אַ סך יאָרן צוריק און דער ניגון לאָזט אים נישט צו רו:

מאַמע שׂרה עפן מיר
דײַן זון יצחק גייט צו דיר

אַזוי ווי לײַט אין שטעטל האָבן פירגעזאָגט, אַז דער וואָס שפּילט אין „עקדת יצחק״ דער שטאַרבט צום יאָר, אַזוי זענען אַלע צום יאָר אויסגע־שטאָרבן. דער איינציקער וואָס איז געבליבן לעבן איז ער, יונה. ער איז געווען זיכער, אַז ער איז געבליבן לעבן אין זכות פון יצחקן, וואָס האָט זיך געמיט פֿאַר אים. וואָרום ווי גאָט האָט נישט דערלאָזט, אַז אברהם זאָל

קוילען זײַן אייגענעם זון, אַזוי היט אויך אַ מלאך אים, יונהן, ס׳זאָל אים נישט אַראָפּפאַלן אַ האָר פון קאָפּ. שינדלט ער און זינגט אויף די דעכער. ער האָט נישט קיין צײַט צו טראַכטן וועגן די שדים. כּדי צו זײַן באַוואָרנט פון זיי און גאָרנישט זאָל אים מכשיל זײַן בעת ער זיצט אויף אַ משופּעדיקן דאַך, איז ווי נאָר ער קלעטערט אַרויף אויפן געלענדער, אַזוי קוקט ער אַרײַן אין דעם קוימען ווי עס האַלט דאָרט. וואָרום שדים האָבן דווקא ליב צו פאַרקלײַבן זיך אין די קוימענס. אַ מענטש דאַרף זײַן געהיט; יעדער איינער ווייסט, אַז אַ געהיטן היט גאָט.

איין מאָל אין אַ פאַרטאָג, די זון איז נאָר וואָס געהאַט אַרויס פון איר פוטערפּאַס, איז יונה אַרויף אויף אַ דאַך און זיך געפּוילט צוצוקלעטערן צום קוימען און כאַפּן דאָרט אַ בליק. ווי ער האָט אָנגעהויבן פּוגעווען די שינדלען מיטן רוקן צום קוימען, אַזוי האָט ער פונעם קוימען אַרויסגעהערט אַ בלייקעץ, עפּעס אַ קול פון אַ קריי פון אַן אַלטן האָן און אַ קוויטש פון אַן עגלה ערופה. פון טויטשרעק האָט זיך יונה פאַרלוירן, זיך אָנגעהויבן קײַקלען איבערן דאַך־געלענדער און ער וואָלט מסתּמא געניזוקט געוואָרן ווען זײַן טלית קטן וואָלט זיך נישט האָבן פאַרטשעפּעט אין אַ בעלקע. אויף אַ רגע איז ער געבליבן הענגען ביז דער טלית קטן האָט זיך אָפּגעריסן און ער איז אַראָפּגעפאַלן צום בוידעם.

גאָר אַנדערש איז ווינטערצײַט. אין ווינטערצײַט פאַרדעקט דער שניי די דעכער און יונהס געהילץ. דער פראָסט בריט די פינגער אַז מען קען דעם שניצאײַזן נישט נעמען אין דער האַנט אַרײַן. דעמאָלט פאַרברענגט יונה שטיקער טעג און אָוונטן אין בית־מדרש הינטערן אויוון. ער איז דאָרט נישט אַליין. צוזאַמען מיט אים בלײַבן אין בית־מדרש די אַלטע, וואָס ווילן וויסן ווי עס האַלט מיט דער וועלט און וואָס אויף איר טוט זיך. דער קאַכל־אויוון קוואַלט אַרויס אַ ליבע טרוקענע וואַרעמקייט, וואָס אַז איר לייגט צו אים צו די פּלייצעס צעגייט זיך די וואַרעמקייט אין אַלע גלידער און איר פילט דעם אמתן טעם פון לעבן.

אַזוי אָפּט ווי יונהן, און אפשר נאָך אָפטער, טרעפט איר הינטערן אויוון שמערל דעם בעל־תשובה. זאָגן זאָגט מען אויף אים, אַז ער האָט מעוברת געמאַכט אַלע שיקסעס אין די דערפער אַרום דעם שטעטל און אַפילו נאָך ווײַטער. אָבער זײַט ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, גייט ער אַרום מיט אויפגעקנעפּלטע הויזן מחמת מורא פאַר בטול זרע. אַז ער קומט אַרײַן אין

בית־מדרש און גיסט אָפּ די נעגל בײַ דער האַנטפּאַס, טוט ער אַ שפּריץ וואַסער אויף דעם אָפּענעם קראַק. אַזוי זומער און אַזוי ווינטער. פון דעם שפּריצן וואַסער אויף דעם מקום זומערצײַט זענען אים די הויזן אַלע מאָל נאַס. ווינטערצײַט איז אים דער קראַק געפרוירן, באַלייגט מיט שניי. אין די גרויסע פרעסט טרעפט, אַז עס הענגען אים אַראָפּ פונעם קראַק צאַפּנס אײַז.

שמערל דער בעל־תשובה וויל וויסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף יענער־וועלט. וועגן דער־וועלט ווייסט ער, אַז זי טויג אויף תשעים־נײַנציק כּפּרות און ס'איז נישטאָ אַפילו וועגן וואָס צו רעדן. דער עיקר איז יענע־וועלט. ער האָט רק געמאָלקן יונה שינדלמאַכער, ער זאָל אים זאָגן וואָס אַלץ עס טוט זיך בזמן חבוט הקבר, ווי אַזוי מען ווערט געברענט און געבראָטן אין גיהנום און ווי אַזוי מען דאַרף זײַן געהיט פון די שדים און נישט־גוטע, וואָס טוען אָפּ געברענטע צרות נאָך איידער מען קומט אויף יענער־וועלט.

אַ שטענדיקער גאַסט הינטערן אויוון איז הערשעלע ליקעווער. קיין דאגות פרנסה האָט ער נישט. זײַן ווײַב, שיינדל, זאָרגט דערפאַר. זי פּאַר־קויפט הייסע גערעטשענע בובעלעך אין די חדרים און אין די אָוונטן פליקט זי פעדערן. די מצווה פון פריה ורביה האָט ער, הערשל ליקעווער, אָפּגעטאָן. ער האָט קיין עין־הרע פינף טעכטער און דרײַ זין. אויף טשעקאַוועס גייט ער אַרום אין די מאַרקטעג צווישן די פויערטעס און טאַפּט־אויס די הינער, וואָס זיי האָבן צו פאַרקויפן. דאָ בלאָזט ער אַ הון צווישן די פעדערן בײַם פופיק צו זען, צי זי האָט פלוסטערן און צי פון איר וואָלט געווען אַ גוט ביסעלע יויך, און דאָ שטעקט ער אַרײַן אַ פינגער אינעם פופיק פון אַ הון צו זען, צי זי איז אַ לייגעוודיקע. קויפן קויפט ער סײַ ווי נישט. אַ מאָל האָט ער אַפילו חשק אײַנצוהאַנדלען אַ הינדל אויף שבת, בעיקר ווען דער מאַרק ענדיקט זיך און מען קען דאָס הינדל קויפן בזיל הזול, פאַר אַ האַלבן פרײַז פון דעם וואָס די ערלטע האָט געוואָלט אין דער פרי. נאָר ער האָט מורא צו קויפן. וואָרום אויב דאָס הינדל איז ביליק, קען גאָר זײַן אַז עס האָט אַ נאָדל אין פופיק, אָדער אַ שטיפט אין די געדערעם און דער מורה הוראה וועט עס מאַכן טריף. ער וואָלט זיך בײַ זײַן שיינדלען אײַנ־געקויפט מפטיר. אַ גאַנץ יאָר וואָלט זי עס אים אויסגערעדט. איז גלײַכער — נישט, קויפט ער נישט.

הערשעלע ליקעווער האָט דווקא יאָ ליב צו הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ער וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל הנס צו וויסן וואָס אַ

שטייגער דער קייסער עסט אויף וועטשערע — מילכיקס, צי פליישיקס? אויב מילכיקס, צי עסט ער יעדן טאָג פּוטערקיכן, און אויב פליישיקס, צי עסט ער אויף וועטשערע געבראָטענע הינערשע לעבערלעך. שמערל דער בעל־תשובה איז אים מבטל און ער רופט אים זולל וסובא. דער קאָפּ ליגט אים נאָר אין פּרעס.

אַז די שעה הינטערן אויוון ווערט אַ שפּעטע און דער שמועס פּאַלט אַרויף אויף שדים, ווייסט אויך הערשעלע ליקעווער מיט וואָס מען עסט זיי. ער קען זיי גוט! ווען ער איז געווען אַ חתן־בחור און געשטאַנען אין שידוכים איז ער איין מאָל צוזאַמען מיט זיינע עלטערן געפאָרן זען אַ כלה. די פערד האָבן געשלעפּט די בויד ווי וויכערס. דער באַלעגאָלע האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן אָנקומען צום „קוק" מיט אַ שעה פריִער און זיי וועלן מוזן בלייבן הינטער דער שטאָט און וואַרטן אויף דער צייט. ערשט פּלוצים — די פערד בלייבן שטיין און זיי רייסן זיך אויף צוריק פון די שלייעס, ווי זיי וואָלטן אַראָפּ פון זינען. דער באַלעגאָלע האָט זיי געשונדן מיט דער בייטש די פעל און זיי — גאָרנישט. זיי שטעלן זיך דיבאָם, אויף די הינטערשטע פיס, און נאָר הי־הי־הי, הי־הי־הי און אַפילו פאַר אַ טונדל גאָלד וועלן זיי זיך נישט רירן פונעם אָרט. דער באַלעגאָלע איז אַראָפּ פון די קאָזלעס, געריסן די פערד ביי די גזשיוועס, זיך געבעטן ביי זיי ווי ביי די גזלנים, ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן.

דער טאַטע האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן צו זאָגן תפילת־הדרך און דעריבער האָבן די שדים שליטה איבער די פערד. איבער די מענטשן קענען זיי נישט האָבן קיין שליטה, וואָרום אין דער בויד איז פאַראַן אַ מזומן מאַנצבילן און זיי זענען אָנגעטאָן אין כשרע ארבע כנפות. האָבן די קליפּות זיך אָנגעהאָנגען אויף די פערד און לאָזן זיי נישט שלעפּן די בויד. זענען די מאַנצבילן אַראָפּ, אָנגעריבן די שפּיץ פינגער אָן דער ערד און זיך געשטעלט זאָגן תפילת־הדרך, אַז דער בורא־עולם זאָל זיי פירן אַהין ווו זיי באַגערן, צום לעבן און צו פרייד און צו שלום, און ער זאָל זיי אָפּהיטן פון די הענט פון פיינט, פון לויערערס, פון גזלנים און חיות רעות.

מיט געלייטערטע הערצער פון דער תפילה האָבן די מאַנצבילן צוריק זיך אַריינגעזעצט אין דער בויד, דער באַלעגאָלע האָט אַ פייף געטאָן מיט דער בייטש און מיט קוראַזש אויסגעשריגן:

„וויאָ, מיינע ברויט־געבער!"

איין מאָל, צוויי מאָל, וויאַ אַהער, וויאַ אַהין, די פערד דרעפּטשען אויף אַן אָרט, רייַסן זיך אין דער הייך, שטעלן זיך ווידער דיבאָם, נאָר פאָרויס קיין טריט נישט. האָט דער. טאַטע געפרעגט:

„וואָס פאַר אַ באַלעגאָלע ביסטו וואָס די פערד האָבן דיך אין דר׳ערד, כאָטש נעם און שפּאַן זיך אַליין איַין אין דער בויד און זאָלן די פערד זיך זעצן אויף די קאָזלעס״.

האָט דער באַלעגאָלע געזאָגט, אַז ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל בייַ אים. ער קען זיי, די מנוולים. דאָ אַנומלט איז ער געפאָרן מיט נחומטשע דעם שפּילעטער קיין וואַרשע, זענען קאָשעצן באַפאַלן די בויד ווי וועלף:

„די פערד זענען שיר נישט אַראָפּ פון זינען. דער גניאַדער האָט מיר צעבראָכן דעם דישעל, זיך אַרויסגעריסן פון די שלייעס, אַז איך האָב אים קוים פאַרהאַלטן ער זאָל מיר נישט אַנטלויפן בייַ נאַכט אין די פעלדער. גיי זוך בייַ נאַכט אַ ווינט אין פעלד״.

אַז דער באַלעגאָלע האָט אָנגעהויבן דערציילן ווי אַזוי אַ טשאַטע קאָשעצן הענגען זיך אַן אויף די גזשיוועס פון די פערד און קיצלען זיי אין די אויערן, האָט די מאַמע באַקומען אַ שלוקערץ, אַז מען האָט געקענט אים הערן אויף מייַלן ווייַט. האָט דער באַלעגאָלע געזאָגט, אַז ער מוז טאָן דאָס זעלבע וואָס ער האָט געטאָן מיט נחומטשע דעם שפּילעטער: אויסדרייען די בויד אויף צוריק, מאַכן אַן אומוועג אויף אַ האַלבן מייַל און אָפּנאַרן די קאָשעצן. האָט ער אַזוי געטאָן און אויסגעקערעוועט די בויד — די פערד זענען געגאַנגען ווי אַ מזמור. האָט די מאַמע געזאָגט:

„אויב די בויד איז שוין אויסגעקערעוועט אויף צוריק, איז גלייַכער צוריקצופאָרן אַהיים. די כלה וועט נישט זייַן קיין מזלדיקע״.

וכך הווה. דער שידוך איז אָפּגעלאָזן געוואָרן. די כלה האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן און נאָך אַ יאָר איז זי געשטאָרבן אין קימפּעט.

אַ צווייט מאָל איז עס געשען מיט אים אַליין, מיט הערשעלען:

אַ חודש צוויי נאָך דער חתונה מיט זייַן שיינדלען האָט זי זיך אויסגעע־רעדט פאַר איר מוטער, אַז ער איז געקומען צו איר אין אירע אומריינע טעג. האָט זיך די מוטער דערשראָקן, זי האָט מורא געהאַט, אַז שיינדל וועט פאַר דער זינדיקייט ווערן אַן עקרה. איז זי אַוועק צום מורה הוראה פרעגן אַ שאלה און צו געפינען אַ זכות. האָט דער מורה הוראה גערופן צו זיך הערשעלען און אים געשטראָפט ווי ער וואָלט חלילה געקוילעט אַ מענטש אין וואַלד. הערשעלע האָט געלייקנט שטיין און ביין. ער האָט אַפילו געוואָלט

שווערן ביי אַ ספר תּורה. האָט אים דער מורה הוראה געגלייבט, נאָר פאַר זיכערקייט וועגן — אַ מענטש קען דאָך חלילה געשטרויכלט ווערן אָן אַ כוונה — האָט ער געפּסקנט, ער זאָל פאַסטן אַ תענית און אין יענער נאַכט זאָל ער גיין זיך אָפּטובלען אין אַ קאַלטער מקווה.

הערשעלע ליקעווער האָט באהבה אָנגענומען דעם פּסק און נאָכן פאַר־פאַסטן איז ער פאַר חצות געגאַנגען זיך אָפּטובלען אין אַ קאַלטער מקווה.

באַלד ביים עפענען די טיר פון דער מקווה איז אים די מעשׂה נישט געפעלן. די טיר האָט זיך נישט געלאָזט עפענען, ווי זי וואָלט פון אינעווייניק געווען פאַרלייגט מיט שטיינער. האָט ער זי אַ שטאַרקן שטופּ געטאָן און אָנשטאָט די טיר זאָל קרעכצן, האָט זי אַ וואָרטשע געטאָן ווי אַ בייזער הונט. פאַר הינט האָט הערשעלע ליקעווער קיין מאָל נישט מורא געהאַט; הינט האָבן פאַר אים מורא געהאַט. איז ער אַריין אין דער מקווה, זיך אויס־געטאָן און די מלבושים אַוועקגעלייגט האַרט ביים טרעפּל אַראָפּצוגיין אין וואַסער, כּדי ער זאָל שפּעטער נישט דאַרפן טאַפּן אין דער פינצטער. גייט ער אַראָפּ מיט די טרעפּלעך אין וואַסער, טובלט זיך אָפּ ווי דער מורה הוראה האָט געהייסן און ער טרייסלט זיך אָפּ פונעם וואַסער. דערהערט ער אַ געלעכטער. פאַלט ער נישט ביי זיך און פרעגט אין דער ליידיקער מקווה:

„וואָס איז ס'געלעכטער?"

האָט זיין שאלה אָפּגעהילכט ווי אין אַ ליידיקער פאַס אָבער קיינער האָט אים נישט געענטפערט. ערשט אַז ער איז אַרויס פון וואַסער און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן, האָט ער נישט געפונען די הויזן. זיי זענען נעלם געוואָרן ווי ער וואָלט זיי גאָרנישט געהאַט לכתחילה. פאַרשטייט ער, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט י ע נ ע לייט, די נישט־גוטע, און ער פרעגט זיי:

„וואָס האָט איר צו מיינע הויזן?"

האָט זיין שאלה ווידער אָפּגעהילכט ווי אין אַ ליידיקער פאַס און ער האָט זיך איינגעהערט, געוואַרט אויף אַ סימן פון אַן ענטפער און גאָרנישט. נישטאָ קיין סימן און נישטאָ קיין הויזן. בלית ברירה איז ער אַוועק דורך דער שטאָט אין די תחתונים. נאָר אַז זיין שיינדל האָט געעפנט די טיר און געזען אַ מענטש אין די גאַטקעס, האָט די נקבה אַפילו נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער, איר אייגענער מאַן, נאָר זי האָט זיך דערשראָקן אימת מוות און געשריגן:

„שד, שד, גיי אין דיין רו אַריין!"

זי איז געווען נאָענט צו פאַלן אין חלשות.

אויף צו מאָרגנס האָט דער קברן געפֿונען הערשעלע ליקעווערס הויזן אויפֿן קבר פֿון יאָכטשען, וואָס מיט יאָרן צוריק האָט דאָס שטעטל מיט איר געקאָכט ווי אַ קעסל. יאָכטשע איז געווען פֿון אַ באַלעבאַטיש הויז און די שענסטע מויד אין שטעטל. זי האָט געקענט טאָן אַ שידוך אַפֿילו מיט אַ פּרינץ. האָט זי זיך פֿאַרליבט אינעם אַפּטייקערס זונדל און אַוועק מיט אים ווינען „נאָ וויאַרע״ אין דער גויִשער געגנט. דערציילט האָט מען, אַז ער האָט זי געשלאָגן מכּות רצח און זי האָט געקלעפּט צו אים ווי אַ קליפּה. וואָס מער ער האָט זי געשלאָגן אַלץ מער האָט זי זיך געצויגן צו אים. פֿון גרויס צער זענען אירע עלטערן אַוועק פֿון דער וועלט. שפּעטער איז יאָכטשע קראַנק געוואָרן אויף טשעכאָטקע און דעם אַפּטייקערס זון האָט אין איר אַרייַנגעשטופּט אַ האַלבע אַפּטייק. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. אין איינעם אַ טאָג איז דאָס זונדל געקומען צום קברן און אים געזאָגט:

„קום, נעם אײַער יאָכטשע. זי איז געשטאָרבן ווי אַ הייליקע״.

איז דער קברן אַוועק, געבראַכט יאָכטשען אויף אַ וואָגן, חברה קדישא האָט איר געטאָן איר רעכט און זי קובר געווען בײַם פּאַרקן. שפּעטער האָט דער קברן דערציילט, אַז ווי עס פֿאַלט צו די נאַכט ראַיען אַרום איר קבר נשמות וואָס האָבן נישט קיין רו, נישט־גוטע און אַלע די לײַט, וואָס ס׳איז בעסער זייער נאָמען נישט צו דערמאָנען.

אויף דעם קבר פֿון אָט דער יאָכטשען האָט דער קברן געפֿונען הערשעלע ליקעווערס הויזן. אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט געהערט די שמועה וואָס עס איז געשען מיט הערשעלען אין דער מקווה, האָט ער, דער קברן, געבראַכט די הויזן צו אים אַהיים. אַז שיינדל האָט געהערט אויף וועמענס קבר ער האָט די הויזן געפֿונען, איז זי געפֿאַלן אין חלשות, אַז מען האָט זי קוים אָפּגעמינטערט.

שפּעט אין אָוונט קומט אַרײַן אין בית־מדרש און פֿאַלט צו צום וואָרע־מען אויוון ווי צו אַן אוצר, ראובן ברײַנעס דער טרעגער. זען זעט ער אויס ווי אַ שמש, נאָר כּוח האָט ער פֿון אַ גוי. אַז אין שטעטל ברעכט אויס אַ שׂריפֿה קען ער נעמען אויף זײַנע פּלייצעס אַן אַלמער אָנגעשטאָפּט מיט מלבושים, אויפֿן אַלמער אַ טיש און פֿון אויבן די בעטן מיט די פּערענעס. די משׂא כּבֿדה טראָגט ער ווי זי וואָלט געווען פֿון שפּינוועבעכץ. נאָר ווי שטאַרק ער איז אַזוי שוואַך איז ער. אַז פֿריידל, זײַן ווײַב, וואָס האָט פֿאַר־געסן צו וואַקסן און זי זעט אויס ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט

פאַר אַ דערוואַקסענע, עפּנט אויף אויף אים איר מײַלכל, שרומפּט ער זיך איַין, ווערט אַ נעבעכל און זוכט רק ווי אַזוי צו אַנטרינען.

ראובן ברײַנעס איז זײַן גאַנץ לעבן געווען אַ קײַלעכדיקער יתום. קיין קרוב און קיין נאָענטן נישט געהאַט. איז דער בית־מדרש אַלע מאָל געווען זײַן היים. אַז ער הערט ווי די לײַט הינטערן אויוון רעדן וועגן שדים, נישט־גוטע, קאַשעצן, ווילקאַלאַקס און ווי זיי הייסן דאָרט, איז ער זייערע מעשׂיות מבטל. וואָס ווייסן זיי וועגן די יענעוועלטיקע לײַט?! ער האָט שוין אין זײַן לעבן געהאַט צו טאָן מיט מער שדים ווי די אַלע וואָס דערציילן די מעשׂיות.

סנדרל דער ווכערניק עליו השלום האָט אַ מאָל געהאַט אים געדונגען ער זאָל אים שפּעט אין אָוונט ברענגען פון סטאָליאַר אַ נײַעם אַלמער. סנדרל האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע אימת מוות. אַז די גאַנצע וועלט ציילט זײַן געלט! אַז די גאַנצע וועלט שאַצט זײַן פאַרמעגן! אַז די וועלט קוקט אים אַרײַן אין דער שיסל וואָס ער עסט! — רק זי וויל אים אויפעסן מיט די אויגן. האָט ער נישט געוואָלט, אַז לײַטן זאָלן זען אַז ער האָט באַשטעלט אַ נײַעם אַלמער, כאָטש דער אַלמער איז געווען אויף צו באַ־האַלטן די משכּנות, וואָס עס פאַרזעצן בײַ אים אלמנות, עלטערן פון אָרעמע כּלות, אָדער אַזעלכע וואָס עס קוועטשט זיי צו, כאָטש גיי פון בריק אין וואַסער.

האָט סנדרל ווכערניק געזאָגט:

„ראובן, ברענג מיר פון סטאָליאַר דעם אַלמער שפּעט בײַ נאַכט, אַז קיינער זאָל דיך נישט זען".

פאַר ראובן ברײַנעס איז אַלץ איינס ווען ער טראָגט אַ לאַסט, בײַ טאָג צי בײַ נאַכט. איז ער אין שפּעטן אָוונט געקומען צום סטאָליאַר, גענומען דעם אַלמער אויף די פּלייצעס און אַוועק. ער האָט זיך אויף קיין ברעקל נישט אײַנגעבויגן, אַפילו געזען די שטערן אין הימל. אַז ער איז אָבער אַרויף צום מאַרק האָט ער דערפילט: דער אַלמער באַקומט וואָג, און איידער וואָס־ווען איז ער שווער ווי ער וואָלט געווען פול מיט שטיינער. טראַכט ער: „אוי, ראובן ברײַנעס, עס איז נישט גוט מיט דיר. דו פאַרלירסט די כּוחות". און ווי ער טראַכט אַזוי מוז ער זיך אײַנבייגן וואָס אַ מאָל טיפער, וואָרום דער אַלמער וועגט וואָס אַ מאָל מער.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, מיט אַ האַרבסטיקן בלאָז און דאָ פילט ער אַז ער שוויצט פון דער משׂא ווי גאַרנישט זײַן שטייגער. אין דער מיט

מאַרק האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם אַלמער און עס פֿאַלט אים איַין, אַז דאָס האָבן זיך שדים אין אים אַרײַנגעכאַפּט; שדים זענען שווער ווי מתים. ווישט ער מיטן היטל דעם פֿאַרשוויצטן שטערן און שטייט און טראַכט ווי אַזוי אָנצולערנען די שדים, אַז זיי זאָלן פֿון אים וועיכן ווי געשלאָגענע הינט. איז ער אַוועק, אָפּגעבראָכן אַ פּלאָקן פֿון אַ פּלויט און האַלטנדיק דעם פּלאָקן אין דער הייך גלײַך צו געבן אַ קלאַפּ, איז ער צוריקגעקומען צום אַלמער.

„איצט וועט איר זיך בײַ מיר אויסריכטן אַ שוואַרץ יאָר" — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין און פֿאַמעלעך אָפּגעשפּאַרט אַ טיר פֿון דעם אַלמער. גאָרנישט איז פֿון דאָרט אַרויס. דער אַלמער איז געווען ליידיק. נאָר ווי ער האָט די טיר צוריק פֿאַרמאַכט האָט ער הינטער זײַנע פּלייצעס דערהערט אַ געלעכטער, אַזאַ שטייגער געלעכטער ווי עס וואָלטן זיך אַוועקגעקאָלערט אין דער ווײַטקייט אַרײַן שטיינער און איינער קלאַפּט זיך אָן אָנעם צווייטן. ער האָט זיך אומגעקוקט און נישט געזען עמעצער זאָל אַנטלויפֿן און פֿון וואַנען עס קומט דאָס געלעכטער:

„איר זאָלט זײַן פֿאַר מיר אַ כּפּרה!" האָט ער אויסגערופֿן הויך אויף אַ קול און נאָך העכער אויסגעשנײַצט די נאָז.

ער האָט ווידער גענומען דעם אַלמער אויף די פּלייצעס און ווײַטער אים געטראָגן ווי ער וואָלט גאָרנישט געוויגן. ערשט אַז ער איז אַראָפּ אין שול־געסל האָט ער דערהערט דאָס קוואַקען פֿון אַ גערודפּטער הון און פֿאַר זײַנע פֿיס איז פֿײַל אויסן בויגן פֿאַרבײַגעלאָפֿן אַ באַשעפֿעניש, וואָס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט געווען אַ בן־אדם, נאָר געלאָפֿן איז עס אויף אַלע פֿיר. איצט מוז ער עס בענדיקן! האָט ער שנעל אַראָפּגעלאָזט דעם אַלמער און זיך געלאָזט נאָכיאָגן דאָס באַשעפֿעניש. ס'האָט אים פֿאַר־פֿירט צו דער זײַטיקער וואַנט פֿון דער שול אין דער שטשאָנקע. דער דורכ־גאַנג איז אַ שמאָלער. ראובן ברײַנעס האָט געדענקט, אַז אָן דער וואַנט פֿון דער שול איז אָנגעשפּאַרט די מיטה און ער דאַרף זי אויסמײַדן. ער האָט זי אויסגעמיטן צו שפּעט. ער האָט זיך אָן איר אָנגעשלאָגן און געפֿאַלן. געפֿאַלן מיטן פּנים אַראָפּ, אויסגעצויגן אויף דער מיטה, ווי ער וואָלט געווען אַ מת, וואָס די חברה קדישא האָט פֿאַרגעסן אים אַוועקצוטראָגן אויפֿן בית־החיים אים קובר צו זײַן.

אַז ראובן ברײַנעס האָט צום סוף געבראַכט דעם אַלמער צום וווכערניק, האָט סנדרל געפֿונען אַ ריטשקעלע בלוט אויף דעם טרעגערס בגד. האָט ער געזוכט און געזען, אַז דאָס בלוט קומט פֿון דער הינטערשטער זײַט קאָפּ.

„מיט וועמען האָסטו זיך געשלאָגן?" — האָט דרך אַגב סנדרל געוואָלט וויסן ווער עס האָט געזען דעם אַלמער.

„מיט שדים" — האָט ראובן בריינעס געענטפערט.

איין מאָל אין אַ ווינטערנאַכט האָט זיך די חברותא היינטערן וואַרעמען אויוון אין בית־מדרש אַזוי צערעדט וועגן שדים, אַז זיי האָבן אַפילו נישט געהערט ווען די הענער האָבן געקרייט אויף האַלבער נאַכט.

הערשעלע ליקעווער, וואָס האָט ליב צו הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, האָט געהאַלטן דערביי, אַז דאָס וואָס די מאַכטיקע פירן צווישן זיך מלחמה איז עס אָנגעדרייט פון די שדים און נישט־גוטע. וואָרום פון זיך אַליין — צו וואָס דאַרפן די מלכים מלחמות? פרנסה פעלט זיי נישט, כבוד האָבן זיי איבערן קאָפּ, נקבות — וויפל זיי ווילן, פרעסן און זויפן שפּילט ביי זיי אַ ראָל ווי ביי אים, הערשעלען, אַ קדיש יתום. וויל איינער ראָסל־פּלייש — טוט ער אַ פּאַטש מיט די הענט און זיינע דינערס ברענגען אים אַריין אַ מידניצע ראָסל־פּלייש. וויל ער אַ טעלער יויך מיט אונטער־געפּרעגלטע זאַטשערקעס איז גענוג ער זאָל אַ פּינטל טאָן מיט אַן אויג און די סאַרווערס ברענגען אים אַריין אַ גאַנצע מידניצע יויך מיט זאַטשערקעס אַז זיי פאַרשמעקן דעם פּאַלאַץ.

אין דער צייט ווי הערשעלע ליקעווער האָט זיך געלוביעט מיט די מאכלים פון די מאַכטיקע, האָבן די אברכים, וואָס לערנען ביי נאַכט אין בית־מדרש, געהאַט געבראַכט קי־אייטער און וואַרעמע בייגל נאָר וואָס פון אויוון אַרויס. דעם אייטער האָבן זיי געבראָטן אויף די זשאַרענדיקע קוילן אין אויוון. דער ריח פון דעם געבראָטנס האָט ליכטיק געמאַכט אין בית־מדרש. אַפילו שמערל דער בעל־תשובה האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עסן, צוגעלאָפן צו דער האַנט־פּאַס, אָפּגעגאָסן די נעגל און אַ שפּריץ געטאָן אויפן קראַק פון זיינע הויזן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו ברכת המזון.

דאָס וואָס הערשעלע ליקעווער האָט פּרטימדיק אויסגערעכנט וואָס פאַר אַ מאכלים די מאַכטיקע קענען האָבן בלויז פון אַ פּאַטש טאָן מיט די הענט, אָדער פון אָנווינקען מיט אַן אויג, און דאָס וואָס דער ריח פון דעם געבראָטענעם אייטער איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע ווינקעלעך פונעם בית־מדרש, האָט דערמאָנט יונה שינדלמאַכער, אַז ער האָט פאַרגעסן צו עסן וועטשערע. ס׳האָט אים זייער שטאַרק געגאָגט ביים האַרץ. האָט ער איבער־געריסן דעם גוטן שמועס וועגן שדים, וועגן מאַכטיקע און מאכלים און זיך

געקליבן אַהיימגיין. אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס פון בית־מדרש, האָט ער פון דער שול, וואָס אַנטקעגנאיבער, דערהערט ווי אַ ניגונדיק קול רופט אים אויף צום ספר.

פון אָנהייב האָט ער אַפילו נישט באַגריפן, אַז דאָס מיינט מען אים. נאָר אַז ער האָט געהערט אויסרופן זײַן נאָמען, האָט ער אונטערגעשטעלט דאָס אויער און בפירוש געהערט, אַז דאָס קול ניגונט אויס:

„יעמוד ר׳ יונה בן ליפּא!"

ער האָט אַפילו געוואָלט נעמען די פיס אונטערן אָרעם און אַנטלויפן, אָבער ווי ער האָט אָנגעהויבן לויפן אַזוי איז אים דאָס קול נאָכגעלאָפן און אים גערופן וואָס אַ מאָל העכער און אַפילו דראָענדיק. האָט זיך יונה באַזינען, אַז די שדים האָבן אים סײַ ווי געבענדיקט און דאָס מאָל וועט ער פון זיי נישט פטור ווערן. האָט ער זיך אויסגעדרייט און געלאָפן צוריק אין בית־מדרש.

אַז ער האָט דערציילט די מעשה, האָט ראובן ברײַנעס אָנגעשפּיגן אין די פויסטן און געזאָגט:

„קום, יונה, איך גיי מיט דיר. וועסט מאַכן די ברכה איבערן ספר און זאָל זיי גאָט העלפן זיי זאָלן דיר עפּעס טאָן. איך וועל זיי פּלעטן די קעפּ!"

האָט שמערל דער בעל־תשובה געלאָשן ראובן ברײַנעס היציקייט און געזאָגט, אַז מיט י ע נ ע לײַט טאָר מען זיך נישט שפּילן. זיי האָבן אַזעלכע פּאָרטלעך, וואָס קיין שום לעבעדיקן וועט גאָר נישט אײַנפאַלן. אַז זיי רופן אויף בײַ נאַכט צום ספר מוז מען גיין, נאָר מען דאַרף טאָן וואָס אַלע ייִדן טוען אין אַזאַ פאַל: אויפוועקן דעם שמש, דער שמש זאָל אויפוועקן דעם גבאי, דער גבאי זאָל אויפוועקן דעם רב און דער רב זאָל מיט אַ מזומן ייִדן באַגלייטן יונהן צום בעלעמער אין דער שול.

יונה איז געווען דערשראָקן און בלאַס ווי די שדים וואָלטן אים באַ־צײַטנס געוואָרגן. ער האָט געפילט: ס׳איז נישט גוט מיט אים. ווי וועט ער דאָ גיין וועקן דעם שמש, דעם גבאי, דעם רב, אַז סך־הכל איז ער נישט מער ווי יונה שינדלמאַכער?

די אברכים וואָס קענען זיך אויס אין די דינים און מנהגים, האָבן געזאָגט, אַז דעם רב אַליין דאַרף מען נישט. דער שטעקן פונעם רב איז אַזוי גוט ווי דער רב אַליין. דעם גבאי דאַרף מען אויך נישט. זאָל נאָר דער שמש אַרויסבאַקומען פונעם רב דעם שטעקן מיט רשות, איז גענוג אַ מזומן מאַנצבילן זאָלן גיין מיט יונהן און ער זאָל מאַכן די ברכה איבערן ספר.

געהערט, אַז ער דאַרף מאַכן די ברכה, האָט זיך יונה געפּרוּווט דער־מאָנען און די ברכה איז אים אַרויסגעפלויגן פון זכרון, ווי ער וואָלט זי קיין מאָל נישט געקענט אויסנווייניק. ער האָט מיט דער האַנט זיך אָנגע־כאַפּט ביים שטערן. ער, וואָס האָט געקענט אויסנווייניק גאַנץ „עקדת יצחק" צוזאַמען מיט די ניגונים, זאָל האָבן פאַרגעסן די ברכה איבערן ספר! אַז שמערל דער בעל־תשובה האָט געזען ווי שטאַרק יונה איז צעטומלט, האָט ער געזאָגט צו הערשעלע ליקעווער, ער זאָל גיין אויפוועקן דעם שמש, דער שמש זאָל אויפוועקן דעם גבאי, דער גבאי זאָל לויפן אויפוועקן דעם רב און דער רב זאָל אים געבן זיין שטעקן און די שליטה. איז הערשעלע צעטומלט געוואָרן, ווי יונה איז געווען צעטומלט, און זיך אָפּגעטרייסלט:

„וואָס עפּעס איך?"

„אַ שליחות מצווה!" האָט שמערל אים געמוטיקט.

האָט ראובן בריינעס זיך אַליין אָנגעשלאָגן, אַז ער וועט גיין אויפוועקן דעם רב. האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן שמערלען. און אַזוי ווי רוגזה איז אַ חטא איז ער צוגעלאָפן צו דער האַנט־פאַס, זיך אָפּגעגאָסן די נעגל און אַ שפּריץ געטאָן אויף זיינע הויזן. ער האָט געזאָגט געלאַסן:

„ראובן, גיי וועק אויף דעם שמש און דו וועסט זיך קויפן עולם הבא".

איז ראובן בריינעס געלאָפן אויפוועקן דעם שמש. דער שמש האָט קרעכצנדיק אַרויפגעצויגן אויף זיך די מלבושים, אָנגעצונדן זיין גרויסע לאַמטערן און אַוועקגעאיילט צוזאַמען מיט ראובנען אויפוועקן דעם גבאי. דער גבאי האָט זיך געלאָזט לאַנג וועקן און פון יענער זייט פאַרמאַכטן לאָדן איבערגעפרעגט איין מאָל און אָבער אַ מאָל:

„וואָס איז געשען, זאָגסטו?"

דעם שמשס ווערטער זענען נישט דערגאַנגען צו זיין פאַרשלאָפנקייט. צום סוף איז דער גבאי אַרויסגעקומען ווי ער איז אַראָפּ פון געלעגער, אין די תחתונים, און פון אויבן מיט אַ וואַטענעם שפּענצער.

„אפשר וועסטו מיר דאָך זאָגן ווו עס ברענט?" האָט ער דעם שמש געפרעגט מיט צאָרן.

„אין דער שול ברענט" האָט ראובן בריינעס געענטפערט אָנשטאָט דעם שמש „די שדים האָבן אויפגערופן יונה שינדלמאַכער צום ספר".

„אַזוי גאָר?!" איז דער גבאי ענדלעך געקומען צו זיך „דאַרף מען דאָך גיין אויפוועקן דעם רב".

דעם רב האָט מען נישט געדאַרפט וועקן. ווי זײַן שטייגער זיצט ער ביז פאַר טאָג איבער אַ ספר. אויך דאָס מאָל האָט ער געלערנט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גלעזל פון אַ בריל און אין דער צווייטער האַנט אַ ליכטל, וואָס האָט שוואַך באַלויכטן די געדיכטע שורות פונעם ספר. ער האָט געלערנט מיט אַ שטילן און פאַרשלאָפענעם ניגון, וואָס האָט אים גע־האַלטן וואַך.

פון דעם וואָס דער גבאי האָט דערציילט איז דער רב נישט נתפעל געוואָרן.

„געזען אַזעלכע זאַכן" האָט ער נישט איבערגעריסן דעם ניגון פון לערנען. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס בריל־גלעזל אויפן אָפענעם ספר און אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום גבאי: „כ'וועל דיר געבן מײַן שטעקן און זײַ דו מײַן שליח" — האָט ער זיך שווער אויפגעהויבן פון דער שטול — „נאָר גיב אַכטונג, אַז דער אויפגערופענער צום ספר זאָל מאַכן די ברכה מיט כּוונה".

„רבי, מיר טרעפט עס ס'ערשטע מאָל. ס'וואָלט געווען אַ סברה איר אַליין זאָלט זיך מטריח זײַן".

דער רב האָט פונעם ווינקל גענומען זײַן שטעקן מיט דעם זילבערנעם הענטל און אים דערלאַנגט דעם גבאי.

„איך האָב גענוג שדים בײַ טאָג, וואָס שטערן מיר אין עוסק זײַן אין לערנען, ווילסטו איך זאָל מיט זיי האָבן צו טאָן אויך אין די נעכט? מיט וואָס וועל איך זיך שטעלן פאַר אים אין הימל? מיט שדים, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן? מיט אַ פליישיק טעפּל וואָס אויף אים האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ טראָפּן מילך? ענטפער אַליין".

דער גבאי האָט געענטפערט מיט נעמען פון דעם רבס הענט זײַן שטעקן, ווי מען נעמט אַ לעבעדיק נפש אין די הענט אַרײַן.

אַז דער גבאי איז אַרויס פון דעם חדר האָט ראובן ברײַנעס געקוקט דאָ און דאָרט. ער האָט געזוכט דעם רב. ער האָט געגאַרט צו שטיין נעבן דעם רב אין אַזאַ נאַכט צוזאַמען מיט דעם גבאי. נאָר דערזעענדיק דעם שטעקן אין דעם גבאיס הענט, האָט ער געפרעגט ווי עס פרעגט אַ גרויס קינד:

„דאָס איז דער רבי?"

„דאָס איז דער רב, עם־האָרץ" האָט דער גבאי געענטפערט בייז.

אין בית־מדרש האָט עס אויסגעזען אַזוי ווי עס וואָלט געלעגן אַ מת, וואָס מען גאַרט ער זאָל וואָס שנעלער קומען צו קבר ישׂראל. די אברכים האָבן פאַרלוירן די כּוונה צו לערנען, הערשעלע ליקעווער האָט אין דער ספרים־שאַנק געזוכט אַ ספר, וואָס ער האָט אַליין נישט געוווּסט וועלכן, און שמערל דער בעל־תּשובה האָט אַזוי פיל מאָל געמאָלקן די האַנט־פּאַס אַז נישט בלויז זײַנע הויזן זענען אין גאַנצן געוואָרן פיטש נאַס, נאָר אויך אַרום דער האַנט־פּאַס האָט זיך געמאַכט אַ בלאָטע. יונה דער שינדלמאַכער איז געזעסן אויף אַ באַנק און מיט די הענט זיך געהאַלטן בײַ די באַקן ווי אַלע ציין וואָלטן אים ווי געטאָן. וואָס לענגער ראובן ברײַנעס האָט זיך געזוימט, אַלץ מער איז אין אים געוואַקסן די שרעק. ער האָט זיך נישט אַזוי געשראָקן פאַר די שדים, וואָס ער דאַרף שטיין אַנטקעגן זיי פּנים־אל־פּנים, נאָר פון דעם אַלץ וואָס עס דאַרף געשען אַרום די שדים.

ראובן ברײַנעס איז מיט אימפּעט אַרײַן אין בית־מדרש און מיטגע־שלעפּט מיט זיך אַ כוואַליע קעלט. יונה איז אויפגעשפּרונגען, ווי דער טרע־גער וואָלט געקומען אים נעמען אויף מקבר צו זײַן לעבעדיקערהייט. און ווי עס האָט זיך יונהן אויסגעדאַכט אַזוי האָט ראובן ברײַנעס על־פּי טעות אויסגערופן צום שינדלמאַכער:

„קום אין דײַן רו אַרײַן!"

דאָס איז אים געשען מחמת גרויס איבערגענומענקייט. סך־הכּל האָט ער געוואָלט יונהן זאָגן „קום אין שול אַרײַן, דער גבאי וואַרט מיט דעם רבס שטעקן". יונה האָט זיך געלאָזט פירן ווי אַ חדר־ייִנגל. ראובן האָט אים געשטאַרקט:

„קום מיט מיר, טאָמער טוען זיי דיר עפּעס וועל איך זיי צעברעכן ס׳געניק".

די אברכים האָבן אים צוגעהאָלפן:

„יונה, דו מוזסט גיין. מיט י ע נ ע לײַט שפּילט מען זיך נישט".

אַז יונה איז אַרויס אין דרויסן און געזען, אַז דער גבאי מיטן שמש וואַרטן אויף אים און דער גבאי האַלט דעם רבס שטעקן ווי מען האַלט אַ לולב, איז די שרעק פון אים אַוועקגענומען געוואָרן ווי מיט דער האַנט. ער האָט זיך דערפילט וויכטיק, נישט ווי שדים וואָלטן אים אויפגערופן צום ספר, נאָר ווי מען וואָלט אים אין דער שול אויפגערופן צו אַן עליה שבת בײַם לייענען.

מיט אַ קרעכץ האָט דער שמש איבערגעדרייט דעם שליסל אינעם שלאָס פון דער שול־טיר און די טיר האָט אים געענטפערט מיט אַ קרעכץ. זי האָט זיך געעפנט פאַרשלאָפן, שווער.

„לאָזט מיך, איכ׳ל גיין דער ערשטער!״ האָט ראובן ברייַנעס געזאָגט מעשה גבור.

דאָס מאָל האָט דער גבאי מוותר געווען אויף זייַן כבוד און געלאָזט דעם עם־האָרץ גיין דער ערשטער. ער וואָלט אַפילו מסכים געווען צו זייַן דער לעצטער, נאָר ביי אַזאַ מעמד איז בעסער נישט צו זייַן אויך דער לעצטער. איז דער גבאי געגאַנגען נאָך ראובנען; נאָך דעם גבאי איז געגאַנגען יונה; נאָך יונהן — דער שמש; נאָך דעם שמש איז געגאַנגען הערשעלע ליקעווער; נאָך הערשעלע ליקעווער איז געגאַנגען שמערל דער בעל־תשובה און אים האָבן אָפגעשלאָסן דריי אברכים.

כאָטש אַלע האָבן געקענט די שול און געוווּסט ווי מען גייט צום בעלעמער, דאָך האָבן זיי געטאַפּטשעט און געשאַרוועט מיט די שטיוול, ווי ערגעץ ווו וואָלט געוואַרט אַ תהום. די לאַמטערן האָט דער שמש איבערגעלאָזט אין דרויסן, כּדי נישט איבערצושרעקן די שדים. איז די פינצטערניש אין דער שול געווען אַזוי טיף, אַז דאָס פלעמל אינעם נר־תמיד־לאָמפּ איבערן אָרון־קודש האָט אויסגעזען ווי אַ שטערן אין הימל, וואָס לייַכטן לייַכט ער, נאָר באַלייַכטן באַלייַכט ער נישט. ווי די לייַט האָבן זיך געריטשעט צום בעלעמער, אַזוי איז אויף דער צפון־וואַנט, דאָרט ווו אַ גאַנץ יאָר הענגט אַ מצה שמורה פון דעם לעצטן פּסח, אויפגעגאַנגען אַ געדעמפטער ליכטיקער פלעק, ווי די מצה וואָלט זיך צעלויכטן מיט איר אייגן ליכט.

פלוצים האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ קורצער שאַרפער דונער, ווי דער קלאַפּ פון אַ בייַטש.

„רבותי, איך האָב פאַרלוירן דעם רבס שטעקן!״ האָט דער גבאי אויסגערופן „ער איז מיר אַרויסגעפאַלן פון די הענט!״

ס׳געזעמל איז געבליבן שטיין פאַרלוירן, באַלד דערנאָך זיך אייַנגעבויגן און געטאַפּט מיט די הענט אויפן דיל צו געפינען דעם שטעקן. אַרום זיי איז דער שטעקן נישט געווען.

„די לאַמטערן!״ האָט הערשעלע ליקעווער אויסגעשריגן.

„חלילה, מען טאָר נישט!״ האָט געדונערט דעם גבאיס קול.

„מ׳דאַרף רופן דעם רב״ האָט געעצהט שמערל דער בעל־תשובה.

ראובן ברײַנעס איז אײַנגעפאַלן, אַז דער שטעקן איז געלאָפן דער ערשטער צום בעלעמער און דאָרט איז ער געפאַלן. וכך הווה. ווי נאָר ראובן האָט אויפגעהויבן אַ פוס אַרויפצושטײַגן אויף די שטיגלעך צום בעלעמער, אַזוי האָט זיך אים פאַרטשעפּעט דער צווייטער פוס און ער איז אַרויפגעפאַלן מיט זײַן גאַנצן גוף.

„כ׳האָב אים!" האָט ראובן ברײַנעס אויסגעשריגן „אויף מײַנע נאמנות, איך האָב אים!"

ער איז מיט דער אויסגעצויגענער האַנט אַרויפגעפאַלן אויפן שטעקן.

„געלויבט השם־יתברך" האָט דער גבאי שטיל געזאָגט. ער האָט גע־זוכט ראובנען, כּדי בײַ אים צוצונעמען דעם שטעקן און אַז ער האָט זיך דערקליבן צו אים און אָנגעכאַפּט דאָס זילבערנע הענטל, איז ראובן געווען זיכער, אַז אַ שד גייט אים אַרויסכאַפּן דעם שטעקן און ער האָט אויסגע־שריגן:

„זײַ מײַן כּפּרה!"

דער גבאי האָט זיך געלאָזט דערקענען אין דער פינצטער:

„ששששׁ, דאָס בין איך. ס׳איז אַ מקום־קדוש אין אַזאַ צײַט!"

„נו, ווו ביסטו?!" האָט ראובן מיט דער האַנט געזוכט יונהן.

יונה האָט זיך צוגעשטופּט צום שולחן. דער גבאי האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער פויסט:

„יונה בן ליפאַ, מאַך די ברכה איבער דער תּורה!"

איצט איז געשען אַ נס: ווי פריִער איז יונהן אַרויס פון זכּרון די ברכה, אַזוי האָבן איצט פאַר אים אויפגעשײַנט מיט אַ רויטלעך ליכט די אותיות פון דער ברכה, כּאָטש טאַפּ זיי אָן מיט די פינגער. ס׳האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, אַז פון די גליִענדיקע אותיות פאַר אים גייט אויף אַ כּוח, וואָס הייבט אים אויף אין דער לופטן. נאָך אַ רגע און ער וועט אָנהייבן שוועבן. האָט ער זיך מיט די הענט אָנגעכאַפּט אָן דעם שולחן. און אַז אויך דער שולחן האָט אָנגעהויבן שוועבן צוזאַמען מיט אים, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן עמעצנס אָרעם. דער גבאי האָט אַ קורצן געשריי געטאָן:

„גיי אין דײַן רו אַרײַן!" און ער האָט ווידער פאַרלוירן דעם שטעקן. ער איז אים נעלם געוואָרן פון די הענט. נאָר איצט איז שוין געווען נאָך דער ברכה און נאָכן נאָכזאָגן אָמן.

דאָס מאָל האָט דאָס זוכן נישט געהאָלפן. דער שטעקן איז נישט געווען. האָבן די לײַט בלית ברירה הינטערווײַלעכץ זיך אַרויסגעשאַרט פון דער

שול. און אַז דער שמש האָט געוואָלט פאַרשליסן די טיר, האָט ער געטאַפּט אין אַלע זײַנע קעשענעס און צום סוף אויסגערופן:

„אוי, אַ בראָך! איך האָב דעם שליסל פאַרגעסן אויפן שולחן".

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מען דעם רבינס שטעקן געפונען נעבן אָרון־קודש און דעם שליסל פון דער טיר אין דער עזרת־נשים נעבן פעסל וואַסער, ווו די ווײַבער טונקען די הענט פאַר „אָשר יצר".

דער צווילינג

טעלצע די אָפּשפּרעכערקע האָט זיך געדרייט אויף דעם זאַמדיקן פּלאַץ אַרום לאהס הויז און געשמאָרעט ווי זי וואָלט אויף אַן אַלטן בית־עולם מיט אײַנגעפאַלענע און אָפּגעמעקטע מצבות געזוכט דעם קבר פון אַ צדיק, זיך אויסצוקלאָגן פאַר אים, ער זאָל זיך פאַר איר מיִען אין הימל. כאָטש ס׳איז געווען מיטזומער איז זי געווען אָנגעטאָן ווי זי וואָלט זיך געקליבן אויף אַ ווײַטער נסיעה אין מקומות מיט קעלטן. עס קען זײַן, אַז זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך איין מלבוש אויפן צווייטן נישט אָפּצוגעבן זיך קיין חשבון דערפון, ווײַל געטראַכט האָט זי, אַז אַפילו עס זאָל איר אויסקומען צו גיין ביז עק וועלט מוז זי אויסגעפינען וועמעס האַנט עס שטעקט אין דער זאַך און ווו עס איז פאַרבאָרגן דער כּישוף. אַז צו לאהס געדערעם איז אָפּגעטאָן אַ כּישוף — אויף דעם וואָלט זי געשוואָרן אַפילו בײַ אַ הײליקײט. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז טאָמער פלעגט זי אָפּשפּרעכן אַ ריפּקוכן, אַזוי פלעגט ער נעלם ווערן פונעם קינדס פּאָנצל ווי אָפּגעווישט מיט דער האַנט. דאָס מאָל — נישט פאַר קיינעם געדאַכט — האָט זי שוין צום צווייטן מאָל אָפּגעשפּראָכן דעם ריפּקוכן פון לאהס הויקערל, דעם בן־יחיד שיִעלע, יעדעס מאָל דאַכט זיך, אַז ער ווערט נעלם און צום סוף — גאָרנישט. ווי ער איז געהאָנגען אַזוי הענגט ער.

טעלצען קען מען נישט אָפּנאַרן אין אויסקענען זיך אויף אַ ריפּקוכן. אַז זי טוט אַ קוק אויף אַן אַראָפּהענגענדיק פּאָנצל פון אַ קינד, אַזוי ווייסט זי באַלד, אַז טאָמער הענגט עס אַראָפּ ווי אַן אײַטער בײַ אַ ציג, איז עס אַ ריפּקוכן, און טאָמער שטייט דאָס פּאָנצל אַרויס ווי אַ ציצקע בײַ אַ

געווינערין — איז עס נישט דאָס. דאָס הויקערל שיִעלע האָט אַ ריפּקוכן, אַז אַפילו ווען אַ בלינדער וואָלט אים אויסגעטאַפּט מיט די פינגער, וואָלט ער געזען, אַז דאָס איז עס.

די אָפּשפּרעכערקע ווייסט אַפילו י ע נ ע זאַך פאַר וואָס לאה — באַהיט און באַשירעמט זאָל ווערן יעדע ייִדישע טאָכטער — האָט געבוירן אַ הויקערל און דערצו האָט דער אין הימל אים שפּעטער אויך באַגאָבט מיט אַ ריפּקוכן. נאָר אַ זינדיקער מענטש טאָר נישט צו פיל גראָבן אין זכרון ווי מען טאָר נישט גראָבן אין אַ קבר, ווו ס'איז באַערדיקט אַ מענטש. אַז מען הייבט אָן צו פיל זיך גראַבלען אין זכרון קען מען חלילה געניזוקט ווערן. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט וועדליק זײַן רצון און ער פירט די וועלט וועדליק זײַן רצון. דאַרף מען אים לויבן פאַר אַלץ און אויסבעטן בײַ אים ישועות און נחמות. דערום האָט ער צו די צדיקים געגעבן ס'רשות אָפּצושרײַען אין הימל די גזירות, וואָס די קטגורס דאָרטן אויבן נאָרן אויס און שיקן זיי אָן אויף דעם זינדיקן מענטש אויף דער וועלט.

געלע דער בעקערינס איינציקע צווייטע טעכטער, לאה און עטל, זענען געוועזן אַ צווילינג. זיי זענען געקומען אויף דער וועלט אַזוי ענלעך איינע צו דער צווייטער ווי עס זענען ענלעך צו זיך צוויי קאַרשן אויף איין צווײַגל. אַפילו געלע, די מאַמע זייערע, האָט זיי פון אָנהייב פאַרביטן און זיך געקלאָגט, אַז די מיידן צעמישן איר דעם מוח. עס שווינדלט איר פאַר די אויגן און זי ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך מיט איר. אָט גיט זי די ברוסט צו איינע און עס דאַכט זיך איר, אַז זי איז שוין אָנגעזויגן, נאָר באַלד צעווייִנט זיך די צווייטע, ווייסט זי נישט ווו זי איז אין דער וועלט. אַזוי אויך טאָמער האָט זיך עטל געריסן סכּנת נפשות די מאַמע זאָל זי איבערוויקלען פון דעם טײַך אין וועלכן זי איז געלעגן, האָט זי גאָר איבערגעוויקלט לאהן, וואָס איר וויקלשנור און ס'ווינדעלע זענען געווען טרוקן ווי נאָר וואָס פון בוידעם אַראָפּגענומען. האָט געלע גענומען און אויפן הענטעלע פון עטלען אָנגעבונדן אַ גרין בענדעלע צום רויטן בענדעלע קעגן אַן עין־הרע, און אַזוי האָט זי געוווסט, אַז די מויד מיט דעם איינציקן רויטן בענדעלע איז לאה און די מויד מיט דעם רויטן און גרינעם בענדעלע איז עטל. נאָר אַז די הענטעלעך זענען סײַ ווי אײַנגעשנורט אין די וויקלשנורן האָט זי ווידער נישט געוווסט וועלכע ס'איז לאה און וועלכע ס'איז עטל, סײַדן בײַם באָדן זיי. דעמאָלט ערשט האָט זיך געלע אָנגעפרייט דאָ מיט לאהלען, לאהטשעניו, לאהקעלע,

גאָלדענער אוצר, און דאָ מיט עטלשי, עטלניו, נחת מײַנער. דער טאַטע, פּיניע שׂרהס, האָט זיך צו קיין מויד נישט געקענט צורירן, וואָרום טאָמער איז ער צוגעגאַנגען צום הענגוויגל פון לאהן, האָט ער זי דווקא גערופן עטל, און טאָמער איז ער צוגעגאַנגען צום הענגוויגל פון עטלען איז — לאהטשעניו און לאהלע. האָט געלע געשריגן צום מאַן:

„פּיניע, דו מאַכסט מיר אַ תל פון די קינדער. זיי וועלן דאָך חלילה אַליין נישט וויסן ווי זיי הייסן!"

אַזוי לאַנג ווי די מיידלעך זענען געווען אין די וויקלשנורן, איז לאה געווען לאה און עטל איז געווען עטל, נאָר ווי זיי זענען אַרויס פון די וויקל־שנורן און אָנגעהויבן אַרומקראַטשקען אויפן דיל, האָט זיך אַלץ צעמישט. עס איז געשען ווי עס געשעט מיט קינדער: לאהלע האָט זיך צוגעכאַפּט צום הענטל פון איר שוועסטער עטל. עס איז איר דווקא געפעלן דאָס גרינע בענדעלע. האָט זי דאָס בענדעלע אַזוי לאַנג געצויגן ביז ס'האָט זיך אויפ־געבונדן און לאהלע האָט עס גענומען אין מײַלכל, ווי זי וואָלט שוין געהאַט ציינדעלעך און זי וויל עס צעקײַען. אַז געלע האָט דערזען דאָס גרינע בענדעלע ווי עס הענגט אַרויס פונעם מײַלעכל פון לאהלען ווי אַ לאָקשעלע, האָט זי נישט געוווסט צי האָט עטל אַליין אָפּגעבונדן דאָס גרינע בענדעלע און עס גענומען אינעם מײַלעכל אַרײַן, אָדער דאָס האָט לאה אויפגעבונדן בײַ דעם שוועסטערל דאָס בענדעלע און עס גענומען אין מײַלעכל אַרײַן. זענען טאַטע־מאַמע, פּיניע שׂרהס און געלע די בעקערין, געשטאַנען איבער זייערע טעכטער און געפרווט טרעפן ס'רעטעניש וועלכע איז לאה און וועלכע איז עטל. געלע האָט געזאָגט, אַז די וואָס האָט געהאַלטן אין מײַלעכל דאָס גרינע בענדעלע איז עטל, וואָרום פון וואַנען קומט דאָס גרינע בענדעלע אינעם מײַלעכל פון לאהן? האָט דער טאַטע פּיניע געזאָגט:

„אַ סימן אַ לאָקשנברעט. איך וואָלט געגאַנגען אין געוועט, אַז די וואָס האָט געקײַט דאָס גרינע בענדעלע איז לאהלע און זי האָט עס אַראָפּגעריסן פונעם הענטעלע פון איר שוועסטער, וואָרום די גאַנצע וועלט זעט, אַז די מויד וואַקסט אַ שד".

האָט געלע געזאָגט:

„שפּײַ אויס דרײַ מאָל. וואָס אַלץ דו זעסט".

צום סוף זענען טאַטע־מאַמע געקומען צו דער דעה, אַז זיי וועלן זיך אָװעקשטעלן אַ פּאָר טריט פון די מיידן און זיי רופן. די וואָס וועט זיך

אָפּרופן אויפן נאָמען וועט זײַן די וואָס מען האָט גערופן. האָבן פּיניע און געלע זיך אָוועקגעשטעלט פון דער ווײַטנס און די מאַמע האָט גערופן:

„לאהשי, לאהשי!" האָבן זיך צו זיי אומגעקערט סײַ לאה און סײַ עטל. האָבן טאַטע־מאַמע ווידער געמאַכט אַ פריילעכע מינע און פּיניע האָט אויס־גערופן: „עטעלע, עטעלע!" האָבן זיך ווידער ביידע מיידן אומגעקוקט און געשמייכלט זייער זיסן שמייכל, וואָס איז געווען איין שמייכל, אַ צווילינג־שמייכל.

טאַטע־מאַמע האָבן מער נישט געוווסט וועלכע טאָכטער ס'איז לאה און וועלכע — עטל. די זאַך האָט זיי שטאַרק געשראָקן. נאָך אַ מאָל אַ נאָמען געבן די קינדער און אפשר, חלילה, פאַרבײַטן די נעמען, אַז עטל זאָל זײַן לאה און לאה זאָל זײַן עטל, קען עס זײַן אַזוי גוט ווי פאַרטוישן דאָס מזל פון איינער מיט דעם מזל פון דער צווייטער. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז אין אַזאַ זאַך ליגט אַ גאַר גרויסע סכנה. טאַטע־מאַמע טאָרן נישט פאַרטוישן דאָס מזל פון זייערע קינדער.

געלע די בעקערין האָט נישט געקענט רוען: בײַ איר זאָל טרעפן אַזאַ זאַך?! אַז זי גייט צו צו אַ העגנגוויגל ווייסט זי נישט ווי צו רופן איר אייגן קינד. פון קומער האָט זי בײַ נאַכט געוועקט איר פּיניען, ער זאָל זען עפּעס טאָן. אַז אַ מויד צעוויינט זיך און זי, געלע, צעוויגט דאָס העגנגוויגל, ווייסט זי נישט מיט וועלכן נאָמען זי אײַנצושטילן. איז אַזאַ זאַך געהערט געוואָרן אין דער וועלט? אַפילו אַן אויפגעוועקטער פון שלאָף האָט פּיניע שׂרהס געזאָגט:

„הער מיך, מײַן ווײַב, די וואָס רײַסט זיך ווי די וועלט וואָלט איר אונטערגעגאַנגען, איז לאה, נאָר טאָמער וויינט די צווייטע ווי זי וואָלט מורא געהאָט צו שרעקן די מײַז — זי איז עטל".

האָט געלע געזיפצט:

„דו, אַז די נעמסט זיך אַרײַן אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַרײַן וועט מען זי מיט קיין האַק נישט אַרויסשלאָגן".

צום סוף, אַז געלע האָט נישט אויפגעהערט אים צו דורען דעם קאָפּ, איז פּיניע אָוועק צום רב, ער זאָל אים געבן אַן עצה וואָס צו טאָן. האָט דער רב גענומען די באָרד אין דער האַנט אַרײַן, זיך אײַנגעקוקט אין אירע שפּיצן און געזאָגט אַזוי:

„וואָס שײַך ,טאַטע־מאַמע טאָרן נישט פאַרטוישן דאָס מזל פון זייערע קינדער׳? און אַז זיי וואָלטן אַפילו געוואָלט עס טאָן, קענען זיי עס באַווײַזן?

ווער זענען זיי, זיי זאָלן שאַטעווען מיט מזל? און אַפילו זייער אייגנס קענען זיי יאָ פאַרבײַטן? ווי אַ מענטש קומט אויף דער וועלט מיט אַ קאָפּ און מיט הענט און מיט פיס, אַזוי קומט ער אויך מיט זײַן אייגן מזל. דאָס מזל איז אָנגעצייכנט נאָך איידער מען גיט דעם נאָמען. דאָס מזל גיט דער הימל, בעת דעם נאָמען גיבן די עלטערן. וואָלטן עס געווען זכרים, וואָס מען גיט זיי אַ נאָמען בײַם ברית, וואָלט עס אפשר געווען אַ שאלה, וואָרום דעמאָלט ווערט געזאָגט ,ויקרא שמו בישׂראל יצחק, צי יעקב׳. אָבער נקבות? נאַרישקייטן. אָבי מ׳זאָל וויסן ווער זי איז צו דער חופה. רוף אָן ד י ווי דו ווילסט און רוף אָן די צווייטע ווי דו ווילסט, און זאָל טאַקע זײַן מיט מזל״.

פּיניע שׂרהס איז צוריקגעקומען פונעם רב אַ באַפרײַטער פון חשדים און געזאָגט צו געלען:

„איצט וועלן מיר דעם שד אַ נאָמען געבן לאה און די אַנדערע — עטל אַזוי ווי איך האָב געקלערט, אַז די איז לאה און די איז עטל, און זאָלסט מיך מער נישט וועקן בײַ נאַכט״. נאָר כּדי עס זאָל ווידער נישט געשען וואָס עס איז געשען, און עס זאָל נישט זײַן מער קיין חשש, האָט מען עטלען צוגעבונדן צוויי גרינע בענדעלעך: איינס ווי אַ צולאָג צום רויטן קעגן אַן עין־הרע און דאָס צווייטע אויף אַ פּיסל.

ווי זיי זענען געקומען אויף דער וועלט איינע ענלעך צו דער צווייטער ווי עס זענען ענלעך צו זיך צוויי קאַרשן אויף איין צווײַגל, אַזוי אויך זענען די מיידלעך געוואַקסן אָן יעדן סימן פון אַנדערשקייט: די זעלבע ליכטיקע פּנימלעך מיט אַ פּאָר ברוינלעכע קלײַען־פּינטעלעך איבער די נעזלעך, די זעלבע אַגרעס־גרינע צעבלישטשעטע אייגעלעך, די זעלבע האָר וואָס האָבן געגלאַנצט ווי געשמאַלצענער קופּער, דאָס זעלבע קלינגענדיקע געלעכטער און דאָס זעלבע בהלהדיק געוויין ווען זיי האָבן געוויינט. נישט מער, לאה האָט פון אַלץ געריסן שטיקער. טאָמער וואָלט זי דערגרייכט צום גלאָזוואַרג וואָלט זי אַלץ צעבראָכן און צעלאָמיעט, און אַז זי האָט געלאַכט האָט זי אַזש געציטערט פון געלעכטער. טאַטע־מאַמע האָבן שוין מער נישט גע־דאַרפט קיין סימנים ווער ס׳איז עטל און וועלכע ס׳איז לאה.

דערנאָך, אַז די מיידן זענען אונטערגעוואַקסן, האָט פּיניע שׂרהס אַפילו נישט גערופן זיי בײַ זייערע נעמען, נאָר לאהן האָט ער גערופן „דער שד״ און עטלען „ווייכע מירל״. וואָרום פון יאָר צו יאָר איז לאה געוואָרן וואָס

אַ מאָל ווילדער. זי איז געווען ענלעך צו אַ באַרגטײַך, וואָס רײַסט מיט אַלץ וואָס ער טרעפט אָן אויפן וועג. זי איז געווען דורשטיק און הונגעריק נאָך אַלץ וואָס אירע אייגעלעך האָבן געזען און געגלוסט צו דעם — צום דרויסן, צום וואַלד און צום פעלד. אַז ס׳איז איר באַפאַלן אַ רגע צו שפּילן זיך מיט אַ קעצעלע האָט זי פון ליבשאַפט געגלעט דאָס באַשעפעניש און געקניפּט עס ביז ווייטאָק, נאָר אַז דאָס חיהלע איז איר נמאס געוואָרן האָט זי עס אַ זאַרג געטאָן אין דער ערד ווי זי וואָלט עס וועלן דערהרגענען. אויף האַלבע טעג פלעגט זי פאַרפאַלן ווערן און שפּעטער אַהיימקומען מיט ווינט אין די צעפלאָשעטע האָר און מיט אויפגעלאָפענע ליפּן, ווי ליפּן פון אַ פּרעסערקע, וואָס ווייסט נישט פון זאַטקייט. איינע אַליין איז זי געלאָפן צו דער סאַזשלקע הינטער דער שטאָט און איר האָט נישט געקימערט טאָמער וועט פאַרבײַגיין אַ מאַנצביל ווען זי וועט זיך באָדן אַ נאַקעטע.

ווי לאה איז געוואָרן וואָס אַ מאָל ווילדער ווי אַ באַרגטײַך וואָס רײַסט מיט מיט זיך, אַזוי איז עטל געוואָרן געלאַסענער, ווי אַ וואַלדשטראָמל. זי איז געווען אַ בענקענדיקע, מיט רחמנות צו אַלץ וואָס אירע אויגן האָבן געזען — פאַר וואָס, אויב גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער זי באַשאַפן מענטשן זאָלן לײַדן ווייטאָקן און אײן מענטש צום צווייטן זאָל זײַן שלעכט? עטל האָט געטראַכט וועגן דעם אַלץ און עס איז איר אַפילו געווען אַ רחמנות אויף גאָט אַליין פאַר וואָס ער האָט מענטשן געגעבן אויך ווייטאָקן און שלעכטס.

געלע האָט געשטראָפט לאהן מיט עטלס געלאַסנקייט:

„קוק זיך צו צו דײַן שוועסטער. זי איז דאָך אַ שטיק זײַד. שטיל ווי אַ כּשרע טויב".

„כּשרע טויבן שעכט מען!" האָט לאה אויסגעשריגן.

„לאה, שוין זאָלסטו מיר אויסשפּײַען דרײַ מאָל! שונאי ציון זאָל מען שעכטן. דײַן שוועסטער וועט זוכה זײַן צו האָבן אַ רב פאַר אַ מאַן" האָט געלע געזאָגט מיט זיכערקייט.

„וועט דער רב פּסקענען, אַז זי איז אַ כּשר קעלבל" האָט לאה געקאָכט.

„אַ מויל אויף שרײַפלעך" האָט זיך געלע נישט געקענט אָן עצה געבן מיט איר ווילדער טאָכטער. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר באַלד איז זי געווען צופרידן וואָס עס האָט זיך איר נישט אַרויסגעכאַפּט, אַז זי, לאה, איז אַרײַנגעגראָטן אין איר מומע שיינע, געלעס שוועסטער, וואָס מיידלווײַז האָט מען זי געמוזט אַוועקשיקן צו קרובים, וואָרום זי האָט זיך פאַרליאַפּעט

אין אַ שגץ און געוואָלט מיט אים אַנטלויפן. אַ נס זי האָט זיך נישט אַרויס־געכאַפּט דערמיט. אַזאַ זאַך קען זיך, חלילה, צוטשעפּען צו דער ווילדער און מער פעלט איר נישט.

אַז דער צווילינג איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט זיך אַרײַנגעג־שטעלט הערש־לייב דער שדכן און אָנגעהויבן דירען דעם קאָפּ דאָ פון פּיניע שׂרהס און דאָ פון געלע דער בעקערין, אַז ער האָט פאַר זיי אַן אוצר. די טבע פון אַן אוצר, האָט ער געטענהט, איז אַזאַ, אַז דער וואָס כאַפּט אים דער ערשטער דער האָט אים, און דער וואָס פאַרפעלט אים דער האָט ס׳קדחת. האָט אים געלע די בעקערין אָפּגעמאָסטן און אים געזאָגט פון צווישן די ציין:

„הערש־לייב, וואָס עפּעס קומט איר צו מיר מיט קדחת? טוט מיר אַ טובה און טראָגט עס מיר אַוועק צו מײַנע שׂונאים. טפו זאָלן זיי ווערן. און אויב איר שטייט אין גרויסן מיט אײַער איינציקן אוצר, לאָז איך אײַך וויסן, אַז איך האָב צוויי אוצרות; דריטנס צי פערטנס, הערש־לייב, ווייס איך ווו איר וווינט. אַז איך וועל אײַך דאַרפן, וועל איך אײַך רופן״.

הערש־לייב האָט נישט נאָכגעלאָזט. וויפל געלע האָט אים געטריבן פון פאַר דער שוועל, אַלץ מער איז ער געקראָכן. און אַז ער האָט זי אַ מאָל געטראָפן מיט אַ גוט געמיט האָט ער געזאָגט צו איר דרינגענדיק מיטן גראָבן פינגער:

„געלע־לעבן, אַ גוט געזונט אויף אײַך. איר ווייסט דאָך אַליין, אַז דער שטייגער פון אַן עפּל, צי פון אַ באַרן, צי ווייס איך וואָס פון אַ פּרי איז, אַז טאָמער ווערט זי רייף דאַרף מען זי אַראָפּנעמען פונעם בוים, וואָרום אַז איר האַלט לענגער די פּרי אויפן בוים ווערט זי דאָ אָנגעקוועטשט, דאָרט כאַפּט זיך אַרײַן אַ ווערעמל, אָדער עס ווערט פון איר אַ מאַזשע כאָטש גייטס מאַכטס אײַנגעמאַכטס״.

האָט געלע געפרעגט:

„הערש־לייב, אַנטקעגן וואָס זאָגט איר מיר דאָס?״

פון געלעס גרימעניש האָט הערש־לייב אַרויסגעדרונגען, אַז ס׳איז בעסער ער זאָל איר נישט ענטפערן און ער האָט איר געוווּנטשן אַ גוטן תּמיד.

אַזוי האָט הערש־לייב אָפּגעריבן די שוועל ביז ער האָט אָפּגעוואַרט אין בית־מדרש פּיניע שׂרהס זאָל קומען דאַווענען מנחה־מעריב, און ער

האָט אים פּאָרטרויט אַ סוד, ווי צווישן צוויי מאַנצבילן, אַז אויב ער, פּיניע, און זײַן ווײַב, געלע, וועלן זיך נישט צואײַלן, אַזוי וועט זושע דעם וואַלד־סוחרס בן־יחיד אויסגעכאַפּט ווערן ווי די לעצטע מירא און ס׳וועט זײַן פּאַכופּיו.

דער סוד, אַז עס גייט וועגן דעם בן־יחיד פון ר׳ זושען האָט צעקאָכט געלען און זי איז אַרויס מיט תרעומות צום שדכן:

„הערש־לייב, איך בין אַ פּראָסטע יידענע. מיר דאַרף מען זאָגן טאָג איז טאָג און טשאָלנט איז נישט קיין פלודן. אַז איר האָט גערעדט אויף שטום־לשון ני־בע־ני־מע, האָב איך געטראַכט: ער האָט דאָרט אין טעפּל אַ פײַג מיט לאָקשן".

איצט האָט זיך הערש־לייב געפילט באַליידיקט:

„געלע פּיניע שׂרהס, פאַר וועמען האַלט איר מיך? איך האָב נישט קיין שידוכים אַבי ווער. הערש־לייב האָט די בעסטע שידוכים אין גאַנץ מלכות פּוילן — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין דער ברוסט — כ׳האָב שידוכים פון סוחרים און רבנים, פון גבירים אדירים און בעלי־יחוס, שמאַלץ מיט פלוסטערן האָב איך! זאָגט מיר איין וואָרט און איך בין נאָך הײַנט בײַ ר׳ זושען".

כדי ער זאָל נישט אויסוואַקסן קיין פּויערים־יונג האָט ר׳ זושע אַוועקגעשיקט זײַן בן־יחיד אברהמל אין דער לאָמזשער ישיבה. אין די דרײַ יאָר ווי אברהמל האָט געלערנט האָבן זײַנע אויגן געוואַנדערט פון דער גמרא צו די פענצטערס און פון די פענצטערס צוריק צו דער גמרא. ווי ער האָט ליב געהאַט ס׳לערנען אַזוי האָט ער נישט געקענט פאַרגעסן דעם טײַך, די וועלדער און די פעלדער פון זײַן טאַטן — אַ מהלך פון אַ תחום שבת פון דער שטאָט. אין דעם בחורישן בענקעניש וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אים האָט ער געבענקט צו די גערוישן פון די פאַרנאַכטן אין וואַלד און צום וועקן זיך פון די באַגינענס. און אַז ער איז צוריק אַהיימגעקומען פון דער ישיבה איז דאָס הויז פון זײַן טאַטן און אפילו דער דעמבבענער וואַלד געוואָרן צו ענג פאַר אים. די כוחות האָבן אים צעשפּאַרט. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַרײַן אינעם נײַנצנטן יאָר. דער פאָטער האָט דערשפּירט דעם אומרו פון זײַן איינציקן זון. האָט ער געשיקט נאָך הערש־לייבן דעם שדכן און געזאָגט צו אים:

„כ׳האָב געהערט, אַז פּיניע שׂרהס האָט צוויי טעכטער אַ צווילינג יפת־תּוארס. ער אַליין איז מיר נישט קיין וואַזשנער יחוס און זײַן ווײַב געלע איז אויך נישט דעם קאָצקערס אַן אייניקל. אָבער מײַן אברהמל דאַרף חתונה האָבן. ער איז ווערט אַ כּלה, וואָס קומט פון פּאַלייען און זי זאָל אויך זײַן אַ שטיקל צירונג. די רעשט פאַרלאָז איך זיך אויף אײַך״.

אויף דעם האָט הערש־לייב זיך אַ קראַץ געטאָן אין שרונט פון זײַן באָרד און געזאָגט:

„ר׳ זושע־לעבן, מ׳האָט פאַרשפּעטיקט! פ אַ ר רבונו גרשום וואָלט איך אײַך געזאָגט: נעמט בײדע אוצרות. נאָר אַז אַ חרם איז אין דער מיט, איז וועלכע איר זאָלט נישט נעמען פּאַר אַ שנור פון פּיניע שׂרהס צווילינג איז עס ס׳גרויסע געווינס. די וועלט שפּיגלט זיך אין זיי. שדכנים פון דער פרעמד רײַסן אָפּ די טירן. פון דעסטוועגן מעגט איר זיך פאַרלאָזן אויף מיר״.

אַז ס׳איז געקומען צו תּכלית און הערש־לייב האָט געוואָלט וויסן וועלכע צו רעדן, צי די, צי די אַנדערע פונעם צווילינג, האָבן פּיניע און געלע אַן שהיות געזאָגט, אַז רעדן דאַרף מען די „עלטערע״, געמיינט האָבן זיי „דעם שד״, לאהן. זי דאַרף מען חתונה מאַכן די ערשטע. פון איר יאָגן זיך מיטן ווינט און פון איר אַרומהאַווען וועט קיין שום גוטס נישט אַרויסקומען. דערצו האָט זי נאָך פליי אין דער נאָז. אַז זי וועט חתונה האָבן וועט זי זיך אײַנסטאַטקעווען. זי איז דאָך אַ כּשרע יידישע טאָכטער. נישט מער — ס׳הייסע בלוט. אַנדערש מיט עטלען. אַ ווויל קינד. די מאַמע זאָגט: זיץ אין שטוב — זיצט זי; גיי אַ ביסל אַרויס שפּאַצירן אין גאָרטן — גייט זי. נאָכן חתונה מאַכן „דעם שד״, וועט מערטשעם אונטערקומען אַ שידוך אויך פאַר איר, פאַר עטלען. הלוואי וואָלט זי געהאַט נאָך אַזעלכע פינף־זעקס בבלען. נאָר אַז געלע האָט גענומען אָן אַ זײַט לאהן און איר געזאָגט, אַז זי גייט ווערן אַ כּלה און אַז דער חתן וועט זי מיטן אייבערשטנס הילף קומען זען, איז זי געוואָרן ווילד ווי פון הימל וואָלט זיך אָפּגעריסן אַ שטורעם־וואָלקן און ער גייט אײַנלייגן ס׳הויז. זי האָט זיך צעשריגן, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש, אין די ווענט, אין איר אייגענעם קאָפּ און אָנשטעלנדיק אירע פאַרטערערטע אויגן אויף דער מאַמען האָט זי געפרעגט מיט צאָרן:

„ווער איז ער עס דער שמעגעגע, דער קאָצמעלאָך, דער חתן פאַר אַ דרײַער? איך וועל זיך ליבערשט אַרײַנוואַרפן אין טײַך איידער חתונה האָבן פון אַ גערעדטן שידוך״.

געלע האָט געפּרוּווט איַינשטילן איר טאָכטער:

„לאַהשי, לאַהניו, אויך איך האָב חתונה געהאַט מיטן טאַטן פון אַ גערעדטן שידוך. נו, הלוואי ביז הונדערט און צוואַנציק. די גאַנצע וועלט האָט חתונה געהאַט פון גערעדטע שידוכים. ווו איז עס געהערט געוואָרן אַנדערש? וואָס פאַלט דיר, חלילה, איַין?"

לאה האָט נישט געוואָלט הערן. זי האָט געטופּעט מיט די פיס און געשריגן:

„זאָל ער נאָר קומען. איידער ער וועט אַריבערשטעלן אַ פוס איבער דער שוועל וועל איך אים אָפּגיסן מיט אַ פּאָמעניצע און אים אויסקערן מיטן דראַפּאַק".

„לאַהשי, לאַהשי, הער מיך אויס — האָט די מאַמע געבעטן — אַז כ'ל דיר זאָגן ווער עס איז דער חתן וועסטו טאַנצן פון פרייד".

„מעג ער זיַין אַ פּרינץ וועל איך אים דורך אַ שדכן נישט נעמען!" האָט זיך לאה געעקשנט.

„אַ פּרינץ גאָר? זושע דעם וואַלד־סוחרס בן־יחיד שטייט דיר נישט אָן?" איז שוין געלע אַרויס פון די כּלים.

אַזוי שנעל ווי לאה האָט געהערט אַז דער חתן איז זושע דעם וואַלד־סוחרס בן־יחיד האָט זיך די שׂריפה אין איר געלאָשן, ווי מען וואָלט אויף איר אַ כליאַפּ געטאָן אַ צעבער וואַסער. אָבער מתּוך עקשנות האָט זי אַרויס־געפּראַלט:

זאָל עטל מיט אים חתונה האָבן דורך אַ שדכן. אַפילו איר זאָלט מיך צעשניַידן אויף שטיקער וועט איר ביַי מיר נישט פּועלן".

איז ביַי טאַטע־מאַמע געבליבן, אַז אַ טאָכטער מאַכט מען נישט חתונה מיט כּוח. געלויבט דעם אייבערשטן וואָס זיי האָבן אין שטוב נאָך אַן אוצר און זיי וועלן דעם שידוך מיט ר' זושען נישט אָפּלאָזן. עטל וועט זיַין די באַשערטע כּלה.

אויף איינעם אַ שבת־צו־נאַכט איז אָפּגערעדט געוואָרן אַ זעעכץ. געלע די בעקערין האָט אַ גאַנצע וואָך געגרייט דעם כּיבוד. זי האָט אָפּגעבאַקן אַ חתן־פלאָדן און אַ שטרודל, אַ וויַיסן לעקעך און אַ האָניק־לעקעך, אַ מאַנדל־טאָרט און אַן אַקניס, זכר־קיכלעך און בורא־מיני־מזונותלעך. פון דעם אַלמער האָט זי אַראָפּגענומען די קלאָשן מיט איַינגעמאַכטס — פון מאַלינעס, פון פלוימען, פון וויַינפּערלעך און פון אַגרעס. זאָל ער נישט מיינען, דער

גביר, אַז זײַן בן־יחיד פּאַלט אַרײַן צו אַבי וועמען. עטל וועט מיטן איבער־שטנס הילף זײַן אַזאַ באַלעבאָסטע ווי עס איז זי, די מחותּנתטע געלע. ר׳ זושע וועט זען, אַז ביז עטל איז געוואָרן זײַן שנור איז ער געווען אַ דלפון. ערשט מיט איר, מיט עטלען, האָט ער אַרײַנבאַקומען אַן אוצר און ער איז געוואָרן אויף אַן אמת רײַך.

ווי זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש און נאָך איידער מ׳האָט געמאַכט די ברכה „בורא מיני מזונות״ איבער די קוכנס, איז דער שידוך שוין געווען ווילגעפעלן, ווי ער וואָלט אָנגעצייכנט געוואָרן אין הימל פון קדמונים אָן. געלע האָט זיך געשפּיגלט אין אברהמלען אַזש ס׳האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן הלמאי דער אייבערשטער אין הימל האָט פּאַרמיטן פון אירע געדערעם זי זאָל געבוירן אַזאַ זון, און ר׳ זושע האָט זיך געשפּיגלט אין עטלען און געדאַנקט דעם הימל דערפאַר וואָס אַז ער האָט אים נישט מזכּה געווען מיט אַזאַ טאָכטער ווי עס איז די כּלה עטל, האָט ער אים מזכּה געווען מיט אַזאַ שנור.

כאָטש אברהמל האָט אויף דער כּלה נישט געקוקט ווי זײַן פאָטער, האָט די ליכטיקייט וואָס האָט געשטראַלט פון איר, אים פאַרבלענדט. דאָ איז ער רויט געוואָרן און זיך באַגאָסן מיט שווייס און דאָ איז אים לויז געוואָרן אין דער נאָז. פון פאַרלעגנהייט האָט ער זיך געשעמט אַרויסצו־נעמען אַ נאָזטיכל פון קעשענע און ער האָט געדרייט מיט דער נאָז, כּדי פּטור צו ווערן פון די קיצלען, וואָס די לויזקייט האָט אים גורם געווען.

דער שידוך איז געווען אַ געשלאָסענער. געלע האָט געוויינט, נישט ווי איר טאָכטער וואָלט געוואָרן אַ כּלה, נאָר ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָנעם חורבן בית־המקדש.

צו דעם אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן אין הויז האָט זיך צוגעקוקט פון יענער זײַט פענצטער לאה. זי האָט געהאַט פריִער אַנטלאָפן פון שטוב. ס׳איז נישט קיין חתן, האָט זי געזאָגט, ס׳איז אַ קעלבל וואָס מען ברענגט עס אין שטוב אַרײַן און דערפאַר וויל זי אים אַפילו נישט זען. הײַנטיקע צײַטן אַ גערעדטער שידוך! — נאָר אַזאַ שלמה־זלמניצע ווי עטל גייט אײַן דערויף. פון דעסטוועגן איז זי דעם גאַנצן אָוונט געשטאַנען אין דרויסן ווי צוגעקלעפּט צום פענצטער. פון אָנהייב האָט זי זיך געפילט ווי זי וואָלט געווען עלנט ווי אַ שטיין. קיינער קימערט זיך נישט וועגן איר. די מאַמע, וואָס פאָרעט זיך דאָרט בײַ די קוכנס און בײַ די אײַנגעמאַכטסן, זעט נאָר עטלען און דעם חתן. זי האָט זיך שיִער די פינגער נישט צעשניטן בײַם

שנײַדן דעם האָניק־לעקעך בעת זי איז געווען פאַרקוקט אויף עטלען. עטל אַליין זעט אויס בײַם טיש אַ סך העכער ווי זי איז און זי פירט זיך אויף ווי זי וואָלט געווען אַ צעצערטלטע בת־יחידה. זי, לאה, איז פאַר עטלען מער נישטאָ אויף דער וועלט. פאַר די אַלע דאָרט בײַם טיש איז זי אַן איבעריקע. דערנאָך האָט לאה אָנגעהויבן ברענען. אַלץ האָט זיך צעפלאַמט אין איר. זי וואָלט מיט די פויסטן אויסגעשלאָגן די שויבן. זאָלן זיי זען, אַז זי לעבט. זאָל דער חתן אויך אַ קוק טאָן אויף איר. טאָמער וואָלט זי זיך נישט אײַנגעעקשנט, וואָלט ער איצט געווען איר חתן. זי וואָלט איצט גע־זעסן בײַם טיש. אויף איר וואָלט דער חתן געקוקט מיט זײַנע באַהאַלטענע בליקן, און מיט איר פּנים וואָלט זיך געפרייט דער וואַלד־סוחר, ווי ער גלאָצט און שײַנט פון עטלס פּנים.

לאה האָט נישט געהאַט קיין כּוח אויסצושלאָגן די שויבן. די פויסטן זענען איר אַראָפּגעהאָנגען ווי שטיקער האָלץ. האָט זי כאָטש געוואָלט אַנט־לויפן, נישט זען מער דורכן פענצטער די צעשׂמחהטע פּנימער. האָבן איר די פיס נישט געדינט. זי האָט זיך פון אָרט נישט געקענט רירן. ערשט דערנאָך, אַז זי האָט געזען ווי ר׳ זושע און דער חתן האָבן זיך אויפגע־שטעלט אָוועקצוגיין, האָט זי בהלהדיק זיך אָפּגעריסן פונעם פענצטער און אַנטלאָפן אין דער פינצטערניש אַרײַן און געוויינט, ווי עס וויינט אַ קליין מיידעלע.

פון אָנהייב האָט זיך לאה געווונטשן צו שטאַרבן. דערנאָך האָט זי גע־טראַכט: זי וועט נקמה נעמען אין עטלען, אין טאַטע־מאַמע. זי וועט אַראָפּ־שלינגען אַ שטיק גלאָז, אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק, צי אַן אָפּגעבראָכן קלינגל פון אַ מעסער, און זי וועט אויף דער חתונה פון עטלען מיט אברהמל זושעס נישט זײַן. צום סוף האָט דער כּעס אין איר זיך אויסגעברענט. זי איז געוואָרן קאַלט און פאַרוואָלקנט. זי האָט קיין וואָרט דערוועגן נישט אויסגערעדט, נישט פאַר דער מאַמען און נישט פאַר עטלען. זי האָט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז אַפילו די גאַנצע וועלט זאָל אונטערגיין וועט אברהמל חתונה האָבן מיט איר און נישט מיט עטלען.

דרײַ טעג פאַרן שרײַבן די תּנאים פון עטלען און אברהמלען — געלע איז שוין דעמאָלט געווען פאַרפאַרעט אין באַקן אירע פלאָדנס און שטרודלען, האָט זיך לאה אַרײַנגעשטעלט אין הויז פון ר׳ זושע. זי איז געווען פאַר־ווירט און פאַרלוירן. פון אונטערן טיכל פאַררוקט הויך אויפן קאָפּ האָבן

אַרויסגעקוקט צעפּאַטלטע בינטן פון אירע האָר. איבערן אָרעם איז איר געהאָנגען אַ געפלאָכטן קויבערל. מיט אָטעם פון בהלה האָט זי דערציילט ווי אַזוי עס האָט זיך איר פאַרגלוסט צו גיין אין וואַלד קלייַבן שוועמלעך. ווי זי איז אַרייַן אין וואַלד אַזוי האָט זי געהערט ווי עס רופן קולות און באַלד האָבן זיך איר צעמישט די וועגלעך און שטעגלעך און זי האָט נישט געוווּסט ווו זי געפינט זיך. האָט זי אָנגעהויבן גיין אַהין פון וואַנען עס זענען געקומען די קולות, האָבן זיך קולות דערהערט פון דער צווייטער זייַט. ווי זי האָט זיך אויסגעדרייט אין דער צווייטער זייַט, זענען די רופן געקומען פון ערגעץ אַנדערש. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהער און אַפילו פון דאַנען ווייסט זי נישט ווי מען קומט אַהיים.

האָט ליבעלע, אברהמלס מאַמע, מיט אַ שמייכעלע, אָבער מיט אַ ביסל פאַראיבל זיך אָנגערופן:

„דרייַ טעג פאַר די תּנאים גייט נישט אַ כּלה אַליין. און אַז זי גייט שוין יאָ אַליין ווי אַזוי גייט זי אַרויס פון שטוב אָן אַ פאַרטעך?”

האָט לאה געמאַכט אַ מינע פון אַ פאַרשעמטער און זיך אָפּגערופן:

„איך בין נישט די כּלה. איך הייס לאה. איך בין די שוועסטער פון דער כּלה עטל. אַלע פאַרטוישן אונדז”.

„אוי, זושע־לעבן, אוי, אברהמטשע, זעטס נאָר, קיין עין־הרע, ווי אָפּגעגאָסן פון איין פאָרעם. אַזאַ פּאַדאָבנעקייט האָט נאָך די וועלט נישט געזען!”

ר׳ זושע האָט נישט געגלויבט זייַנע אויגן. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז בייַ אים אין שטוב געפינט זיך די כּלה, נאָר דאָס וואָס זי זאָגט, אַז זי איז די שוועסטער, איז אַ תּירוץ פאַר די בענטשליכט. מסתּמא שעמט זי זיך וואָס פאַר די תּנאים האָט איר אָנגעשמעקט צו גיין קלייַבן שוועמלעך און דערצו איז זי נאָך אויך אָן אַ פאַרטעך. אברהמל איז געווען צעדולד. מיט אירע צעשויבערטע האָר, מיט דעם פאַררוקטן טיכל אויפן קאָפּ און מיט דעם קויבערל איבערן אָרעם, איז זי געווען נאָך שענער ווי זי איז געווען יענעם שבת־צו־נאַכטס בייַם זעען זיך. דעמאָלט איז זי געזעסן אַ שעמעוודיקע און איצט שטעכט זי אים דורך מיט יעדן בליק פון אירע גרינע בלישטשענדיקע אויגן, ווי מיט גרינע שפּיזלען. איצט הערט ער, אַז זי איז נישט די כּלה. ער וואָלט געשוואָרן אַז זי איז יאָ די כּלה.

ווי נאָר לאה האָט געבעטן מען זאָל איר ווייַזן דעם וועג אין שטאָט אַרייַן, אַזוי האָט ליבעלע זיך געפילט געטראָפן:

„וואָס הייסט עפּעס שוין אין שטאָט אַרײַן? אַזאַ זאַך! עסט נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, קומען צו זיך נאָך אַזאַ מעשׂה. די שטאָט וועט נישט אַנטלויפן".

איצט, אַז אברהמל ווייסט אַז די כּלה איז נישט די כּלה, נאָר זי איז די שוועסטער פון דער כּלה, איז ער געוועזן צוגעלאָזענער, אַרײַנגעוואָרפן אין שמועס דאָ אַ וואָרט און דאָרט אַ וואָרט און אַפילו געזאָגט, אַז די כּלהס שוועסטער איז זייער אַ קלוגע. דער כּיבוד פאַר דער כּלהס שוועסטער האָט זיך אַוועקגעצויגן ביז די פאַסטעכער האָבן אָנגעהויבן טרײַבן די קי פון די פאַשעפעלדער און דער דרויסן האָט זיך צעשמעקט מיט ערב זון־פאַרגאַנג. דעמאָלט האָט לאה זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

„כ'מוז שוין גיין. טאַטע־מאַמע וועלן איבערטראַכטן. זײַט זשע אַזוי גוט און ווײַזט מיר ווי הייבט מען אָן גיין אין שטאָט אַרײַן?"

איז ר' זושע און זײַן ווײַב ליבעלע געוואָרן אויסער זיך: גיין אַליין אין שטאָט אַרײַן אַזאַ מרחק רב? און ווער? דער כּלהס שוועסטער! ניין, מ'עט שפּאַנען די בריטשקע. האָט לאה אַרויסגעשטעלט איר פולן בוזעם און געזאָגט:

„איך בין אַליין געגאַנגען און איך וועל אַליין צוריקקערן אַהיים. איך דאַרף בלויז וויסן צי דער וועג איז אַ גלײַכער, אָדער ער קען מיך פאַר־פירן".

„ער קען נישט פאַרפירן" האָט אברהמל זיך אַרויסגעכאַפּט „איך וועל אײַך צופירן ביז צום שיידוועג".

לאה האָט אים אַרומגענומען מיט איר גרינעם בליק געוויקלט מיט אַ מיידלשן שמייכל און געזאָגט „אַ יישר כּוח". אַזוי האָט אברהמל דער חתן־בחור באַגלייט די שוועסטער פון דער כּלה עטל אין דעם פאַרנאַכטיקן וועג.

דער דרויסן האָט געשמעקט מיט טרוקענעם וועגשטויב, מיט וואַלד און מיט קי. די זון, אַ געלבלעכע, אַ מילד־שלעפעריקע האָט זיך געלייגט שיף ווי זי וואָלט וועלן איבערנעכטיקן אויפן דאָרפישן וועג.

„איך וועל קומען אַהיים מיטן ליידיקן קויבערל. וואָס וועל איך זאָגן דער מאַמען?" האָט לאה זיך געצערטלט, כּדי אברהמלען צו מאַכן רעדעוו־דיק.

„איר וועט זאָגן..." האָט אברהמל איר געוואָלט צוהעלפן און זי האָט אים איבערגעריסן:

„איך וועל גאָרנישט זאָגן. צי דען מוזן דערוואַקסענע אַלץ דערציילן זייערע עלטערן ווי קליינע קינדער?"

„דער דין איז, נישט מצער צו זײַן און נישט אַרײַנצוברענגען אין כּעס די עלטערן" האָט אברהמל געזאָגט מיט אַ ציטערנדיק קול און ער אַליין האָט זיך באַצײַטנס מצער געווען וואָס אָט באַלד וועלן זיי צוקומען צום שיידוועג און זײַן כּלהס שוועסטער וועט אַוועק פון אים.

„ס'איז אַ גוטער דין!" האָט לאה קונדייסיש אויסגערופן „אַז מען דערציילט נישט און מען זאָגט נישט, איז מען נישט מצער און מען ברענגט נישט אַרײַן די עלטערן אין כּעס".

„איר זענט אַ קלוגע דערצו" האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויף לאהן וואָס איר גוף איז געווען צעשפּילט.

ווי זי וואָלט נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט האָט זי מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם אָנגעוויזן אויפן וואַלד הינטער אים און געפרעגט אַ ביסל ווי זי וואָלט געווען אַ קינד:

„וואָס פאַר אַ וואַלד איז דער?"

„דאָס איז אַ וואַלד פון דעמבעס" האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וואַלד.

„און איך האָב געמיינט עס זענען גראַבעס. איך האָב ליב דעמבעס" האָט זי געמאַכט האַרטער איר קול און געשטעלט אַ טריט צום וואַלד. אברהמל האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו איר און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן איר בוזעם. זי האָט אים אַרײַנגעשמייכלט אין פּנים און מיט די גרינע שפּיזלעך פון אירע אויגן געמאַכט אים אוממעכטיק.

„דעמבעס זענען שטאַרק. איך האָב ליב דעמבעס" האָט זי ווײַטער געזאָגט און זיך גענומען וועג־אַראָפּ צום וואַלד.

אברהמל איז איר געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען. דער וואַלד האָט גערוישט. אונטער זייערע טריט האָבן געקנאַקט די אויסגעטרוקנטע חזיר־נוס. טיפער אין וואַלד איז דאָס גרינס געוואָרן העכער און טונקעלער. די באַלכסוניקע זון האָט זיך דורכגעזיפּט דורך די צווײַגן און אויף דעם וואַלד־גרינס גע־לייגט גאָלדענע פלעקן. לאה האָט זיך אָפּגעשטעלט און אברהמל נעבן איר. און אַזוי, שטייענדיק מיט די פיס אינעם הויכן וואַלדיקן גרינס, האָט זי אַ זאַרג געטאָן דאָס געפלאָכטענע קויבערל צום גרינעם געבעטעכץ און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ געזאָגט:

„אַ גאַנץ לעבן וואָלט איך געוואָלט פילן דעם ריח וואָס איך פיל איצט. איר פילט? ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך דעם גאַנצן וואַלד אַרומ־גענומען מיט מײַנע אָרעמס. אָ, איך בין שיכּור פון אים!" האָט זי אויסגע־רופן און זיך אַ וואַקל געטאָן ווי אַ שיכּורע. אברהמל האָט זיך צעטומלט און זי אָנגעכאַפּט זי זאָל נישט פאַלן, און זי האָט אָנגעכאַפּט זײַנע אָרעמס און געזאָגט שטיל „וואָס פאַר אַ שטאַרקע אָרעמס איר האָט! דעמבענע אָרעמס האָט איר".

„עס ווערט שפּעט" האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערניש אין קול.

„איז וואָס אַז עס ווערט שפּעט? איך האָב נישט מורא" האָט זי ווײַטער געהאַלטן זײַנע אָרעמס און געפילט זייער ציטער „ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר וועלף וואָלט איך געשלאָפן אין אַזאַ וואַלד צוזאַמען מיט די האָזן, מיט די וועוועריקלעך, מיט די פייגל... איר ציטערט?... איר האָט מורא פאַרן וואַלד? איר ציטערט" האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים „דו ציטערסט".

אברהמל האָט נישט געקענט ענטפערן. דאָס לשון איז אים אָפּגענומען געוואָרן און זי האָט אים פאַרשווענקט מיט איר אָטעם, צענומען אים מיט יעדער באַוועגונג פון איר גוף. בײדע זענען געפאַלן אויף דעם וואַלד־געבעטעכץ ווי שיכּורים, וואָס זייערע כּוחות זענען זיי נישט בײַגעשטאַנען צו האַלטן זיך אויף די פיס.

צו די תּנאים פון אברהמלען מיט עטלען איז נישט דערגאַנגען. נאָך דעם זעלבן אָוונט ווי לאהה איז אַהיימגעקומען, האָט זי פאַרטרויעט איר מאַמען, אַז ווי זי און דער טאַטע האָבן געוואָלט אַנומלט, זי זאָל חתונה האָבן מיט דעם בן־יחיד פון ר' זושע דעם וואַלד־סוחר, אַזוי האָט זי געטאָן. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט אין וואַלד פון די דעמבעס. אויב דער טאַטע וויל, קען ער זי הרגענען. איצט איז איר אַלץ אײנס...

און אַזוי, אויס מורא פאַר די אויגן און צינגער פון דער וועלט, זײ זאָלן נישט אָנהייבן נאָכשמאָרען און נאָכרעכענען פון וועגן וואָכן און חדשים, זענען די תּנאים מיט דער חתונה פון אברהמלען מיט לאהן געווען צוזאַמען.

די וועלט, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, האָט נישט געהאַט וואָס נאָכצו־חשבונען. פינף פעליקע יאָר האָט לאהה נישט פאַרשוואַנגערט. געזאָגט האָט מען, אַז די שוועסטער עטל האָט איר אָפּגעטאָן אַ כּישוף, כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז זײַט דעמאָלט איז עטל נישט אַרויס פון שטוב און פאַר די

אויגן פון מענטשן זיך נישט געוויזן. זי האָט געשאָלטן, געשאָלטן מיט קללות וואָס זי האָט געהערט און מיט אַזעלכע וואָס זי אַליין האָט צוגעטראַכט. איין קללה האָט זי נישט אויפגעהערט איבערחזרן, אַז לאה זאָל געבוירן שטיינער און נישט קיין קינדער.

אויפן זעקסטן יאָר האָט לאה געבוירן אַ ייִנגל. שיִעלע איז געקומען אויף דער וועלט אַ שוואַכער, מיט אַ הויקערל און דינע פיסלעך, וואָס האָבן שפּעטער נישט געהאַט קיין כּוח צו טראָגן סײַ דאָס גופל און סײַ דאָס הויקערל. פון אָנשטרענג צו טראָגן דאָס הויקערל האָט שיִעלע געמוזט אויסבייגן דאָס קעפּעלע און דערום איז ער געוואַקסן קרום. אַז דאָס קינד איז אַלט געוואָרן דרײַ יאָר האָט ער געקריגן אַ ריפּקוכן, וואָס איז אָנגעוואַקסן און געוואָרן ענלעך צום אײַטער פון אַ ציג אָן ציצקעס. האָט זיך די שטאָט דערמאָנט אָן דעם וואָס זי האָט געזאָגט מיט יאָרן צוריק, אַז דאָס האָט עטל אָפּגעטאָן איר צווילינג־שוועסטער אַ כּישוף, איז איר נישט מוחל ביז היינט און זי וויל נישט אויסזאָגן דעם כּישוף.

אַז לאה איז געקומען צו טעלצע פון וועגן דעם ריפּקוכן, האָט זיך די אָפּשפּרעכערקע נישט געקוואַפּעט. גראָד איר איז די גאַנצע זאַך מיט די צוויי שוועסטערס דעם צווילינג געלעגן אין זכּרון ווי אַ ברענענדיקע קויל. אַ גאַנץ לעבן האָט זי זיך אויסגעהיט פון אַרײַנצוקומען אין תּחום פון כּישוף, וואָס פון וועגן אים קומט מען קיין מאָל נישט אַרויס פון גיהנום. דערום זאָל עטל פריִער אויסזאָגן ווו דער כּישוף־צייכן איז פאַרבאָרגן און ערשט דעמאָלט וועט זי, טעלצע, זיך פּעדערן און אָפּשפּרעכן דעם ריפּקוכן. עטל האָט געשוויגן איר שווײַגעניש און נישט געוואָלט זאָגן נישט יאָ און נישט ניין, נאָר געשאָלטן און געוואָרפן מיט קללות ווי דער סמבטיון וואַרפט מיט שטיינער, באַהיט זאָל מען ווערן. צום סוף האָט טעלצע נישט געקענט מער צוזען לאהס צער און זי האָט געזאָגט:

„לאהשי, איכ׳ל טאָן ס׳מײַניקע און זאָל דער אייבערשטער אין הימל מיר צוהעלפן״.

אויף אָפּצושפּרעכן דעם ריפּקוכן האָט זי אויסגעקליבן דעם טאָג ווען עס פאַלט אויס דער יאָרצײַט פון מאיר בעל הנס, ווען דער צדיק טוט זיך מיִען אין הימל. אין דעם טאָג איז זי געקומען צו לאהן אין הויז און מיטגעבראַכט מיט זיך ציפּע די טיקערין און אַ האַקמעסער. ווי זי איז אָנגעקומען מיט אײַלעניש אַזוי האָט זי שנעל גענומען שיִעלען, אים אַוועקגעשטעלט נעבן בײַשטידל אונטער דער מזוזה און געזאָגט צו ציפּען: „האַק!״

האָט ציפּע אײַנגעהאַקט אינעם בײַשטידל איבער שיִעלעס קעפּל און טעלצע האָט געפּרעגט מיט אַ ציטערדיק קול:

„ציפּע, וואָס האַקסטו?"

האָט ציפּע געענטפערט:

„כ'האַק דעם ריפּקוכן".

„האַק גוט ער זאָל אַראָפּקריכן" האָט טעלצע געזאָגט און ציפּע האָט מיטן האַקמעסער אײַנגעהאַקט דרײַ מאָל.

„מזל טוב!" האָט די טיקערין אויסגערופן ווי אויף אַ שׂמחה.

„אָממממן!" האָט טעלצע צוגעוווּנטשן.

מיט אַ חודש שפּעטער איז טעלצע געקומען זען שיִעלען ווי עס האַלט. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דער ריפּקוכן האָט זיך גערירט. אָבער דאָס איז געווען נאָר למראית־עין. האָט טעלצע געזאָגט:

„כ'האָב געפילט. כּישוף איז שטאַרקער פון אָפּשפּרעכן, נאָר אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן אַ מצווה וועל איך מיט דעם אייבערשטנס הילף זי פאַרענדיקן. און זי האָט ווידער געבראַכט די טיקערין, ווידער אַרונטער־געשטעלט שיִעלען אונטער דער מזוזה און געזאָגט צו ציפּען: „האַק!" און ציפּע האָט מיט דעם האַקמעסער אַ כּמאַל געטאָן אין בײַשטידל, אַז מען האָט דערהערט אין זיבעטן הימל.

„ציפּע, וואָס האַקסטו?"

„כ'האַק דעם ריפּקוכן".

„האַק גוט, ער זאָל אַראָפּקריכן".

אויך דאָס מאָל האָט עס נישט געהאָלפן. דער ריפּקוכן איז נישט אַראָפּ־געקראָכן און טעלצע האָט געקלאָגט, אַז אַזאַ זאַך טרעפט איר צום ערשטן מאָל אין איר לעבן און, ווי זי האָט פריִער געזאָגט, כּישוף איז שטאַרקער פון אָפּשפּרעכן.

שמעלקע דער בעל־תשובה

שמעלקע גופא האָט בשום־אופן נישט געוואָלט דערציילן פון וואַנען ער שטאַמט. בלויז פון דעם אופן פון זייַן רעדן — ,ביי אונדז איז אַוץ וועוווער׳, במקום ,ביי אונדז איז אַלץ וועלוועלער׳ — האָט מען זיך אָנגעשטויסן ווער און וואָס, און פאַר איין וועגס זיך דערוווּסט, אַז אין זייַן שטעטל איז ער געווען אַ פערד־לקחענער.

לייַט זענען געווען זיכער, אַז ער גנבעט זייַנע פערד מיט כּישוף. אַט שטייט אַ פערד אויפן מאַרק מיטן קאָפּ צום וואָגן און פאַשעט זיך בנעימות פון אַן אָנגעהאָנגענער טאָרבע אַרויס, און אַט איז ער נעלם געוואָרן ווי די ערד וואָלט אים אייַנגעשלונגען. שמעלקע האָט אים שוין ערגעץ ווו געפירט פאַרפאַסן. אויף אַ פערדמאַרק פלעגט ער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַ פערדהענדלער. אַז מען קויפט אַ פערד מוז מען זען, צי ער האָט אַלע ציין, וואָס עס טוט זיך ביי אים אונטערן ווײדל און ווי אַזוי ער איז אין גאַלאָפּ. אַז שמעלקע האָט גענומען אויסצופּרוּוון ווי אַזוי עס לויפט דאָס פערד, איז ער שוין מער מיט דעם פערד נישט צוריקגעקומען. נישטאָ דער סוחר, נישטאָ דאָס פערד. פערדהענדלערס האָבן געמעגט פאַרשליסן זייערע שטעך־לער אויף זיבן שלעסער, נאָר טאָמער האָט שמעלקע געוואָרפן אַן אויג אויף אַ שקאַפע פלעגט ער זי אַרויסגנבענען דורכן שליסללאָך.

די באַגנבעטע פלעגן קומען צו מלכות פאַרקלאָגן זיך פאַר זייערע אבידות. האָט מלכות געטאָן ווי עס איז דער שטייגער: אַלץ פאַרשריבן אויף גרויסע געווירעטע בויגנס פאַפּיר און צום סוף געפרעגט:

„עדות האָסטו?"

פון וואַנען זאָלן זײַן עדות אויב דער גנב איז נעלם געוואָרן ווי אַ שד ווערט נעלם נאָכן קרייען פון די הענער? אַז קיין עדות זענען נישטאָ און דער גנב איז נישטאָ, איז נישטאָ וועמען צו שליסן אין קייטן. האָט זיך מלכות לסוף באַזינען, אַז די בעסטע זאַך וואָס זי קען טאָן איז נעמען דעם שמעלקען און אים אַוועקשיקן אויף „וויסילקע" ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

איז שמעלקע דער פערד־גנב פאַרשיקט געוואָרן צו אונדז אין שטעטל אויף צען יאָר „וויסילקע".

אָנגעקומען אין שטעטל איז ער מיט אַ פּאָר גוט־געפּאַשעטע פערד געשפּאַנט אין אַ רוסישן וואָגן, מיט ברייטע אַקסן. וועגן דעם, פאַר וואָס מלכות האָט אים פאַרשיקט צו אונדז אין שטעטל און וואָס עס איז זײַן אמנות, האָט ער צום חטא פאַר גנבענען פערד צוגעגעבן זינד פאַר זאָגן שקר. ער האָט דערציילט, אַז אַלע יאָרן איז ער געווען אַ באַלעגאָלע. ער פלעגט פאָרן מיט שפּיליטערן קיין וואַרשע ברענגען סחורות און ער פלעגט פירן סחורות אויף יאַרידים. טאָמער האָט זיך געמאַכט, ער איז געפאָרן דורך אַ וואַלד איינער אַליין בײַ נאַכט און גזלנים זענען אים באַפאַלן, גע־וואָלט צורויבן די סחורות, אַזוי פלעגט ער זיי אַלע איבערלאָזן טויטע. און טאָמער פלעגן זיך קאָשעצן אָנזעצן אויף די פערד, זיי נישט לאָזן שלעפּן דעם וואָגן, איז גענוג געווען ער זאָל אויסשיטן אַ שעכטעלע אַפּשיק און די קאָשעצן פלעגן זיך צעלויפן ניסנדיקע ווי די האָזן אין פעלד. זייער ניסן האָט ער געהערט פאַר וויאָרסטן ווײַט. אָלא וואָס אַזעלכס איז געשען וואָס ער האָט אין דער היים איבערגעלאָזט אַ שמאַלצגרוב און זיך איבערגעקליבן צו אונדז אין שטעטל? אויך דאָ האָט ער געזינדיקט מיט שקר. אין דעם לעצטן האַלבן יאָר, האָט ער געזאָגט, האָבן זיך בײַ אים נישט געהאַלטן די פערד. אָט קויפט ער אַ געזונטע יונגע שקאַפּע, זי רײַסט אַ וואָגן נישט אײַנצוהאַלטן זי, באַלעגאָלעס זענען אים מקנא, רק זיי בעטן אים ער זאָל זיי אָפּטרעטן אַזאַ שד. אין אַ חודש שפּעטער איז זי בײַ אים אַ נבלה. ער ווייסט אַפילו נישט פאַר וואָס זי האָט אויסגעצויגן די קאָפּיטעס. אַזוי איין

פערד און אַזוי אַ צווייט פערד — אָן אַ סוף. די פערד האָבן אים בדיל הדל געמאַכט. איז ער אַוועק צום דיין פרעגן אַ שאלה וואָס עס געשעט מיט זײַנע פערד. האָט דער דיין געזאָגט, אַז אויף פערד קען ער זיך נישט אויס. עס קען זײַן ס'איז אַן איבערגאַנג צווישן פערד, אָדער ער, שמעלקע, איז באַגאַנגען אַ זינד וואָס ער אַליין ווייסט אַפילו נישט וואָסערע, און דער אין הימל, אַנשטאָט צו באַשטראָפן אים, דעם זינדיקן ייִד, באַשטראָפט ער זײַנע פערד. וואָרום דער אין הימל איז אַ רחום וחנון און ער, איידער ער גייט באַשטראָפן אַ ייִד פֿאַר זײַנע זינד, לייגט ער זיך איבער דרײַצן מאָל. אָלא וואָס דען? עס שטייט געשריבן: משנה מקום משנה מזל. אַז מען קלײַבט זיך איבער אין אַן אַנדער מקום ווערט אויך דאָס מזל אַנדערש. האָט ער, שמעלקע, זיך איבערגעקליבן צו אונדז אין שטעטל משנה צו זײַן זײַן מזל.

קיינער האָט אים נישט געגלויבט קיין איינציק וואָרט פון דעם וואָס ער האָט דערציילט. דאָס שטעטל האָט שוין געוווּסט, אַז אין דער היים איז ער געווען אַ פערד־גנב. נאָר גראָד פֿאַר דעם וואָס ער האָט אַנגעליגנערט, אַז אין דער היים איז ער געווען אַ באַלעגאָלע, וואָס פירט סחורות אויף יאַרידים און פאָרט מיט שפּיליטערן קיין וואַרשע, האָבן זיך דערשראָקן די שטעטלשע באַלעגאָלעס. דאָ וועט ער אויף אַן אמת ווערן אַ באַלעגאָלע און בײַ זיי אַרויסרײַסן דאָס שטיקל ברויט פון זייערע מײַלער.

זייער שרעק איז געווען אַן אומזיסטע.

זײַט שמעלקע האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין זײַן נײַער דירה פון יענער זײַט אַלטן בית־החיים, איז מקוים געוואָרן די מימרה פון משנה מקום משנה מזל. דאָס מזל האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. אַזוי ווי ער האָט אַנגעשקרט, אַז דאָרט זענען אים געפאַלן די פערד איינס נאָכן אַנדערן, אַזוי זענען געשען אויסטערלישע זאַכן מיט זײַנע פערד דאָ: אָנגעהויבן האָט זיך עס אויף זײַן ערשטער נסיעה קיין וואַרשע. כאָטש דער וואָגן איז געווען אַ ליידיקער, בלויז נחומטשע דער שפּיליטער איז געפאָרן מיט אים, זענען די פערד געבליבן שטיין אין דער מיט פון אַ וואַלד — ווײַטער ווילן זיי נישט גיין. ער האָט געשונדן פון זיי די פעל, ער האָט אויף זייערע זאַדעס די בײַטש צעבראָכן און זיי רירן זיך נישט פון אָרט. ער האָט געוווּסט, אַז אויף די פערד האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט קאָשעצן און זיי האַלטן זיי בײַ די גזשיוועס מיט אײַזערנע קאָמען. אָבער גיי פיר מלחמה מיט קאָשעצן, וואָס זען זעסטו זיי נישט און בײַ וואָס זיי אָנצוכאַפּן האָסטו נישט.

אויף צוריק האָבן זיך די פערד דווקא יאָ געריסן. זיי האָבן צו אים אויסגעדרייט די קעפּ און זיך געבעטן בײַ אים ווי בײַ אַ גזלן. נאָר שמעלקע האָט געזאָגט: ניין! ס׳איז די ערשטע נסיעה קיין וואַרשע. נחומטשע דער שפּיליטער האָט אים און נישט קיין אַנדערן געדונגען נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אַ געשפּאַן מיט צוויי אויסגערוטע פּערד. טאָמער פֿאָרט ער צוריק, וועלן די שטעטלשע באַלעגאָלעס חוזקן פֿון אים. זיי וועלן לאַכן פֿון זײַנע פּערד. ער וועט בלײַבן אָן אַ ביסן ברויט. האָט ער געוואַרט ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן, ווען די קאָשעצן און שדים אַנטלויפֿן אין די טיפֿענישן פֿון די וועלדער. און ווי עס איז געוואָרן טאָג אַזוי האָבן די סוסים אַ ריס געטאָן דעם וואָגן פֿאָרויס, אַז פֿון אימפּעט האָט ער שיִער נישט פֿאַרלוירן נחומטשע דעם שפּיליטער. ביז וואַרשע זענען זיי געלאָפֿן מיט איין אימפּעט און אַזוי אויך אויף צוריק אַהיים, כאָטש דער וואָגן איז געווען אָנגעלאָדן מיט קאָסטנס און מיט פּעק.

געקומען אַהיים האָט ער די פּערד געפּוצט מיט אַ וועכעטש שטרוי, זיי זאָלן האָבן אַ פּריצישן גלאַנץ, זיי אַרײַנגעפֿירט אין דער שטאַל און זיי געזאָגט אַ גוטע נאַכט. אין דער פֿרי, געגאַנגען אָנפּויען די פּערד, ערשט איינער ליגט אויסגעצויגן אויפֿן שטרוי און דעכעט מיט די זײַטן, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויסהויכן זײַן פּערדישע נשמה. וועגן דעם ווי אַזוי מען פֿירט אַרויס אַ פּערד פֿון אַ פֿאַרשלאָסענער שטאַל אַז קיין סימן אויפֿן שלאָס זאָל נישט בלײַבן, האָט שמעלקע געוווּסט, נאָר וואָס מען טוט מיט אַ פּערד וואָס אָט איז עס געווען געזונט ווי אַ נוס און אָט ליגט עס דיר ווי אַ פּגר, האָט ער גאָרנישט געוווּסט. איז ער אַוועק צו די שטעטלשע באַלעגאָלעס פֿרעגן וואָס און ווען. האָט איינער געזאָגט:

„איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. אין מײַן לעבן האָב איך נאָך קיין געזונט פּערד נישט געהאַט. פֿון וואַנען זאָל אַ ייִדישער באַלעגאָלע האָבן גענוג געלט צו קויפֿן אַ געזונט פּערד? איז מײַנער אַ פּערד קיין מאָל נישט אײַ־אײַ־אײַ, אַבי ער ברענגט מיר אַרײַן אויף שבת און גיט מיר אויף שכר־לימוד פֿאַר מײַנע זין זיי זאָלן לערנען תּורה. טאָמער פֿאַלט ער אַוועק, מײַן ברויטגעבער, ווייס איך, אַז קיין געזונטער איז ער סײַ ווי קיין מאָל נישט געווען. ער האָט זײַנס אָפּגעטאָן און די רעשט געהער צום שינדער".

אַ צווייטער האָט אים געזאָגט:

„רײַב אײַן די פּגירה מיט אַ וועכעטש אײַנגעווייקט אין טערפּענטין און דערנאָך לייג איר אַרונטער דעם וועכעטש אונטער דעם ווידל. אַז עס

וועט איר ברענען, וועט זי אויפשפּרינגען און בלײַבן שטיין. טאָמער וועט זי בלײַבן שטיין איז אַ סימן, אַז זי איז געזונט, נאָר טאָמער ברעכט זי זיך אײַן און פֿאַלט צוריק אַוועק, איז נישט קיין אומגליק. סײַ ווי איז זי געלעגן".

אַ דריטער האָט אים געעצהט ער זאָל דעם פערד אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע. וואָרום ווי עס איז דערגאַנגען צו אים האָבן זײַנע פערד געשלעפּט אַזש פון וואַרשע אַזאַ משׂא כבדה אַז ס'איז אַ נס זיי האָבן דערשלעפּט אַהיים. דערווײַל דאַרף ער בענטשן גומל וואָס אויך דאָס צווייטע פערד איז אים נישט אײַנגעפֿאַלן. פֿאַר דעם אײַנגעפֿאַלענעם סוס זאָל שמיִעל־יאַנקל לאה גיטלס דער וואַטעמאַכער אָפּשפּרעכן אַ גוט־אויג. ער קען די מלאָכה.

שמעלקען איז געווען אַזוי שטאַרק אָנגעזאָליעט אויפן האַרצן אַז ער האָט אַפילו נישט געטראַכט אַז די באַלעגאָלעס חוזק פון אים. ווען אַ ווערעטש מיט טערפּענטין האָט ער געוווסט פון די ציגײַנערס, אַז טאָמער ווילן זיי אויפן מאַרק פאַרקויפן אַ שקאַפּע, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס, לייגן זיי איר אונטער אונטערן ווידל אַ ווערעטש מיט טערפּענטין, אַז די חיה שפּרינגט אין דער לופטן און לויפט ווי זי וואָלט געווען אַ קאָזאַקיש פערדל. ווען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע פֿאַר אַ פערד האָט שמעלקע געהערט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן. נאָר אַז אַ מענטש טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אָן אָן אַ שטרוי. איז ער אַוועק צו שמיִעל־יאַנקל לאה גיטלס, אים דערציילט וואָס אַלץ עס איז געשען מיט זײַן פערד און אים געבעטן ער זאָל אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע. האָט דער וואַטעמאַכער אים אָנגעקוקט ווי מען קוקט אָן אַ חסר־דעה, אים אָנגערופן עם־הארץ, און אים געזאָגט, אַז דערווײַל שפּרעכט ער אָפּ עין־הרעס נאָר פֿאַר אַזעלכע פערד ווי ער איז, שמעלקע.

איז שמעלקע צוריקגעקומען אין דער שטאַל זייער מאַרקאָטנע און ווי ער קוקט אויף דעם געפֿאַלענעם פערד זעט ער: די האָר זענען אים גע־פלאָכטן אין צעפּלעך אַזוי ווי עס טוען קאָשעצן, וואָס כאַפּן זיך אַרײַן בײַ נאַכט אין אַ שטאַל, רײַטן אויפן פערד אַ גאַנצע נאַכט און פאַרמאַטערן אים צום טויט. קוקט ער ווײַטער און זעט אויפן פערד פאַרטרוקנטע שוים. אַ סימן דאָס פערד איז בײַ נאַכט פאַרמאַטערט געוואָרן פון קאָשעצן. האָט ער דעם פערד דערלאַנגט אַ זשמעניע האָבער, אַ לעק וואַסער — האָט עס אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. איז שמעלקע געוואָרן אויפגעבראַכט. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געהאַט צו טאָן מיט געגנבעטע פערד און קיין מאָל האָט אים נישט געטראָפן אַזאַ מעשה אַז קאָשעצן זאָלן זיך אָנזעצן אויף זײַנס אַ פערד.

איצט, ווען ער האָט שוין זײַנע אייגענע פערד, ער וויל זײַן אַן אָרנטלעכער מענטש, האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט דאָס אומגליק. האָט ער זײַן גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזט צו דער ליגנדיקער שקאַפּע, געזאָגט צו איר „זײַ פאַר מיר די כפרה!" און פאַרשלאָסן די שטאַל.

באַגינען, ער איז געגאַנגען זען וואָס עס מאַכן די פערד, ערשט אויך דער צווייטער ליגט אין שטרוי אַן אויסגעצויגענער, מיט פאַרפלאָכטענע צעפּלעך, מיט שוים אויף דער פעל — ביידע ליגן אַנטקעגן זיך און קוקן זיך אָן, און ער, שמעלקע, קוקט אויף ביידע אַן אומבאַהאָלפענער און פאַר־לוירענער. האָט ער אָנגעהויבן שעלטן ס׳גוייִשע מלכות, וואָס האָט אים אומגליקלעך געמאַכט; גענומען אַ מענטש און אים פאַרשיקט אין אַזאַ אומ־גליק. פאַר וואָס? פאַר ווען? לסוף האָבן די גויִישע שכנים אַרום אים אויס־געזאָגט דעם סוד, אַז די שטאַל איז אַ פאַרשאָלטענע. אין איר האָבן שוין געפּגרט מער פערד ווי ער, שמעלקע, האָט האָר אויפן קאָפּ. די אַלע שטעלער אויף דעם הויף זענען בײַם פּלויט פון דעם יִדישן בית־עולם. בײַ נאַכט קומען אַראָפּ פונעם בית־עולם אַלע אויסטערלישע נישט־גוטע, די שדים, די קאָשעצן, די ווילקאָלאַקס, פאַרבלאָנדזשעטע נשמות און אַנדערע אַנשי־קענישן און זיי קריכן אַרײַן אין די שטעלער. דאָ מאַטערן זיי די פערד, דאָרט מעלקן זיי אויס די קי אַז באַגינען בלײַבן זיי מיט ליידיקע אײַטערס, וואָס הענגען אַראָפּ ווי פליאַקעס. פאַראַן אַ סגולה — אויסרייכערן די שטע־לער מיט סמאָלערויך. איז אַ מורא, אַז טאָמער הייבט מען אָן מיט סמאָלע און מיט פײַער נעבן די הילצערנע שטעלער מיט די שטרויענע דעכער, וועט אַ שׂריפה אָנמאַכן מער שאָדן ווי די קאָשעצן און די נישט־גוטע. דערי־בער זענען די שטעלער געשטאַנען ליידיק אַ קאַפּל מיט יאָרן ביז ער, שמעלקע, האָט זיך אַהער אַרײַנגעקליבן.

שמעלקע איז גאָר שטאַרק געפאַלן בײַ זיך. יעדער טוט מיט אים וואָס ער וויל. מלכות האָט אים פאַרטריבן פון דער היים. איצט האָבן זיך גענומען צו אים אָנשיקענישן פון יענער־וועלט. די און די וועלן אים אומגליקלעך מאַכן. צו מלכות האָט ער נישט קיין עצה. מלכות האָט פּאָליצײַ, קייטן, קאָזעס, קען אויך אָפּהאַקן די לונגען, אָבער ער, שמעלקע, זאָל מורא האָבן פאַר קאָשעצן און זיך לאָזן בלאָזן אין דער קאַשע פון שדים?!

ס'איז גראָד געווען זומערצײַט, די נעכט מילדע, דער דרויסן שמעקט מיט יונגע עפּל. האָט זיך שמעלקע געלייגט שלאָפן אויף זײַן וואָגן מיט די ברייטע אַקסן, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, און געלייגט האָט ער זיך מיטן פּנים צום פּלויט פון בית־עולם און מיט אַן אָרטשיק נעבן דער האַנט, אַז טאָמער עפּעס זאָל ער גלײַך קענען דערלאַנגען קלעפּ און פּלעטן קעפּ.

ער האָט קוים געהאַט אײַנגעדרימלט, און עס קאָן גאָר זײַן אַז ער האָט שוין געהאַט דורכגעשלאָפן אַ האַלבע נאַכט, הערט ער: ס'מעלקן זיך די קי. פון אַלע זײַטן הערן זיך די שטראָמעלעך מילך פון די אײַטערס זשימזשען אין מעלקשעפּלעך — זשי־זשי, זשי־זשי, זשי־זשי. טראַכט ער בײַ זיך: מײַן כּפּרה. קיינער זאָרגט נישט פאַר מײַנע פערד, וועל איך נישט גיין זיך זאָרגן פאַר עמעצנס קי. און ווי ער לענט צו די אויגן אײַנצודרימלען אויף ס'נײַ, זעט ער: פון בית־עולם גייט אַנטקעגן אַ שד אין ווײַסן. נישט ער גייט, נאָר ער ריטשט זיך, ווי ער וואָלט געשווומען שטייענדיק. דער פּלויט פאַרצוימט אים נישט דעם וועג, נישט ער שפּרײַזט אים אַריבער, נאָר ער ריטשט זיך אַדורך ווי דער פּלויט וואָלט געווען פון טומאַן. האָט שמעלקע אַ כאַפּ געטאָן דעם אָרטשיק, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן און פאַרמעסטנדיק זיך צו שפּאַלטן קעפּ, האָט ער אויסגעשריגן:

„גיי אין דײַן רו אַרײַן, אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטע!"

דער שד האָט זיך גאָרנישט געמאַכט, נישט פון דעם אויפגעהויבענעם אָרטשיק און נישט פון דער באַלעגאַלישער קללה. ער האָט זיך ווײַטער געריטשט, געלאָזן אַדורך דעם הויף און איז אויסגערונען געוואָרן אין דער לופטן, ווי אַ שטיקל וואָלקן. האָט שמעלקע געטראַכט, אַז פון דעסטוועגן האָט ער דעם שד פאַרטריבן, ער זאָל זיך נישט אַרײַנבאַקומען אין שטאַל צו זײַנע אײַנגעפאַלענע פערד. איז ער צוריק אַרויף אויפן וואָגן, דעם אָרטשיק אָנגעגרייט צווישן די קני, און אַזוי שנעל ווי ער האָט אַוועקגע־לייגט דעם קאָפּ אויפן שטרוי איז ער אײַנגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף.

דאָס מאָל האָט אים אויפגעוועקט די פרימאָרגנדיקע פײַכטע קעלט, אָדער אפשר גאָר דאָס הירזשען פון די פערד. כאָטש דאָס הירזשען איז געווען אַ בהלהדיקס, האָט זיך שמעלקע שווער אַרויסגעפּלאָנטערט פונעם שלאָף. מיט פאַרשטײַפטע פיס איז ער געגאַנגען צו דער שטאַל, געעפנט די טיר און דערזען: זײַנע פערד שטייען בײַ דער קאָרעטע און נאָרען נאָך דעם לעצטן ביסל שטרוי, ווי מיט זיי וואָלט גאָרנישט געהאַט געשען. נאָר הירזשען הירזשען זיי ווײַטער ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן, אָדער ווי זיי

וואָלטן דערפילט אין דער נאָענט אַן אָגער. האָט ער די פערד געגלעט, געפּעטשלט אין די זאַדעס און זיי ווידער געגלעט און גערעדט צו זיי ווי אַן אייגענער רעדט:

„פון היינט אָן וועט אייך גאָרנישט געשען. שמעלקע וועט זיך נישט לאָזן! ביי מיר וועל איך זיי צעברעכן ס׳געניק".

און ער האָט זיך איבערגעקליבן אין דער שטאָל צו שלאָפן מיט די פערד.

שמעלקע איז געשלאָפן מיט די פערד דריי פּעליקע נעכט. אייגנטלעך איז ער נישט געשלאָפן, נאָר געדזשימעט. דאָס כראָמשטשען פון די פערד דעם טרוקענעם שטרוי אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און דאָס טשאַטע־ווען אויף די קאָשעצן, צי אויף שדים, האָבן אים געהאַלטן האַלב וואַך. דערפאַר זענען די פעלן פון די פערד געוואָרן גלאַנציקע, אויסגערוטע. די חיות האָבן געקוקט אויף אים מיט מענטשישע אויגן. האָט ער געטראַכט, שמעלקע, אַז איצט איז די צייט ער זאָל זיך אויסרוען. איז ער אויף דער פערטער נאַכט געגאַנגען שלאָפן אין זיין אייגן בעט און ער איז איינגעזונקען אין דעם שלאָף, ווי עמעצער וואָלט אים אָפּגעטאָן אַ כּישוף. אויפגע־כאַפּט האָט ער זיך נישט אין זיין שטייגער — אַ שטיק אויף טאָג, און געאיילט אָנפּויען די פערד. ערשט ער שליסט אויף די טיר — נישטאָ מער ווי איין פערד. אַ צעטומלטער קוקט ער צום בוידעם, אויף די ווענט, אַרום זיך אין מיסטיקן שטרוי — נישטאָ דאָס פערד. איז ער אַרויס באַקוקן דעם שלאָס און קיין צייכן פון אַ וויטריך נישט געזען, נאָר אין זאַמד, איבער דער שוועל, האָט ער דערזען די סימנים פון צוויי איינציקע פּאָדקאָוועס, ווי דאָס נעלם געוואָרענע פערד וואָלט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אָוועקגעפלויגן.

שמעלקע איז געבליבן פּאַריתומט ווי דאָס איבערגעבליבענע פערד איז געבליבן פּאַריתומט. אויך דער וואָגן מיט די ברייטע אָקסן איז געבליבן נישט אַהער און נישט אַהין. דער וואָגן האָט געהאַט אַ דישעל פאַר צוויי פערד און נישט קיין האָלעבליעס פאַר איין פערד. און ער איז געבליבן מיט איין פערד. אַרויסנעמען דעם דישעל און צולאַדעווען דעם וואָגן מיט אַ פּאַר האָלעבליעס, אויף דעם האָט שמעלקעס פאַרמעגן מער נישט געסטייעט. בלית ברירה האָט שמעלקע איינגעשפּאַנט דאָס פערד אין איין זייט פונעם דישעל ווי עס איז דער שטייגער פון ציגיינערס. נאָר אַ פערד איז אַ פערד. אויב עס איז געווען צוגעוווינט צו זיין געשפּאַנט מיט נאָך אַ פערד, האָט

אים איצט דער דישעל רק געשטופּט אויף אַ זײַט. אַזוי לאַנג ווי שמעלקע האָט געהאַלטן אַן אויג, האָט ער פֿון צײַט צו צײַט אַ צי געטאָן, די שקאַפּע זאָל אַרויף אויפֿן גלײַכן טראַקט און נישט אָנטאָן אים קיין צרות.

האָט זיך געמאַכט און שמעלקע האָט געכאַפּט אַ נסיעה אויף אַ יאַריד מיט אַ פֿול אָנגעלאָדענעם וואָגן. די נאַכט איז געווען אַ געשמאַקע, פֿון ווײַטע סעדער האָט זיך געטראָגן דער ריח פֿון רייפֿנדיקן אויבס, דער לובין פֿון די פֿעלדער האָט פֿאַרשיכּורט. די פּאַסאַזשירן אויף די פּעק סחורות זענען געשלאָפֿן מיט אַ כראָפּעניש, ווי זיי וואָלטן געשלאָפֿן אין זייערע אייגענע בעטן. אויך שמעלקען האָבן זיך געקלעפּט די אויגן. ער וואָלט אַוועקגעגעבן ווייס איך וואָס פֿאַר אַ דרימל. אָבער ער טאָר נישט דרימלען. דער דישעל שטופּט די שקאַפּע אויף אַ זײַט און מען דאַרף איר פֿון צײַט צו צײַט דערמאָנען, זי זאָל דעם דישעל אַ שטופּ טאָן אויף רעכטס, צום מיטן פֿונעם טראַקט. ער האָט אַפֿילו נישט געדענקט, צי ער האָט אײַנגעדרימלט אויף אַ רגע, אָדער ער האָט נישט אײַנגעדרימלט, אָבער צווישן דעם און דעם האָט זיך דער וואָגן מיט די ברייטע אַקסן אַראָפּגעלאָזט מיט צוויי רעדער אין ראָוו אַרײַן. דער וואָגן האָט זיך איבערגעדרייט. די פּאַסאַזשירן האָבן געשריגן געוואַלד, און ער, שמעלקע, האָט געפֿילט: ער האָט אַ צוגעקלעמטן פֿוס. זײַנע אייגענע ווייטאָקן האָט ער פֿאַרביסן, נאָר די פּאַסאַזשירן מיט די פּעקלעך האָט ער צוזאַמענגעקליבן, דעם וואָגן אויפֿגעשטעלט, כּמעט מיט אייגענע כּוחות אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן טראַקט, אויף ס'נײַ אָנגעלאָדן, אויף ס'נײַ איבערגעשפּאַנט דאָס פֿערד מיט די צעריסענע שלייעס, אָבער אַז עס איז געקומען צו רירן זיך פֿון אָרט, האָט דאָס פֿערד זיך דווקא געשטופּט אויף צוריק. שרײַט ער „וויאָ!" איין מאָל, אַ צווייט מאָל, ער שינדט דאָס פֿערד מיט דער בײַטש אַז פֿון ווייטאָק שפּרינגט עס אויף מיטן זאַד אויף אַ צוויי קלאַפּטער, נאָר גיין וויל עס נישט. באַרויִקט שמעלקע זײַנע פּאַסאַזשירן, אַז ס'איז גאָרנישט. דאָס האָבן די קאָשעצן זיך אָנגעזעצט אויף דער שקאַפּע, ווי פֿריִער האָבן זיי אַראָפּגעפֿירט דעם וואָגן פֿון טראַקט און אים איבערגעדרייט. ער איז שוין געניט אין די זאַכן. אויב ער האַקט און בראַקט דאָס פֿערד און עס גייט נישט — וועט עס נישט גיין ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן. ווי נאָר די קאָשעצן וועלן דערהערן דעם קריי פֿון דעם ערשטן האָן — וועט דאָס פֿערד ציִען ווי אַ מזמור.

די פּאַסאַזשירן זענען געוואָרן אויסער זיך פון כּעס. וואָס הייסט עפּעס וואַרטן ביז ס׳וועט אָנהייבן טאָגן? אַז ס׳וועט אָנהייבן טאָגן דאַרף מען שוין האָבן אויסגעלייגט די סחורות אויפן יאַריד. דער יאַריד וועט נישט וואַרטן אויף זיי; די קונים אויך נישט. באַדאַי זאָל ער אַליין, שמעלקע, זיך איינ־שפּאַנען אינעם וואָגן, אַבי זיי זאָלן צו דער צייט אָנקומען צום יאַריד. שמעלקע האָט זיך געפילט שולדיק, ער וואָלט זיך אײַנגעשפּאַנט, ער וואָלט אַליין געוואָרן אַ פערד, אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס? בלית ברירה איז געבליבן, אַז ער דרייט אויס דעם דישעל און פאָרט צוריק אין שטעטל אַרײַן. דאָרט וועט מען איבערלאָדן די סחורה אויף אַן אַנדער געשפּאַן, בײַ אַן אַנדער באַלעגאָלע — אפשר וועלן די סוחרים נישט אין גאַנצן פאַר־שפּעטיקן דעם יאַריד.

אויף צוריק האָט דאָס פערד געשלעפּט דעם וואָגן ווי אַ שד, שיִער אים נישט צעטראָגן. די פּאַסאַזשירן האָבן פון זיך אַרויסגעטרייסלט די געדערעם. אָנגעקומען צוריק אין שטעטל אַרײַן האָט דאָס פערד געלאָמט. ס׳האָט אויפן וועג פאַרלוירן אַ פּאָדקאָווע.

אויף צו מאָרגנס, אַז שמעלקע האָט אָוועקגעפירט דאָס פערד צום שמיד, האָט דער אַלטער שמיד נישט פאַרשטאַנען וואָס זײַנע אויגן זעען: די קעפּלעך פון די אופנאַלעס, וואָס האָבן געהאַלטן די פאַרלוירענע פּאָד־קאָווע זענען ווי נעכטן־אײַערנעכטן גאַנצע, נישט אָפּגעריבן קיין האָר. נישט אַנדערש נאָר שדים האָבן די פּאָדקאָווע אַראָפּגעריסן מיט זייערע פּאָרטלעך, וואָס אַ מענטשלעכער קאָפּ קען זיי נישט פאַרשטיין. און דער אַלטער שמיד האָט זיך דערמאָנט, אַז אַן ענלעכע מעשׂה האָט ער אַ מאָל, אַ מאָל געהערט פון זײַן פאָטער עליו השלום:

אַ באַלעגאָלע האָט געבראַכט צו אים זײַן פערד אָפּצושמידן עס. האָט ער, דער שמיד, זיך געפּעדערט און אויסגעשמידט אַ פּאָדקאָווע ווי פאַר אַ פריציש פערד. אויסגעשמידט, צוגעהעבלט די קאָפּיטע ווי עס דאַרף צו זײַן, האָט ער די פּאָדקאָווע צוגעשמידט מיט בערלינער אופנאַלעס. האָט דער באַלעגאָלע דאָס פערד אָוועקגעפירט אין שטאַל אַרײַן, אַליין געגאַנגען אין בית־מדרש דאַווענען מנחה־מעריב און נאָך וועטשערע זיך געלייגט שלאָפן ווי אַ ייִד לייגט זיך געוויינטלעך שלאָפן — מיט אָפּגיסן די נעגל און זאָגן קריאת־שמע. באַגינען, דער באַלעגאָלע גייט אָנפּויען דאָס פערד, הייבט ער אויף די האַנט אַ קוש צו טאָן די מזוזה אויפן בײַשטידל פון דער טיר. ערשט ער זעט: אונטער דער מזוזה הענגט אַ פּאָדקאָווע, אַ שפּאָגל נײַע

פּאָדקאָווע, נאָר וואָס אויסגעשמידט. פרעגט ער דאָס ווײַב, פרעגט די זין, טעכטער: „פון וואַנען קומט דאָ אַ פּאָדקאָווע? וועלכעס גוט יאָר האָט דאָ אויפגעהאָנגען אַ פּאָדקאָווע?" האָט אים קיינער נישט געקענט ענטפערן. איז דער באַלעגאָלע אַוועק צום פערד אין דער שטאַל און ער זעט: די שקאַפּע לאָמט. זי האָט נישט די פּאָדקאָווע, וואָס ערשט נעכטן פאַר נאַכט האָט זי דער שמיד צוגעשמידט. האָט ער זיך זייער שטאַרק דערשראָקן, דער באַלעגאָלע, וואָרום מיט שדים איז די מעשׂה אַזאַ: אויב זיי זענען נישטאָ זענען זיי נישטאָ, נאָר טאָמער קאָרנייען זיי זיך אײַן ערגעץ ווו, וועסטו זיי אַפילו מיט אַ האַק נישט פאַרטרײַבן.

איז דער באַלעגאָלע אַוועק צום רב דערציילן אים די מעשׂה אַזוי און אַזוי, אַ פּאָדקאָווע, אַ מזוזה, שדים באַהיט זאָל מען ווערן. האָט דער רב געזאָגט:

„מען דאַרף איבערקוקן די מזוזה אויפן בײַשטידל, ווו ס'איז געהאָנגען די פּאָדקאָווע".

האָט ער, דער באַלעגאָלע, מיטגענומען מיט זיך דעם שמש, ער זאָל איבערקוקן די מזוזה. האָט דער שמש אַראָפּגענומען די מזוזה, בודק געווען יעדן אות און יעדן תּג און געפּסקנט: די מזוזה איז אַ פּסולע. צוויי אותיות אין קריאת־שמע זענען אָפּגעמעקט ווי אויסגעלעקט מיט דער צונג. ווער צונג? ווער געלעקט? קיינער האָט נישט געקענט ענטפערן. איז דער באַלע־גאָלע געלאָפן, געקויפט אַ נײַע כּשרע מזוזה, זי צוגעקלאַפּט צום בײַשטידל און אַוועקגעפירט דאָס פערד צום שמיד, ער זאָל נאָך אַ מאָל צושמידן צו זײַן פוס די זעלבע פּאָדקאָווע וואָס נעכטן.

בײַ נאַכט האָט זיך דעם באַלעגאָלע געחלומט, אַז אַלע מזוזות אויף די טירן פון זײַן הויז זענען פּסולע און ער מוז זיי בלי נדר איבערקוקן, סײַדן ער וויל זײַן הויז זאָל ווערן אַ קיטלהויז פון שדים און נישט־גוטע. איז ער אין דער פרי געלאָפן צום שמש ער זאָל זיך פעדערן צו אים בודק זײַן די מזוזות. האָט דער שמש בודק געווען יעדע מזוזה באַזונדער און געפונען, אַז די נײַע מזוזה, וואָס דער באַלעגאָלע האָט אַליין אָנגעקלאַפּט, האָט ער אָנגעקלאַפּט קאַפּויער, מיט דעם שדי אַראָפּ, וואָס האָט געקענט ברענגען אויף אים אַ גרויס אומגליק.

אַז שמעלקע האָט אויסגעהערט די מעשׂה פון דעם אַלטן שמיד, זענען בײַ אים אָפּגענומען געוואָרן הענט און פיס. ביז מלכות האָט אים אַרויס־

געשיקט אויף „ווייסילקע", האָט אים אַלץ אויסגעזען פשוט. דאָס איינציקע וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן איז צו זען מען זאָל אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט. עס איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן וואָס אַלץ עס לויערט אויף אַ ייִד און וואָס אַלץ אַ ייִד דאַרף טאָן פאַר זיך און פאַר זיינע פערד, ער זאָל קענען לעבן און געבן ברויט צו זיין ווייב און קינדער. איצט, אַז ער וויל לעבן ערלעך, קלעפּן זיך צו אים צרות, מיט נישט-גוטע, ער ווייסט שוין נישט מער וואָס עס איז די וועלט און וואָס עס איז י ע נ ע וועלט.

אַז שמעלקען האָט דאָס אַלץ צוגעקלעמט און ער האָט מער נישט גע־ ווּסט ווּ איין און ווּ אויס, איז ער אַוועק צום רב זיך פאַרקלאָגן וואָס מען וויל פון אים. ער האָט דעם רב דערציילט אַלץ, אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף. ער האָט אים אַפילו געוויזן ווי אַזוי מען עפנט אַ שלאָס מיט אַ נאָכשליסל, אַז קיין צייכן זאָל נישט בלייבן, און ווי אַזוי מען ווערט נעלם מיט אַ שקאַפע ביים כלומרשטן אויספרווון זי, צי זי לויפט, אָדער זי איז אַ פגירה.

דער רב האָט אַלץ אויסגעהערט מיט האַרצברעכעניש ווי אַזוי אַ נפש בישׂראל קען נכשל ווערן און זיך לאָזן פונעם שׂטן פאַרפירן צום כּף־הקלע, טאַקע ביז צום פייער פונעם גיהנום. נאָר מער פון אַלץ האָט דעם רב ווײ געטאָן וואָס אַפילו נאָך דעם ווי שמעלקע איז געקומען אין שטעטל אַריין אויף „ווייסילקע", האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז ער גייט אָפּקומען אַ שטראָף פאַר זינד, נאָר ער האָט נאָך דערצו צוגעטראָכט שקרים, זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַנדער מענטש און זיך אַליין אַריינגעלייגט אין די הענט פון דער סטרא־אחרא. אונטער דעם רבס רייד איז שמעלקע געוואָרן קליין און אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד. האָט ער געפרעגט:

„וואָס זאָל איך טאָן, הייליקער רבי? איך האָב אַ ווייב מיט קינדער".

האָט דער רב געזאָגט אַזוי:

„פאַר זינד איז בעסער אָפּצוקומען אויף דער וועלט איידער אויף יענער וועלט. וואָרום די מלאכי חבלה אין גיהנום האָבן נישט אין זיך קיין זשאַרגע יאַהנדעס. אַהין קומט מען שוין נאָכן דין און נאָכן דיין און ס'איז אָך און ווײ. דערום, שמעלקע, דאַרפסטו תשובה טאָן סיי פאַר די חטאים אַ מאָל און סיי פאַר די זינד וואָס דו ביסט באַגאַנגען מיט זאָגן שקר שטאָט צו בעטן רחמים. בין איך גוזר אויף דיר, אַז במשך אַ יאָר צייט זאָלסטו יעדן טאָג זאָגן אַ יום תהילים, פאַסטן איין טאָג אין דער וואָך און נאָך יעדן תענית זיך אָפּטובלען אין אַ קאַלטער מקווה. כּדי צו האָבן אויף ברויט פאַר דיין ווייב און קינדער זאָלסטו זיך אַרויסלאָזן פון פירן סחורות אויף יאַרי־

דים, פון פירן שפּיליטערן קיין וואַרשע און פון פּריצישע פערד. נאָר איינ־האַנדלען זאָלסטו אַ פערד ווי אַלע יידן האָבן פערד, אַ פערד וואָס אַ ביסל הינקט עס, אַ ביסל דערזעט עס נישט, אָבער שלעפּן שלעפּט עס. צום פערד וועסטו קויפן אַ פעסל אויף רעדער אַז אַ גאַנץ יאָר וועסטו פירן וואַסער פאַר באַלעבאַטישע הייזער און טאָמער, חלילה, וועט אויסברעכן אַ שׂריפה אין שטעטל — וועסטו איילן מיטן פעסל וואַסער און די נשׂרפים וועלן דיר דערפאַר געבן דיין שׂכר. אַזוי בין איך אויף דיר גוזר ביז דו וועסט האָבן מכפּר געווען אויף דיינע זינד כּאָטשבי פאַר עובר פאַר זיין אויפן לא תגנוב״.

שמעלקע איז געבליבן אַ בעל־תשובה און אַ וואַסער־פירער אַפילו נאָך דעם ווי דאָס יאָר פון תשובה האָט זיך געענדיקט. און אַז עס זענען אַריבער צען יאָר „ווּיסילקע״ האָט ער נישט געוואָלט צוריקפאָרן אין זיין אַלטער היים. אין האַרץ האָט אים געעגבערט דער משנה מקום משנה מזל.

דער שד אויפֿן שטאָטישן באָק

סך־הכּל בין איך דעמאָלט אַלט געווען נישט קיין גאַנצע זעקס יאָר ווי איך האָב זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעטראָפן אויג־אויף־אויג מיט אַ שד — מיט דעם שד וואָס וועגן אים וועל איך ווײַטער דערציילן. פון די מעשׂיות וואָס מיר האָבן זיך דערציילט אין חדר האָב איך פון לאַנג געוווסט, אַז די וועלט איז פול מיט שדים, נישט־גוטע, קאָשעצן, ווילקאָלאַקס, לאַפּי־טוטן, משחיתים, שרעטעלעך און אַנדערע נישט־דאָ־וועלטישע ברואים; אַז ווי נאָר עס פאַלט צו די נאַכט קריכן זיי אַרויס פון זייערע קנייעס און גרייטן זיך צו זייערע שדישע שטיק. נאָך חצות, ווען די העגער קרייען אויף האַלבע נאַכט, טשאַטעווען זיי אויף ווײַבער וואָס גייען אַרויס אין דרויסן אָן אַ פאַרטעך אויסצוגיסן אַ פאָמעשאַף; זיי לאָזן זיך אַרײַן טשאַטעסווײַז אין שטיבער מיט פּסולע מזוזות און אין דער פרי געפינט מען דאָרט באָבקעס טײַביש־דרעק; זיי פאַרפּירן דאָרפגייערס, וואָס אין זייערע לײַבצודעקן זענען די ציצית פּסולע; זיי שטעלן זיך אין וועג פון פערד געשפּאַנטע אין וועגענער וואָס קלײַבן זיך אין ווײַטע מרחקים.

סימנים פון שדים האָב איך אַפילו געהאַט אין מײַן קעשענע — טײַביש־פינגער. אַז דער רבי שלמה־לייזער ראַשעס פלעגט נאָך אַ מאָלצײַט פון קאַרטאָפל מיט ציבעלעס אײַנשלאָפן בײַם לערן־טיש, האָבן מיר, ייִנגלעך, זיך אַרויסגעמאַכט פון חדר און אַוועק הינטער דער שטאָט. אויף יענער זײַט ברעג פון טײַך האָט מען געקענט געפינען טײַביש־פינגער. אויסזען

זעען זיי אויס ווי זיי וואָלטן געווען פון קיזלשטיין, נאָר אַפילו אַ בלינדער וואָלט געזען, אַז דאָס זענען שטײַפע פינגער, פינגער וואָס ברעכן זיך אָפּ פון די הענט פון שדים ווען זיי פירן צווישן זיך מלחמה אין דער מיט נאַכט אויפן ברעג פון יענער זײַט טײַך. אַ מאָל קען מען אויך געפינען אַ טײַביש־פינגער, וואָס האָט נאָך דעם כּוח אָפּצוטרײַבן אַ בראָדעווקע. איך אַליין האָב געהאַט אין מײַן פּאַרמעג דרײַ טײַביש־פינגער, וואָס צוויי פון זיי האָב איך אַליין געפונען און פּאָר דעם דריטן, דעם גרעסטן, כּמעט אַ גאַנצן פינגער, האָב איך באַצאָלט צו אַ ייִנגל אין מײַן חדר מיט די דראָטענע רעמעלעך פון מײַן באָבעס ברילן. אַלע זענען מיך מקנא געווען. ווער עס האָט אין קעשענע דרײַ טײַביש־פינגער אויף דעם האָבן נישט די שדים קיין שליטה.

כ'האָב געהאַט נאָך אַ סימן אַז די וועלט איז פול מיט שדים: אַלע מעשׂיות הייבן זיך אָן און לאָזן זיך אויס מיט שדים. אין מײַן מאַמעס „קרבן מנחה"־סידור, ווי נאָר איך האָב זיך אויסגעלערנט לייענען עברי־טײַטש, האָב איך געלייענט די מעשׂיות מיט שדים. אַפילו דער רבי, טאָמער פלעגט ער ווערן בייז האָט ער געשאָלטן: „זאָל דיך כאַפּן אַ שד", „גיי צו אַלע שדים און רוחות". אַפילו אין מײַנע חלומות האָב איך געזען יענעוועלטישע ברואים. וויזלטיערס האָבן זיך געשלאָגן מיט ווילקאָלאַקס, שדים האָבן אָפּגעטשאַטעוועט שרעטעלעך אין וואַלד און זיי אָפּגעהאַקט די ווידלען. די שרעטעלעך האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער.

כאָטש איך בין כּמעט קיין מאָל נישט געווען איינער אַליין אין דרויסן בײַ נאַכט, בין איך פון דעסטוועגן געווען גוט באַוואָרנט קעגן די נישט־דאָ־וועלטיקע באַשעפענישן. נאָך יעדן געשלעג מיט אַ ייִנגל אין חדר האָב איך נאָכגעקוקט, צי ער האָט מיר נישט אָפּגעריסן אַ פּאָדעם פון אַ ציצי, און טאָמער האָט ער מיר פּסול געמאַכט אַ ציצי, בין איך שפּעטער אַוועק צו כײַקל דעם פּאָקנטרעגער און ער האָט אין מײַנע ארבע כּנפות אײַנגע־פלאָכטן אַ נײַע ציצי. חוץ די דרײַ טײַביש־פינגער האָב איך אויך געהאַט אַ טל ומטר־סידורל, אַ מתּנה פון מײַנעם אַ פעטער ווען איך האָב אָנגע־הויבן לערנען חומש. אין סידורל האָבן זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די קרישמע. אַזוי באַוואָרנט וואָלט איך אַפילו געקענט גיין איינער אַליין אין וואַלד בײַ נאַכט, ווען איך וואָלט געוואָלט גיין, און גאָרנישט וואָלט מיר געשען.

ס'האָט מיך געלאָקערט איך זאָל כאָטש איין מאָל זיך צונויפטרעפן מיט אַ שד, צי מיט אַ קאָשעץ, צי מיט אַן אַנדער נישט־גוטן, כּדי אויסצופּרוּוון

מײַן כּלי־זין. איך וואָלט אים געוויזן אַ ציצי מיט די דרײַ טײַביש־פֿינגער און אויסגערופֿן: „שמע ישׂראל!" דערנאָך וואָלט איך אים באַפֿוילן ער זאָל גיין אין זײַן רו אַרײַן. איך וואָלט דעמאָלט געזען ווי דער שד קאָרטשעט זיך אין דרײַען, ווערט אַ צוגעלייגטע שמעגעגע און אַנטלויפֿט פֿײַל אויס בויגן. איך וואָלט אים אַפֿילו נאָכגעוואָרפֿן אַ גאָמולקע שניי אין ווינטער און אַ גלינקע ליים אין זומער.

אין חלום האָב איך זיך איין מאָל צונויפֿגעטראָפֿן מיט אַ שד און אַ שדיכע:

דער רבי שלמה־לייזער ראַשעס האָט אונדז, חדר־ייִנגלעך, געפֿירט אין וואַלד אויף אַ „גאַלווקע" צום טאָג ווען דער קיסר איז געבוירן געוואָרן. דער וואַלד איז געווען טיף־גרין און גאָלדיק־רויט, מיט אַ ליכטיקייט וואָס מען זעט נישט אין שטאָט. עס האָבן מיך געלאָקערט די רויטע און בלויע יאַגדעס, וואָס האָבן אַרויסגעוווּנקען פֿון צווישן דעם גרינעם אונטערבעט פֿונעם וואַלד. בין איך געגאַנגען זיי קלײַבן, און קלײַבנדיק זיי האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט אינעם געפֿלאָנטער פֿון וועגן און שטעגן. ערשט איך דערזע: אַ שד און זײַן שדיכע קוקן אַרויס צו מיר פֿון צווישן אַ סטערטע צווײַגן. ער איז געווען באַוואָקסן ווי אַ שוואַרצע ציג און זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קלייד פֿון שפּינוועבס באַהאָנגען מיט זשאַבעס און מײַזלעך. די שדיכע האָט פֿון צווישן די צווײַגן אַרויסגעשטעקט צו מיר אַ האַנט און מיך גערופֿן מיט אַ זיס קול אַ ביסל אונטערמעקעדיק ווי אַ יונג ציגעלע:

„קום, ייִנגעלע, קוממעעע! קום, קום, ייִנגעלע, קומממעעע!"

האָב איך אויסגעשריגן: „שמע ישׂראל!" אַ פּאָכע געטאָן מיט אַ ציצי און איידער איך האָב אַרויסגענומען פֿון דער קעשענע די טײַביש־פֿינגער זענען זיי נעלם געוואָרן. ווי נאָר איך האָב זיך דערנענטערט צו דער סטערטע צווײַגן, כּדי צו זען ווהין זיי זענען נעלם געוואָרן, האָב איך דערהערט אַ געלעכטער ווי עס וואָלט געלאַכט אַ קוקו. האָב איך פֿאַר דעם געלעכטער זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן לויפֿן. דאָס געלעכטער איז מיר נאָכגעלאָפֿן, מיך געכאַפּט און אומגעוואָרפֿן. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. ס'איז געווען אַ חלום. דער רבי האָט געזאָגט, אַז אויך אַ חלום איז וואָר, נאָר מען דאַרף אים קענען פּותר זײַן, ווי יוסף האָט פּותר געווען דעם חלום פֿון פּרעה דעם מלך פֿון מצרים.

כ׳האָב געגאַרט עס זאָל וואָס שנעלער געשען, איך זאָל זען אַ שד אין דער אמתן, און עס האָט נישט געקענט געשען. אין די אָוונטן, ווען די שדים און רוחות קריכן אַרויס פון זייערע קנייעס, לערן איך צוזאַמען מיט מײַנע חברים אין חדר. אַהיימגיין גייען מיר אַלע צוזאַמען. אויך ווינטערצײַט, ווען די נעכט זענען לאַנגע און מען קערט צוריק פון חדר ווען עס איז שטאָק פינצטער, בין איך זעלטן געבליבן אַליין אין דרויסן. צוזאַמען האָבן מיר געבויט שניי־מענטשן, זיך געוואַלגערט אין שניי און געפירט מלחמה מיט שניי־גאָמלקעס. דער טאַטע האָט מיר געקויפט אַ לאַמטערנדל מיט פיר שײַבלעך און מיט אַ ליכטל, עס זאָל מיר זײַן היימלעך אַהיימצוגיין. מיט דעם אָנגעצונדענעם ליכטל אינעם לאַמטערנדל איז דער וועג אַהיים אַלע מאָל געווען אַ ראַזשנער, קיין מאָל נישט געשראָקן, כאָטש אויך אָן דעם לאַמטערנדל האָב איך נישט געהאַט פאַר וואָס זיך צו שרעקן, אויב פאַר די נישט־גוטע האָב איך זיך נישט געשראָקן.

אַזוי ביז מײַן באַגער כאָטש איין מאָל זיך צונויפטרעפן מיט אַ שד איז מקוים געוואָרן.

שלמה־לייזער ראַשעס דער מלמד, וואָס אין זײַן חדר האָט מיך מײַן טאַטע געבראַכט אויף זײַנע אָרעמס אײַנגעוויקלט אין אַ טלית ווען איך בין אַלט געוואָרן דרײַ יאָר, און ער האָט מיר געלערנט פונעם קמץ־אַלף־אָ ביז חומש מיט רש״י, איז געווען אַ גאָר גרויסער אָרעמאַן. ער, זײַן ווײַב, די מלמדטשיכע, פעסקע, און זייער בן־יחיד, מאירל פישער, האָבן געוווינט אין איין לאַנג צימער. דאָ איז געווען אַלץ: ס׳חדר, מיט אַ לאַנגן שמאָלן טיש, מיט צוויי בענק פון בײדע זײַטן און מיט אַ צוואַנציק תּלמידים. דאָ זענען געשטאַנען די בעטן, דאָ איז געווען די קיך מיטן באַקאויוון און דאָ האָבן זיך געהאָדעוועט צוויי קעץ, די איינציקע פעטע באַשעפענישן אין דעם הויז פון די פיל מײַז וואָס זיי האָבן צו כאַפּן.

מאירל פישער איז געווען אַ קראַנק ייִנגל. זומער פלעגט ער נאָך אַראָפּגיין פון בעט און זיצן אין דרויסן, כּדי צו וואַרעמען זיך אויף דער זון. ווינטערצײַט איז ער געלעגן אין בעט און געפישט. ער איז געווען גרין און אויסגעמאָגערט ווי ער וואָלט געהאַט די טשעכאָטקע, נאָר ער האָט נישט געהאַט די טשעכאָטקע. אַ מאָל פלעגט ער אַפילו ווערן פריילעך און אָנהייבן מעביר סדרה זײַן די פּרשה פון דער וואָך כאָטש ער האָט נישט

געלערנט. ער האָט בלויז געהערט ווי אַנדערע לערנען. נאָך אַזאַ פֿריילעך זײַן פֿלעגט ער אַוועקפֿאַלן אָן כּוחות.

איין מאָל האָט די מלמדטשיכע פּעסקע געזאָגט צו איר מאַן:

„שלמה, לאָמיר פֿאַרקויפֿן דעם זילבערנעם קידוש־בעכער און ראַטע־ווען דאָס קינד".

אויף דעם האָט דער רבי געוואָרט. ער האָט שוין לאַנג דערוועגן גע־טראַכט, נאָר ער האָט מורא געהאַט עס צו ברענגען פֿאַרן מויל. וואָרום אַז פּעסקע פֿלעגט זיך אָפּרײַסן אויף אים, פֿלעגט זי אָנהייבן שעלטן אין דער פֿרי און נישט ענדיקן פֿאַר נאַכט. ווי אַ קינד נאָכן לאַנגן וויינען טוט עס נאָך פֿון צײַט צו צײַט אַ העשע, אַזוי פֿלעגט פּעסקע, שוין נאָך דעם ווי זי האָט געהאַט פֿאַרענדיקט איר סדרה קללות, זיך דערמאָנען און פֿון צײַט צו צײַט אַרויסוואַרפֿן נאָך אַ קללה, אַ פֿאַראייניצלטע, אַ פֿאַרגעסענע:

אַ נעכפּע אויף מײַנע שונאים...

אויסגעריסן זאָלן ווערן שונאי ציון...

זאָלן די גבירים אויסברעכן זונטיק וואָס זיי האָבן געפֿרעסן אום שבת...

פֿאַר מײַנע שונאימס אויגן זאָלן שטיין מאַרצעפּאַנעס, נאָר זיי זאָלן האָבן געשווירן אין האַלדז און נישט קענען אַראָפּשלינגען אַ לעק וואַסער...

אַלע קללות וואָס איך געדענק ביז הײַנט, זענען די קללות וואָס איך האָב געהערט פֿון פּעסקע דער מלמדטשיכעס מויל.

אַז זי האָט געלאָזט פֿאַלן דאָס וואָרט: „פֿאַרקויפֿן", האָט שלמה־לייזער ראַשעס זיך געפֿעדערט, פֿאַרקויפֿט דעם זילבערנעם בעכער און גערופֿן דעם שטעטלשן דאָקטער.

כאָטש אַ גוי, היט נישט אָפּ די מצוות פֿון דער תּורה און עסט בשׂר קוויטש, האָט דער דאָקטער געהאַט אַ האַרץ פֿון אַ מלאך. להבדיל אליהו הנביא. ווי נאָר ער פֿלעגט אַרײַנקומען אין חדר איז ליכטיק און פֿריילעך געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. בײַם ערשטן מאָל ווי דער דאָקטער איז גע־קומען האָט זיך מאירל פֿישער דערשראָקן פֿאַר אים אימת־מוות און זיך איבערגעדעקט מיט דער פֿערענע איבערן קאָפּ. אָבער אַז דער דאָקטער האָט אים געוווּנען, האָט מאירל געבענקט נאָך אים און זיך נאָכגעפֿרעגט ווען עס קומט דער פּאַן. ער האָט ליב געהאַט דעם קיצל פֿונעם דאָקטער, ער האָט געלאַכט, געלאַכט ווען דער דאָקטער פֿלעגט בויען פֿייגעלעך און שלעסער פֿון זײַנע צען פֿינגער. אויף פֿריילעך צו מאַכן מאירל פֿישער פֿלעגט דער דאָקטער באַוועגן מיט זײַנע דיקע וואָנסעס אַרויף און אַראָפּ ווי אונטער

דער נאָז וואָלט אים געהאָנגען אַ קליין שעלכל־וואָגעלע און ער וועגט דאָרט פּריילעכקייט. ער פלעגט אַפילו צוגיין צום טיש ווו מיר זענען געזעסן איבער סידורים, צי חומשים און אַרײַנקוקן אין זיי פון לינקס אויף רעכטס. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ פון באַוווּנדערונג וואָס מיר, קליינע ייִנגלעך, קענען זיך אויס אויף די אותיות און פאַר אים זענען זיי פאַרזיגלטע סודות.

האָט דער דאָקטער געזאָגט צו שלמה־לייזער ראַשעס און פּעסקען, אַז ער פאַרשרייַבט אַ רעצעפּט, וואָס פאַר אים וועלן זיי נישט דאַרפן באַצאָלן אין דער אַפּטייק, אָבער וואָס מאירל דאַרף אויף אַן אמת מוזן זיי קויפן פאַר זייער אייגן געלט. ער דאַרף פילנאַשטש, האָט ער געזאָגט: אַ יויכל אויס־געקאָכט פון אַ פעט הינדל און טאַקע דאָס הינדל אַליין דאַרף ער אויך עסן. ער דאַרף יעדן טאָג אויסטרינקען צוויי גלעזער מילך, אַ האַלבע גלאָז שמאַנט, אויפעסן צוויי אייער — שיטערע, האַרטע צי אין פּײַנקוכן, אַבי צוויי אייער. דאָס ברויט וואָס ער עסט דאַרף זײַן געשמירט מיט שמאַנט־פּוטער. דאָס איז פילנאַשטש און פון דעם וועט ער געזונט ווערן.

אַז דער דאָקטער איז אַוועק זענען ביידע, דער מלמד מיט דער מלמדטשיכע, געבליבן שטיין מאַרקאָטנע ווי אַלע זייערע וועגן וואָלטן זיך געענדיקט:

פון וואַנען זאָלן זיי נעמען דעם אוצר וואָס מען דאַרף האָבן, כּדי צו קויפן דאָס אַלץ וואָס דער דאָקטער האָט אָנגעזאָגט? זיי זאָלן אַפילו די פּערענעס פאַרזעצן וועט עס סטײַען אויף איין וואָך, צי אַפילו אויף צוויי וואָכן. נישט מער.

זײַט איך האָב געדענקט האָבן זיי געלעבט בלויז אויף קאַרטאָפל מיט ציבעלעס און ברויט מיט ציבעלעס. אויף אָנבײַסן פלעגט דער רבי אויפ־עסן אַ מידניצע מיט קאַרטאָפל אויסגעמישט מיט אַזאַ מענגע ציבעלעס אַז באַלד דערנאָך פלעגט ער אײַנשלאָפן בײַם טיש אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן אָרעם. דעמאָלט זענען מיר געווען פרײַ צו טאָן וואָס מיר האָבן גע־וואָלט: זיך שפּילן אין יאָגעלעך אין דרויסן, אָדער אָפּטאָן דעם רבין קאַטאָ־וועסן: אַראָפּנעמען פונעם אַלמער דעם קאַנטשיק מיט די לעדערנע לאָקשן און די לאָקשן צעשנײַדן אויף פאַרפל. די פאַרפל אַרײַנשיטן אין אַ שיסל און זי אַוועקשטעלן פאַרן שלאָפנדיקן רבין אויפן טיש, אַז ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן פון זײַן ציבעלע־שלאָף זאָל ער האָבן וואָס צו „עסן“. אַן אַנדערש מאָל, ווען ער פלעגט מיט דעם קאַנטשיק אויסלאָזן זײַן פינצטער מזל צו אונדזערע תּחתלעך, איז ווי נאָר ער איז אײַנגעשלאָפן איבערן טיש

מיט דער באָרד פאַר זיך, האָבן מיר צעלאָזט פון פריִער אָנגעגרייטן וואַקס און מיט דער געדיכטער פליסיקייט אים צוגעוואַקסט די באָרד צום טיש. אַז דער רבי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער אַ שפּאָר ביסל האָר פון זײַן וואַלד־געדיכטער באָרד איבערגעלאָזט אויפן טיש.

מאירלען האָט די מלמדטשיכע נישט געקענט קאָרמען מיט מידניצעס קאַרטאָפל מיט ציבעלעס. ער פלעגט עס באַלד אָפּגעבן אויף צוריק צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך. אַ מאָל אויף אַ נאָווינע, ווען די טאַטעס פון די תלמידים פלעגן דערלייגן צום שׂכר־לימוד, האָט פּעסקע אײַנגעהאַנדלט אַן אָרעם־מאכל — אַ גרײַשל. דער גרײַשל האָט געמאַכט יום־טובדיק אין חדר. פּעסקע האָט געקענט פון אים מאַכן מעדני־מלכים: אַ טייל פון דער גרײַשל צעהאַקן מיט אַ האַקמעסער און אים אײַנפּרעגלען מיט אייל און ציבעלעס. אַ צווייטן טייל צעשנײַדן אויף פּיק־פּיצעלעך און אײַנקאָכן אויף זיס־זויער. דעם דריטן טייל האָט זי צוזאַמען מיט קאַרטאָפל און מיט אַ מעל־קוגעלע געקאָכט אויף אַ קליין פײַערל ביז עס איז געוואָרן אַ טשאָלנט אין דער וואָכן. דער גרײַשל אין אַלע זײַנע גילגולים האָט אָנגעפילט דעם חדר מיט אַזעלכע נאַגנדיקע ריחות, אַז שפּעטער האָבן די קינדער אין זייערע היימען געבעטן בײַ זייערע מאַמעס גרײַשל ווי בײַ פּעסקע דער מלמדטשיכע.

אַזעלכע יום־טובדיקע טעג זענען אין חדר געווען ווייניק.

עס איז געווען ווינטער. אין חדר האָט מען געלערנט ביז אין טיפן אָוונט אַרײַן. פון דעם מיטאָג־איבעררײַס האָט מען אין חדר אַרײַן מיט־גענומען עסן ווענדליק ווי יעדע מאַמע האָט געהאַט מעגלעכקייטן: איינער האָט געבראַכט ברויט באַשמירט מיט גענדזנשמאַלץ און וווּרשט־קישקעלעך מיט קנאָבל. אַ צווייטער האָט מיטגעבראַכט פרישע זעמל מיט פּוטער און האַרטע אייער. אַ דריטער האָט אין מיטן דער וואָך מיטגעבראַכט אייער־חלה מיט אַ געפּרעגלט פּופּיקל, אָדער אַפילו אַ קאַלטע היגערשע פּולקע. דאָס עסן האָט פאַרשמעקט דעם חדר. שלמה־לייזער ראַשעס האָט רק געשלונגען די סלינע פון דעם וואָס זײַן פאַרטאַביקטע נאָז האָט פאַרנומען. מאירל פישער האָט געמאַנט עסן און זי, פּעסקע, האָט אים נישט געקענט געבן מער ווי אַ שטיקל ברויט מיט אַ קרעכץ.

די קינדער פלעגן מאירלען אונטערטראָגן וואָס נאָר זייערע קליינע הערצלעך האָבן זיי געלאָזט אַראָפּנעמען פון זייער עסן. מאירלען האָט עס

נאָר געשאַרפט דעם אַפּעטיט. דעם מלמד האָט געווייטאָקט דאָס האַרץ אויף זײַן אייגענעם זון. איז אים אײַנגעפאַלן אַ המצאה: דאָס עסן וואָס די תּלמידים ברענגען מיט פון זייערע היימען איז כשר, עס קומט פון ייִדישע גאָטפאָרכטיקע היימען. קען ער עס נישט טריף מאַכן און אַוועקנעמען. אַנדערש איז מיט אַן איי. אַן איי האָט אַ שאָל און דאָס אויג קען נישט זען וואָס עס טוט זיך אונטער דער שאָל. קען געשען, און עס געשעט, אַז אַן איי האָט אַ בלוטסטראָפּן. איז דאָס איי טריף. וואָרום ווי אַ ייִד טאָר נישט פאַרגיסן בלוט, אַזוי טאָר ער נישט טועם זײַן אַפילו אַ טראָפּן בלוט. האָט דער רבי געזאָגט, אַז כּדי עמעצער פון די קינדער, וואָס ברענגט מיט אַ האַרט איי, זאָל נישט נכשל ווערן מיט אַ בלוטסטראָפּן, וועט ער יעדעס איי פריִער בודק זײַן. און אַזוי, דורך דער בדיקה, פלעגט ער יעדן אָוונט פּסלען איין איי, אָדער צוויי אייער און אַ מאָל אַפילו דרײַ אייער. די געפּסלטע אייער פלעגט ער אַוועקלייגן אויף דער קיך אונטער דער קאָפּע און אונטער־פאַנפען ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר זאָגן ליגנט:

„דאָס וועט זײַן פאַר די קעץ".

אין דער אמתן איז די קאַץ געווען מאירל פישער. ער האָט געדאַרפט פילנאָשטש און די מאַמע האָט אים די געפּסלטע אייער אונטערגעטראָגן צום בעט, אים פאַרשטעלט מיט דעם ברייטן געזעס און ער האָט געריבן אַ סעודה.

פון אָנהייב האָב איך געלאָזט דער מלמד זאָל איין מאָל, אָדער צוויי מאָל אין דער וואָך מיר פּסלען אַן איי. ס'איז מיר געווען אַ רחמנות אויף מאירל פישער און אויך אויפן מלמד. מיט דעם וואָס ער טוט מינערט ער זײַן חלק עולם הבא, אָבער ער טוט עס כּדי זײַן קינד זאָל זײַן געזונט.

שלמה־לייזער ראָשעס האָט מסתּמא געמיינט, אַז איך קען זיך נישט אויף דעם וואָס ער טוט און וואָס עס געשעט מיט די געפּסלטע אייער. פאַר דער מאַמען האָב איך מורא געהאַט צו דערציילן דערוועגן, טאָמער וועט זי גיין אים אויסרעדן און ער וועט פאַרשעמט ווערן. האָב איך אָפּגע־מאַכט בײַ זיך, אַז איידער איך וועל זיך נעמען עסן וועל איך אַליין בודק זײַן דאָס איי. וועט זײַן אַ בלוטסטראָפּן — וועל איך עס אים אַוועקגעבן פאַר די קעץ און טאָמער עס וועט זײַן כּשר וועל איך עס אַליין אויפעסן.

איין מאָל, ווען דער רבי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זײַן האַנט איך זאָל אים דערלאַנגען דאָס איי, האָב איך עס אַליין אַ קלאַפּ געטאָן אָן טיש

און שנעל אָפּגעשעלט די שאָל. איך האָב נאָך באַוויזן עס בודק צו זײַן און זען אַז עס איז קלאָר. האָט דער רבי אויסגעשריגן:

„שייגאַץ, דערלאַנג מיר שוין דאָס איי!"

איידער ער איז צו מיר צוגעלאָפן האָב איך דאָס איי אַ גאַנצס אַרײַנ־געכאַפּט אין מויל. מײַן ייִנגלש מויל איז געווען צו קליין פֿאַר אַזאַ גרויס איי. איך בין שיִער דערשטיקט געוואָרן, אָבער דאָס איי האָב איך פֿון מײַן מויל נישט אַרויסגעלאָזט.

דער מלמד איז בלאָס געוואָרן פֿון כּעס און פֿון דעם געלעכטער פֿון די תּלמידים. ער איז אַוועק צום אַלמער אַראָפּצונעמען דעם קאַנטשיק. ער גייט מיך שמײַסן. שטיקער פֿון דעם האַרטן איי זענען מיר נאָך געשטאַנען צווישן דעם שלונג און דעם ווײשעט און זיי האָבן מיך געשטיקט. טרערן זענען מיר אָנגעלאָפן אין די אויגן. דער רבי האָט זיך באַזינען און מיך נישט אָפּגעשמיסן. מיט דעם קאַנטשיק אין דער האַנט, ווי אַ באַלעגאָלע מיט אַ בײַטש, האָט ער מיך באַשטראָפט מיט אַן אַנדער שטראָף: איך וועל בלײַבן אין חדר אויף איבער נאַכט און שלאָפן מיט די קעץ.

שפּעטער זענען אַלע ייִנגלעך אַוועק און איך בין געבליבן איינער אַליין מיט דעם מלמד, מיט דער מלמדטשיכע, מיט מאירל פֿישער און מיט די קעץ. איך האָב פֿריִער אַפֿילו נישט געקענט טראַכטן ווי אומעטיק און לער עס ווערט אין חדר אָן די תּלמידים. אַזאַ עלנטקייט האָב איך ביז יענעם אָוונט נישט איבערגעלעבט. איך האָב באַקומען רחמנות אויף מאירלען, אויף פּעסקען און אַפֿילו אויפֿן רבין, וואָס אַלע מאָל מוזן זיי דאָ בלײַבן אויף בײַנאַכט. איך האָב געבענקט אַהיים ביז טרערן, ווי מײַן היים וואָלט געווען ערגעץ ווו ווײַט, ווײַט אין אַן אַנדער שטאָט.

אַז פּעסקע האָט געוואָלט מאַכן נאַכט, האָט זי צו איר מאַן וועגן עפּעס וואָס געפּאַנפּעט אונטער דער נאָז און באַלד דערנאָך האָט דער רבי געזאָגט צו מיר:

„וועסט שוין בײַ מיר שלאָפן מיט די קעץ אַ צווייט מאָל. איצט צינד אָן דאָס לאַמטערנדל און גיי אַהיים".

מיט אַ קינדל בײַם דרייפוס אונטער דער קיד־קאַפּע האָב איך אָנגע־צונדן דאָס ליכטל אין מײַן לאַמטערנדל. מיט דעם אויפגעגאַנגענעם פֿלעמל איז מיר געוואָרן פֿריילעכער.

כ'האָב אייגנטלעך דאָס מאָל נישט געדאַרפֿט דאָס לאַמטערנדל זאָל מיר באַלײַכטן דעם וועג אַהיים. אין דעם פֿאַרשנייטן דרויסן איז געשטאַנען אַ

שאַרפֿער פראָסט. אונטערן הימל איז געהאָנגען אַ שטיק געפּרווירענע לבנה. די לבנה האָט געציטערט פון קעלט. די מיליאָסן שטערן אין הימל האָבן געפינקלט ווי דער סקריפּענדיקער שניי אונטער מײַנע פיס. איך בין געווען דער איינציקער לעבעדיקער נפש אין דער גאַנצער וועלט. מיט מיר איז געווען בלויז דאָס פלעמל אין מײַן לאָמטערנדל — אַ גאָלדיק־רויטלעך צינגל אין אַ טויט־בלייכער נאַכט.

כאָטש אונטער מײַן מענטעלע האָב איך געהאַט כשרע ציצית און אין די קעשענעס דאָס טל ומטר־סידורל און די דרײַ טײַביש־פינגער, דאָך האָט דער סקריפּ אונטער מײַנע שטיוועלעך מיך געשראָקן. איך האָב מורא געהאַט זיך אומצוקוקן. ניין, איך האָב נישט מורא געהאַט, נאָר דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט פון זיך אַליין.

אונדזער הויז האָט זיך געפונען פון דער צווייטער זײַט פונעם אַלטן בית־עולם וואָס פאַר זײַנע מתים איז נישט געווען מער וואָס מורא צו האָבן. פאַר דעם בית־עולם איז געלעגן דער אײַנגעפרווירענער טײַך און איבער אים אַ הילצערנע בריק. איך האָב געדאַרפט נאָר אַריבערגיין די בריק און אַנהייבן לויפן און איך וואָלט באַלד געווען אין דער היים. אָבער ווען איך בין אַרויף אויף דער בריק האָב איך פון דער צווייטער זײַט, צווישן דעם טײַך און דעם בית־עולם, דערזען דעם שטאָטישן באָק און אויף אים האָט געריטן אַ רײַטער. דער רײַטער איז געווען זייער אַ הויכער און ס׳האָט אויסגעזען ווי נישט ער רײַט אויפן באָק נאָר ער שטייט אויף זײַן רוקן. דער רײַטער האָט געהאַט לאַנגע פיס, וואָס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפט, און איך האָב געהערט ווי ער שאַרוועט מיט זיי איבער דעם געפרווירענעם שניי. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ הויכע שקאַרמיץ, וואָס האָט זיך גע־בויגן דאָ אויף פאָרנט און דאָ אויף הינטן.

ווער איז דער רײַטער אויף דעם שטאָטישן באָק אין אַזאַ פראָסט בײַ נאַכט?

זומערלעב האָט דער באָק צו עסן דאָס גאַנצע גראָז פונעם בית־עולם. ווײַבער טראָגן אַרויס פאַר אים פאַר די טירן שאָלן פון קאַרטאָפל, אַ מייערל, וואָס האָט צוגעפוילט, אַ פאָר ערשטבלעטער פון אַ הייפּטל קרויט און אַלץ וואָס עס בלײַבט פונעם עסן, אויב עס בלײַבט. קינדער פאַשען אים מיט האַרטע שטיקלעך ברויט. אַז ער האָלט שוין אין עסן שטופן זיי

אים אַרײַן אין מויל אויך אַ קנעפּל און ער שלינגט עס אַראָפּ. דער שטאָ־טישער באָק עסט אַלץ, וואָס לאָזט זיך קײַען.

ווינטער ווערט דער באָק אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט. דאָס גראָז אויפן בית־עולם איז הויך באַדעקט מיט שניי און פאַרקאָוועט אין פראָסט. ווײַבער קאַרגן צו פיל מאָל צו עפענען די טירן, דאָס ביסל וואַרעמקייט זאָל נישט אַנטלויפן. ס׳איז אַ רחמנות אויפן באָק, ער איז אַ בכור און ער איז געהייליקט צו גאָט. דאַרף מען אויף אים רחמנות האָבן, נאָר צו עסן קומט עס נישט. ווערט דער באָק אַזוי אויסגעהונגערט און אויסגעדאַרט, אַז פון הונגער הייבט ער אָן גריזשען דעם הילצערנעם פּאַרקאַן אַרום דעם בית־עולם.

האָט ער אין אַזאַ נאַכט כּוח צו טראָגן אויף זיך אַ רײַטער?

כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן בײַם אָנלען פון דער בריק. פון דעם שטאַרקן האַרצקלאַפּעניש איז מיר געוואָרן הייס. דער רײַטער אויף דעם באָק האָט מיט דער זעלבער געלאַסנקייט וואָס פריִער געריטן פּאַזע דעם טײַך־ברעג צו דער בריק. בײַם דערקלײַבן זיך צו מײַנע ציצית און צו די טײַביש־פינגער איז פון דער האַנט מיר אַרויסגעפאַלן דאָס לאַמטערנדל. דאָס גאָל־דיק־רויטע פלעמל האָט זיך פאַרלאָשן. איך בין געוואָרן נאָך מער אַליין. אַריבערלויפן די בריק איז געווען צו שפּעט. דער רײַטער וואָלט מיך גע־כאַפּט. אַזאַ הויכער מיט אַזעלכע לאַנגע פיס אויפן רוקן פונעם שטאָטישן באָק איז זיכער פון יענע לײַט און ער קען אויסציִען די האַנט אַפילו אויף אַ מײַל. האָב איך אים נישט אַרויסגעלאָזט פון מײַן אויג און ציטערנ־דיק מיט אַ ציצי אין איין האַנט און מיט די טײַביש־פינגער אין דער צווייטער, האָב איך אויסגערופן מיט אימפּעט:

„שמע ישׂראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד! שד, גיי אין דײַן רו אַרײַן!“

דער באָק האָט ווײַטער געשלעפּט אויף זײַן רוקן דעם רײַטער מיט דעם שקאָרמיץ אויפן קאָפּ. דער שד האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון מײַנע כּשרע ציצית, פון די טײַביש־פינגער און פון מײַן „שמע ישׂראל“. ס׳איז מיר געוואָרן אי לײַכטער און אי שווערער. אויב איך האָב געטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן און דער נישט־גוטער איז נישט אַוועק אין זײַן רו אַרײַן, איז ער אַ לעבעדיקער מענטש און ער וועט מיר קיין שלעכטס נישט טאָן. פאַר וואָס זשע ענטפערט ער נישט, אויב ער איז אַ לעבעדיקער? אַז ער ענטפערט נישט און איז נישט אַוועק אין זײַן רו אַרײַן איז ער אַ טויבער שד. ס׳איז מיר קיין מאָל ביז דעמאָלט נישט אײַנגעפאַלן, אַז עס זענען

אויף פאַראַן טויבע שדים, ווי עס זענען פאַראַן לאָמע שדים, אָדער שדים וואָס ברעכן זיך אָפּ די פינגער ביים פירן צווישן זיך מלחמות.

איך האָב געמוזט איינשטעלן דאָס לעבן, ווארום דער ריַיטער האָט זיך דערנענטערט צו דער בריק. טאָמער וועט ער מיך באַפאַלן, וועט ער מיך דערוואַרגן. אין דער פרי וועט מען מיך געפינען אַ טויטן און געפּרוּוירענעם. די מאַמע וועט וויינען. דער טאַטע וועט זיך פאַרקלעמען פון צער, און דער רבי וועט זיך אָנטאָן אַ מעשה פאַר פאַרהאַלטן מיך אין חדר.

כאָטש די הענט זענען מיר שוין געווען גענוג פאַרשטייפט פון דעם פראָסט און אין די שפּיצן פינגער האָט מיר געשטאָכן, האָב איך אַרויס־באַקומען פון דער קעשענע אויף דאָס טל ומטר־סידורל און מיט אַ ציצי און מיט די טייַביש־פינגער אין דער צווייטער האַנט האָב איך זיך געלאָזט לויפן איבער דער בריק און געשריגן אַזוי הויך ווי נאָר איך האָב געקענט:

„שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד! שד, נישט־גוטער, גיי אין דיין רו אַריין!"

איך בין מסתמא געלאָפן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווארום אויף דער צווייטער זייט בריק האָב איך זיך מיט די שטיוועלעך אַריינגעבראָכן אין אַ פאַרשנייטן גרוב נישט וויַיט פונעם באָק. דער באָק איז געשטאַנען און געקוקט אויף מיר, דער שד איז נעלם געוואָרן. איך האָב נישט געזען, צי ער איז אַוועק צום בית־עולם, צי ער איז איינגעשלונגען געוואָרן אינעם פאַרפרוירענעם טייַך. איך האָב אַפילו קיין שאָרך פון זיין אַנטרינונג נישט געהערט. דער באָק האָט זיך צו מיר דערנענטערט און געריבן זיין קאָפּ אין מיין מענטעלע. מיין גאַנץ כלי־זין האָב איך גענומען אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האָב איך אים געגלעט צווישן די הערנער. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער איז פאַרשוויצט. זיין מאָרדע איז געווען וואַרעם כאָטש צאַפּנס אייז זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פון דער באָרד.

איך בין געלאָפן אַהיים. פון אָנהייב איז דער באָק מיר נאָכגעלאָפן, געפּרוּווט אַפילו מעקען. מסתמא געוואָלט מיר זאָגן ווי הונגעריק ער איז. דערנאָך, אַז איך האָב זיך אומגעקוקט, איז אויך דער באָק נישט געווען. ער איז נעלם געוואָרן, ווי פריִער דער שד.

אויף צו מאָרגנס בין איך געווען קראַנק. די מאַמע האָט געגלעט מיין קאָפּ און געזאָגט:

„דו שוויצסט, מאָטקעלע. אַז דו וועסט זיך אויסשוויצן וועסטו געזונט ווערן".

ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין דער פאַרשוויצטער באָק, וואָס אויף אים האָט ביי נאַכט געריטן דער שד. האָב איך געזאָגט צו דער מאַמען:

„איך וויל נישט שוויצן, מאַמע".

מער האָב איך נישט געזאָגט וועגן דעם וואָס איך האָב געטראַכט.

שדים אין דער קיטשע

די קיטשע אין חדר פון כילקע מלמד האָט מיך געשראָקן פון סאַמע אָנהייב ווי איך האָב אָנגעהויבן בײַ דעם רבין צו לערנען. ניין, זי האָט מיך נישט געשראָקן. זי האָט מיך געצויגן צו זיך, איך זאָל דאָרט אַרײַנקוקן און איך האָב מורא געהאַט. די ייִנגלעך, וואָס האָבן בײַ כילקע מלמד געלערנט אויף דעם פריִערדיקן זמן און געוווּסט אַ ל ע סודות, האָבן מיר אײַנגערוימט, אַז אין דער קיטשע ברויען אַרום שדים און נישט־גוטע. מ׳טאָר וועגן דעם נישט רעדן הויך. י ע נ ע קענען נעמען נקמה. כילקע מלמד פירט מיט זיי מלחמה. און אויך פרומעט, זײַן טאָכטער, איז דערין.

פון אויסן איז כילקעס קיטשע געווען ווי אַלע קיטשעס: אַ פירקאַנטי־קער לאָך אונטער דער קיך. געווייִנטלעך האַלט מען אין אַזאַ קיטשע האָלץ פאַרן דרייפוס, אָדער אויף אָנצוהייצן דעם באַקאויוון. כילקעס קיטשע איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. טאָמער האָט עמעצער פון די ייִנגלעך זיך גע־שפּילט מיט די הענט אונטערן טיש אין קנעפּלעך, אָדער ער איז געווען מיטן קאָפּ אין דרויסן, אָדער געלאָזט זיך מיטשלעפּן פון אַן אַנדער ייִנגל און אויפן קול פאַרטײַטשט: „ויקח האָט גענומען שם ויפת האָט שם ויפת גענומען את השׂמלה דאָס זעקל קאַרטאָפל״ — פלעגט אָנקומען דעם רבינס צאָרן. ער האָט אַראָפּגענומען דעם הויזן־רימען, זיך געשטעלט איבער דעם פאַרזינדיקטן און געזאָגט מיט אַ געוויטער־קול:

„ביסט שוין אַ דערוואַקסן יינגעלע און דו קענסט זיך ביי מיר אויס־קלייבן וואָס דו ווילסט ליבערשט. צי ווילסטו איך זאָל דיר אַראָפּלאָזן די הייזעלעך און דיך אָפּשמייסן ? צי ווילסטו איך זאָל אויף דיין תּחתּל אָנשיטן גערשטן און רופן די הינער זיי זאָלן אַראָפּפּיקן ? אָדער אפשר ווילסטו איך זאָל דיך אויף אַ גאַנצן טאָג איינזעצן אין דער קיטשע ?"

אַלע דריי שטראָפן זענען געווען האַרבע. כאָטש כילקע מלמד האָט קיין מאָל נישט אויסגעפּירט די שטראָפן, האָט זיין געוויטער־קול ווי געטאָן, מ׳האָט געפילט די שאַרפע שמיץ פון זיין אויפגעהויבענעם הויזן־רימען, מ׳האָט געפילט ווי די הינער ציפן אַראָפּ דעם אָנגעשיטן גערשטן פון תּחתּל, און צום ערגסטן איז געווען די שרעק פאַר דער קיטשע. זיין אין דער פינצטערניש מיט די שדים און נישט־גוטע, איינער אַליין, איינער אַליין, און זיך צוקוקן ווי די מייז יאָגן זיך דאָרט אַרום !

כילקע מלמד איז געווען אַ גוטער. ער האָט געשטרעקט דאָס לעבן די יינגלעך זאָלן קענען די פּרשה פון חומש. אַז ווען ער וועט קומען שבת צו די עלטערן פאַרהערן זיין תּלמיד, זאָלן טאַטע־מאַמע האָבן הנאה. אַז טאַטע־מאַמע האָבן הנאה איז אים די מאַמע מכבד מיט אַ הייסע גלאָז טיי פון אויוון אַרויס און מיט שבתדיקן קוכן געפילט מיט ראָזשינקעס.

כילקע איז אַן אַלמן. ער מיט זיין טאָכטער, פרומעט, אַן אַלטע מויד, וואָס אָדער זי זיצט ביים פענצטער און פלעכט אירע צעפּ, אָדער זי קנעט קאָרענע מעל און צופּט פערפל, וווינען אין אַן איינציקער קאַמער. די קאַמער איז אַלץ: דאָ איז דאָס חדר מיט אַ לאַנגן טיש און פוןביידע זייטן לאַנגע בענק, דאָ שטייען צוויי בעטן מיט הויכע שטויסן גרויסע קישנס, און דאָ וווינט אויך די גרויסע גראָע קאַץ וואָס דער רבי רעדט צו איר ווי זי וואָלט געווען נישט קיין קאַץ נאָר אַ הונט :

„פּוטש־טו !" „וואָן !" „פּודזשאָס !" וכדומה.

אַ גרויסן טייל פון דער קאַמער פאַרנעמט דער באַקאויוון מיט דעם פּיעקאָליק און די קיך מיט דער רויך־קאַפּע איבער איר. אונטער דער קיך געפינט זיך די קיטשע וועגן וועלכער עס דערציילט זיך. סיי זומער און סיי ווינטער איז כילקע אָנגעטאָן אין אַ וואַטענעם שפּענצער, וואָס איז מסתּמא אַ מאָל געווען שוואַרץ נאָר פון אַלטקייט געוואָרן גרין, פּונקט אַזוי ווי די ווענט פון דער קאַמער, וואָס זענען אַ מאָל מסתּמא געווען געקאַלכט אויף ווייס זענען פון אַלטקייט אויך געוואָרן גרין. אַפילו דאָס ליכט וואָס איז

פון דרויסן אַרײַנגעפּאַלן דורך דעם איינציקן פענצטער איז אין דער קאַמער געוואָרן גרין.

די אַלטע מויד, פרומעט, איז אויך געווען גרין. דערפאַר זענען די אויגן פון כילקע מלמד געווען רויט־צעפּלאַמט ווי צוויי שטיקלעך צעזשאַרעטע קוילן. פון אַלע פיר עקן וועלט זענען צו זײַנע אויגן געקומען צו פליִען פליגן און ער האָט מיט זיי געפירט מלחמה. ער יאָגט זיי ווי די הינט און זיי קומען צוריק טשאַטעסווײַז. אַ נס כילקע מלמד האָט געקענט דעם חומש כמעט אויסנווייניק, האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן און טײַטלענדיק מיט אַן איינציקן פינגער אין דער לופטן האָט ער אָנגעוויזן די חדר־יִינגלעך ווו זיי האַלטן.

מיט דעם טײַטלענדיקן פינגער אין דער לופטן האָט ער זיך אויך אויסגעקענט אין אַלע ווינקעלעך פון דער מדבר סיני און פון לאַנד כנען. ער האָט באַגלייט די בני ישׂראל מיט אַ קרעכץ, און אַז די יִידן האָבן זיך צוריקגעקערט צווישן מגדול און דעם ים און געגרוט נעבן די זיסע וואַסערן פון פּי־החירות, האָט ער געהאַט גרויס הנאָה ווי ער אַליין וואָלט אויסגע־טרונקען אַ שעפּ קוואַלוואַסער.

אויסער דער קאַץ, וואָס בײַ טאָג גייט זי אַרום אַ שלעפעריקע, אָדער זי דרימלט אויפן פּיעקאַליק פון דעם וואָס גאַנצע נעכט יאָגט זי זיך נאָך מײַז, האָדעוועט כילקע מלמד לייגעדיקע הינער. מיט זייערע אייער ברענגען אים די הינער אַ טייל פון דעם אויסקומעניש פאַר אים און פאַר פרומעטן. פאַר אים מער ווי פאַר איר. די פרישׂ געלייגטע אייער זענען אַ רפואה צו זײַנע צעפּלאַמטע אויגן. טאָמער דערלאַנגט אים פרומעט אַ פריש־געלייגט איי פרייט ער זיך דערמיט ווי די יִידן אין דער מדבר האָבן זיך געפרייט מיטן מן. מיט דעם וואַרעמען איי ווישט ער אויס זײַנע קראַנק־צעפּלאַמטע אויגן מיט אַ קרעכץ פון הנאָה. זײַן הנאָה איז אַזוי גרויס אַז ער וויל אַז אויך עמעצער פון די חדר־יִינגלעך זאָל דערפילן דעם טעם גן־עדן. קלײַבט ער אויס דאָס יִינגל וואָס דאָס מאָל לייגט ער צו דעם קאָפּ צום לערנען און ער איז אים מהנה מיט דעם זעלבן איי, אַז אויך זײַנע כשרע אייגעלעך זאָלן פילן וואָס ער אַליין פילט — טעם גן־עדן. דערנאָך ווישט ער אויס מיטן איי די אייגעלעך פון נאָך אַ יִינגל אַזוי לאַנג ווי דאָס איי איז וואַרעם. וואָרום די רפואה צו די אויגן שטעקט אין דער וואַרעמקייט פונעם איי. אַז דאָס איי ווערט קילבלעך גיט ער עס צוריק צו פרומעטן. זי פאַרקנעט דער־

מיט קאָרענע מעל און מאַכט געצופּטע פערפל. אַלע מאָל און יעדן טאָג געצופּטע פערפל.

כילקע קען זיך נישט אָפּוווּנדערן פון דעם ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. ער טענהט צו פרומעטן:

„אָט נעם אַ שטייגער אַן איי. דאַכט זיך — נישט מער ווי אַן איי. טאָ זע ווי אַזוי דער פאָטער אין הימל האָט פאַרטראַכט, אַז פון אַן איי זאָל זיך אויסבריִען אַ הינדעלע. אַז דו ווילסט קענסטו דאָס הינדעלע האָדעווען עס זאָל אַליין לייגן אייער; אַז דו ווילסט האָסטו פון דעם הינדעלע פלייש אויף שבת צי אויף יום־טוב. ערשט דאָס איי אַליין! אי ס'איז אַ רפואה צו די אויגן, אי דו קענסט מאַכן אַ יאַיטשניצע און אי דו קענסט פאַרקנעטן דערמיט טייג. פון דעם טייג קענסטו מאַכן וואָס דײַן האַרץ גלוסט, קלוס־קעס, פערפל, אַ טייגל, אַ קוגעלע, אַ פלעצל און וואָס נישט? דאָס אַלץ אין איין איינציק איי — אַ גאַנצע וועלט אין אַן איי! קען דען אַ מענטש תּופס זײַן דאָס וווּנדער וואָס דער איינציקער גאָט אין הימל האָט באַשאַפן?"

ווי יעדן טאָג פלעגט כילקע לייגן תּפילין און לויבן גאָט אין הימל אין זײַנע תּפילות, אַזוי האָט ער יעדן טאָג באַוווּנדערט די גרויסקייט פון דעם וואָס גאָט האָט באַשאַפן און וואָס עס איז כּולל אין איינציק איי. אויך פרומעט האָט געזען די וווּנדער. די ווערטער פון איר פאָטער האָבן געוועקט אין איר בענקשאַפט. אָבער ווען פאַר אים איז אַלץ געווען קלאָר און זײַן פרייד פון פאַרשטיין האָט ער איבערגעטראָגן מיט דעם וואַרעמען פרישן איי פון זײַנע קאַליקע צעפּלאָמטע אויגן צו די אייגעלעך פון זײַנע תּלמידים, איז פאַר איר אַלץ געווען פאַרבאָרגן. זי האָט זיך נישט אויסגעפונען אין דעם סוד פאַר וואָס צו דער הון איז געגעבן געוואָרן זי זאָל לייגן אייער און פון די אייער זאָל זי אויסבריִען הינדעלעך, אַ סך הינדעלעך, און אויב נישט הינדעלעך זאָלן מענטשן נהנה זײַן צי פון דעם איי ווי אַ רפואה, אַזוי ווי פאַרן טאַטנס אויגן, און צי ווי אַן עסן ווי זי פאַרקנעט טייג מיט אַן איי יעדן טאָג. און אָט איז זי, פרומעט, אַ מענטש, און זי האָט נישט זוכה געווען אַפילו צום גורל פון אַ הון. קיינער דאַרף זי נישט. קיינער פרייט זיך נישט מיט איר. זי איז אַליין ווי אַ שטיין אין פעלד. אירע יאָרן ווערן צעקלאַפּט ווי אייער און גאָרנישט קומט אַרויס דערפון. בלויז זי אַליין האָט ס'כּסדרדיקע האַרצקלעמעניש. זי זיצט בײַם פענצטער סײַ ווען זי קעמט אירע האָר און איז פאַרקוקט אין ערגעץ־נישט, און סײַ ווען זי צופּט

פון דעם גלאַטיקן טייג ווי פון לעבעדיק לייַב קאָרענע פערפל אויף אָפּצו־קאָכן דאָס טעגלעכע אויסקומעניש, און איז פאַרקוקט אין ערגעץ־נישט.

קיין ענטפער קומט נישט צו איר. אָפּט, ווען זי זעט ווי איר פאָטער איז נהנה פון אַ פריש געלייגט איי און ער ווישט זייַנע קראַנקע אויגן מיט נחתדיקן קרעכץ און ער האָט הנאה אַפילו ווען ער טראַגט איבער דאָס איי צו די אייגעלעך פון אַ תּלמיד, וואָלט זי געכאַפּט די הינער און זיי דער־שטיקט איינע נאָך דער אַנדערער. זאָל נעמען אַ סוף צו זיי!

איין מאָל אין אַ נאַכט — און אפשר איז עס געשען דווקא אין העלן טאָג — האָט עמעצער צוגעגנבעט איינע פון די פיר הינער פון כילקע מלמד. ווען דער גנב זאָל האָבן בייַ אים אַרויסגעגנבעט די פּערענע וואָלט ער נישט געווען אַזוי פאַרקומערט ווי ער איז געווען דערוועגן דער הון. וואָרום געווען איז זי אַ הון אַ לייגערקע איינע אין דער וועלט. זי האָט זיך געלייגט יעדן טאָג און צו דער שעה. דערצו האָט זי געבענקט נאָך הינדעלעך. זי האָט אירע אייער געלייגט אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל אין הויף, כּדי דאָרט אָנצוזאַמלען גענוג אייער אויף אויסצוברי׳ען זיי. האָט פרומעט געפונען דאָס אָרט און בייַ דער הון יעדן טאָג צוגענומען איר איי. יעדעס איי איז געווען גאָלדיק און גרויס, און פרומעט האָט זיך געפילט צערייצט. ווען דער טאַטע וואָלט נישט געדאַרפט דאָס איי צו זייַנע אויגן און ווען זי וואָלט נישט געדאַרפט דאָס איי אויף צוגרייטן עסן, וואָלט זי דאָס געפונענע איי אַ שלייַדער געטאָן אָן דעם הילצערנעם פלויט עס זאָל צעשפריצט ווערן, אַז גאָרנישט זאָל פון דעם ווערן, אַז קיינער זאָל עס נישט דאַרפן.

די גניבה האָט פרומעטן צעטומלט. זי האָט געוווּנטשן דעם גנב ער זאָל אַרייַן אין גיהנום און פון דאָרט נישט אַרויס. אָבער ערגעץ ווו האָט זי געפילט ווי זי וואָלט אין עמעצן נקמה גענומען.

כילקע האָט נישט געקענט פאַרגעסן די אַבידה. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. ער האָט דערוועגן געהאַט צו זיך טענות: ער זינדיקט, זייַן קאָפּ איז נישט בייַם לערנען תּורה מיט די קינדער. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן. פאַר זייַנע אויגן זענען געשטאַנען די גאָלדיקע אייער פון דער צוגעגנבעטער לייגערקע. ער וואָלט איצט געשוואָרן אַז אַפילו די וואַרעמקייט פון אירע אייער איז געווען אַ שטאַרקערע און לענגערע. אַז ער האָט געהאַלטן אירס אַן איי אין דער האַנט האָט ער געפילט דעם יש

פון דער וועלט. זײַנע אויגן האָבן געבענקט צו דער וואַרעמקייט, וואָס די גניבה פון דער הון האָט פאַרמיטן פון אים.

אויך די אַנדערע דרײַ הינער האָבן זיך געלייגט, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף זיי האָט מען נישט געקענט. זיי האָבן זיך נישט געלייגט יעדן טאָג אַפילו ווען כילקע האָט בודק געווען דאָ די הון און דאָ אַ צווייטע הון און אָנגעזאָגט וועלכע עס קלײַבט זיך לייגן אַן איי. אַ מאָל פלעגט די אָדער אַן אַנדערע פאַרלירן אַן איי, פאַרטראָגן עס ערגעץ ווו דער טײַוול האָט קיין עק נישט, און פרומעט האָט עס נישט געקענט געפינען, אָדער אַ הון פלעגט זיך אַרומטראָגן צוויי טעג מיט אַן איי און דערנאָך האָט זי עס פאַרלוירן אויף אַ שטיין און עס צעקלאַפּט.

אַזוי לאַנג ווי כילקע האָט געהאַט די לייגערקע, איז געווען צו דערלײַדן מיט די אַנדערע דרײַ, נאָר אַז מ'האָט יענע צוגעגנבעט האָבן זיך געמאַכט טעג, אַז זײַנע צעפּלאַמטע אויגן האָבן נישט געהאַט קיין פריש איי, און פרומעט האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַרקנעטן איר טייג. האָט כילקע געזאָגט, אַז איצט איז די צײַט צו טאָן מיט די הינער ווי נח האָט געטאָן מיט די חיות און עופות פאַרן מבול. אויב די וועלט איז אַזאַ, אַז מען טאָר איר נישט אָנגעטרויען קיין הון און קיין פּאָר אייער, דאַרף מען די הינער אַרײַננעמען און זיי האַלטן אין דער קאָמער. ער האָט אָפּגעמאַכט מיט פרומעטן, אַז שלאָפן וועלן די הינער אויפן פּיעקאָליק און די אייער וועלן זיי לייגן אין דער קיטשע.

כילקע האָט וויל געוווּסט, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן שדים און נישט־גוטע. ער האָט אַליין געהאַט מיט זיי צו טאָן. איין מאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט, איז ער אַוועק צום ברונעם ברענגען אַ צעבער וואַסער. ווי אַלע מאָל האָט ער אויך אין דעם פאַל דעם שטריק אַרומגעבונדן אַרום דעם הענטל פון דעם צעבער מיט צוויי קנופּן. אַז ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם צעבער מיט דעם שטריק אין ברונעם האָט ער אַפילו קיין פּליוסק אין וואַסער נישט געהערט. און אַז ער האָט דעם שטריק אַרויפגעצויגן איז ער געווען ליידיק. די קנופּן זענען געווען אויפגעבונדן. טראַכט ער: מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. אפשר מתּוך הסח־הדעת האָט ער פאַרגעסן דעם שטריק צוצובינדן מיט צוויי קנופּן און דער צעבער האָט זיך אַרויסגעגליטשט. איז ער אַוועק צו אַ שכן לײַען אַ קילקע אַרויסצוציִען די פאַרטרונקענע עמערס. דער שכן האָט אים אַפילו געזאָגט:

„ר׳ כילקע, ביַי נאַכט וועט איר דעם עמער נישט אַרויסציִען פונעם ברונעם״.

האָט כילקע געטענהט:

„עס קען זיַין אַז נישט. נאָר איך וויל מאָנטשען אין ברונעם צו זען, צי דער צעבער איז דאָרט דאָ, אָדער ווייס איך וואָס״.

האָט דער שכן געפרעגט:

„אויב איר האָט דעם עמער אַראָפּגעלאָזט און צוריק אים נישט אַרויס־געהויבן, איז ער אַוועק קיין בויבעריק? זאָל ער זיך דאָרט איבערשלאָפן די נאַכט און אין דער פרי וועט איר אים מערטשעם אַרויסציִען״.

האָט כילקע וויַיטער געטענהט:

„היַינטיקע ציַיטן קען מען גאָרנישט וויסן״.

האָט דער שכן נישט באַגריפן וואָס כילקע מיינט דערמיט און ער האָט אים געליִען די קילקע. און ווי כילקע איז געגאַנגען מאָנטשען אין ברונעם צו דערפילן, צי דער עמער ליגט דאָרט, האָט ער נישט באַוויזן די קילקע אין גאַנצן אַראָפּצולאָזן און זי איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט און נעלם געוואָרן.

ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע ווי דער דרויסן וואָלט פאַרדעקט געוואָרן מיט זעק. דאָך האָט אין דער טיפעניש פונעם ברונעם געגלימערט צו אים אַ שטערן־אויג און געלאָזט אַרום זיך פאָספאָר־רינגען. אויך פונעם אַראָפּפאַל פון דער קילקע האָט ער נישט געהערט קיין פּליוך אין וואַסער, און דאָרט רינגט זיך אונטן ווי דאָס וואַסער וואָלט זיך באַוויגן פון אַן אַריַינגעוואָרפענעם חפץ. פון דעם פינצטערן הימל און דעם גלימערדיקן שטערן אין דעם ברונעם האָט זיך כילקען פאַרדרייט דער קאָפּ. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער שטייט קאָפּויער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און אַז דאָס וואַסער מיטן שטערן אין ברונעם איז דער הימל. מיט ביידע הענט האָט ער זיך אָנגע־כאַפּט אָן דער אייבערשטער בעלקע פונעם ברונעם און ער האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, ווי אַ שיכור וואָס האָט מורא צו פאַלן. ער האָט אין זכרון געזוכט אַ תּפילה, אַ ברכה צו זאָגן אין אַזאַ ציַיט און גאָרנישט איז אים געקומען אויף דער מחשבה. זאָל ער זאָגן תּפילת־הדרך איז צו שפּעט; זאָל ער מאַכן די ברכה פון גומל־בענטשן איז צו פרי. צום סוף האָט ער געמאַכט די ברכה עושה מעשי בראשית און ער האָט זיך אָפּגעפונען.

כילקע איז געווען זיכער, אַז די האַנט פון שדים, צי נישט־גוטע איז

אין דעם אַלץ וואָס איז געשען. נאָר פּאַר וואָס האָבן זיי באַקומען איבער אים די שליטה אין אַט דער שעה? ס'האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, אַז ער האָט פאַרגעסן אָנטאָן דעם טלית־קטן. האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די הויזן און זיינע פינגער האָבן אָנגעכאַפּט די ציצית. ניין, ער האָט נישט פאַרגעסן דעם טלית־קטן. ווי האָט עס אים געקענט איינפאַלן אַזאַ זאַך, ער זאָל פאַרגעסן? פון דעסטוועגן, אַז ער האָט זיך דערשלעפּט צוריק אַהיים האָט ער ביים נאָפּט־קאָפּטשערל בודק געווען די ציצית און פּותר געווען זיין חשד: אין איין ציצי האָט ער געפונען זיבן פעדעם און אין אַ צווייטער האָבן געפעלט אַזש דריי פעדעם. האָט ער געזאָגט צו פרומעטן:

„וויסט, טאָכטערשי, כ'ל מוזן ווערן האַרב און שמייסן. די קינדער מאַכן מיר פּסול די ציצית און די שדים האָבן באַקומען איבער מיר די שליטה".

כילקע האָט זייער שטאַרק אָפּגעהיט יענע לייט זאָלן זיין וואָס וויטער פון זיין הויז. אָפּט האָט ער איבערגעקוקט די מזוזה אויפן ביישטידל. ביי זיין בעט איז אַלע מאָל געשטאַנען אַ שעפּ מיט וואַסער און אַ מידניצע אָפּצוגיסן די נעגל. ער איז געשלאָפן אין קאַפּל און מיטן טלית־קטן. ער היט אָפּ „קריאת שמע" ביים לייגן זיך ווי ער היט אָפּ צו לייגן תפילין אין דער פרי. דאָך האָט ער נישט געקענט משיג זיין וואָס עס איז צו שטאַנד געקומען באַלד נאָך דעם ווי ער האָט אַריינגענומען די הינער אין הויז אַריין.

דאָס אויסטערלישע האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם ווי ער האָט געטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן די הינער זאָלן זיך לייגן אין דער קיטשע: צום ערשטן האָט ער דאָס מקום אויסגעבעט מיט שטרוי, די הינער זאָלן האָבן ווייך צו לייגן די אייער, דערנאָך האָט ער אַהין אַריינגעשיט די ברעזעלעך און ברעקעלעך פון דעם עסן, וואָס די תלמידים האָבן מיטגע־בראַכט פון דער היים צו עסן אין חדר. די הינער האָבן עס אויפגעגעסן מיט אַזאַ שלינגעניש ווי זיי וואָלטן געפאַסט תעניתים. נאָר זייערע אייער האָבן זיי נישט געוואָלט לייגן. זיי האָבן באַקומען עצירות און געקוואָקעט, ווי עמעצער וואָלט זיי געיאָגט און זיי האָבן נישט וווהין צו אַנטלויפן. ס'איז געווען אַ סכנה, אַז די הינער זאָלן חלילה דערשטיקט ווערן פון הינטן פון נישט קענען לייגן זייערע אייער.

איז פרומעט אַוועק נאָכפרעגן ביי לייטן, און לייטן האָבן געזאָגט זי זאָל די הינער געבן אַ סך וואַסער צו טרינקען. דאָס וואַסער האָט אַ ביסל גע־

האַלפּן, אָבער פון די דרײַ ערשט־געלייגטע אייער אין דער קיטשע זענען צוויי געווען מיט בלוטסטראָפּנס.

כילקעס צעפּלאָמטע אויגן זענען שוין געווען שטאַרק אויסגעבענקט נאָך דער ליבלעכער און געזונדיקער וואַרעמקייט פון אַ פריש־געלייגט איי. האָט ער געמאַכט אַ גרויסע „סעודה״: ער האָט געהאַלטן אַלע דרײַ אייער אין די הענט. מיט איינע האָט ער אויסגעווישט די אויגן און באַלד עס געגעבן ווײַטער, אַז אַלע תּלמידים אַרום טיש זאָלן מיט דעם איי אויסווישן זייערע אייגעלעך. נאָך דעם האָט ער דאָס זעלבע געטאָן מיטן צווייטן איי און דאָס זעלבע מיטן דריטן איי. אין חדר איז געווען אַ גרויסע שׂמחה אַז מ׳האָט אויף אַ רגע פאַרגעסן דאָס לערנען. נאָר אַז פרומעט האָט אויפגעקלאַפּט די אייער האָט זי דערזען דאָס אומגליק — די צוויי בלוטסטראָפּנס.

ווידער זענען אַוועק צוויי טעג. אין די גדערעם פון די הינער האָבן געצײַטיקט אייער, נאָר צו דער עצירות נעמט נישט קיין סוף. האָט זיך כילקע מער נישט פאַרלאָזט אויף דער טאָכטער און איז אַליין אַוועק צו לײַט. האָבן אים לײַט געעצהט, אַז אויב נאָר די הינער טראָגן אייער, זענען זיי נישט קיין אומזיסטע ברויטפּרעסערס און ס׳איז דאָ אַ רפואה: ער, כילקע, זאָל אין דער קיטשע אַרײַנלייגן אַ פּיר, צי פינף גלינקעס קאַלך. אויפן שטרוי אין דער קיטשע זענען אויס קאַלך־גלינקעס ווי זיי וואָלטן געווען ווײַסע אייער. אַז די הינער וועלן זען אַזוי פיל אייער, וועט זיך זיי גלוסטן צו זעצן זיך אויסבריִען און אַוועק־טאָווע וועלן זיי צולייגן אויך זייערע אייער.

די קאַלך־גלינקעס האָבן באַוויזן מופתים — די עצירות פון די הינער איז אַוועקגענומען געוואָרן ווי מיט דער האַנט. די הינער האָבן געעפּנט זייערע פּופּקעס און דרײַ טעג געלייגט אייער ווי די אַמאָליקע הון פלעגט לייגן אירע גאָלדיקע אייער. אויפן פערטן טאָג, כילקע מלמד בייגט זיך אַראָפּ צו דער קיטשע אַרויסצונעמען די געלייגטע אייער, און עס ווערט אים פינצטער פאַר די צעפּלאָמטע אויגן. אין איי איז אויפגעקלאַפּט און ליידיק ווי אויסגעווישט מיט אַ פינגער, אין אַ צווייט איי איז פון אונטן געבליבן דאָס צערודערטע געלכל. דאָס ווײַסל איז געווען אויסגעטרונקען.

כילקע האָט פאַרשוויגן ביז די חדר־ייִנגלעך זענען זיך צעלאָפן אַהיים און דעמאָלט געזאָגט צו דער טאָכטער:

„פרומעטל, ס׳איז נישט פּשוט. יענע לײַט פאַרלויפן מיר דעם וועג און טרינקען אויס די אייער. מען דאַרף זען עפּעס טאָן״.

ער האָט גאָרנישט געקענט טאָן. ס׳איז אים געבליבן נישט עפּעס אַנדערש ווי יעדן טאָג זיך אַראָפּצוזעצן צו דער קיטשע און אויסקוקן די רגע ווען די הון לאָזט אַרויס דאָס איי. וועט ער כאַפּן — וועט ער זײַן דער ערשטער. טאָמער וועט ער פֿאַרשפּעטיקן וועלן י ע נ ע זײַן די ערשטע. די תּלמידים האָבן נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס זייער רבי לייגט זיך אַוועק יעדן טאָג נעבן דער קיטשע און קוקט אַרײַן אַהין, ווי פֿון דאָרט וואָלט געדאַרפֿט קומען משיח.

אין איינעם אַ טאָג ווען כילקע האָט אויסגעקוקט אויף אַ פֿריש וואַרעם איי, האָט ער פֿון דער קיטשע אַרויסגענומען אַ טויטע הון. ער האָט אויס־געשריגן ווי עס וואָלט אים חלילה אַוועקגעפֿאַלן אַ נאָענטער. אויסער וואָס ער האָט פֿאַרלוירן אַ הון, האָט ער פֿאַרלוירן אויך אַ שטיק רפֿואה פֿאַר זײַנע אויגן און אַ פֿרייד פֿאַר די קינדער, ווען ער ווישט אויס זייערע אייגעלעך מיט אַן איי. פֿרומעט האָט פֿאַרבראָכן די פֿינגער. זי האָט זיך נישט פֿאַר־גונען אַוועקצומאַכן אַ הון אויף אַ שבת, צי אויף אַ יום־טובֿ, וואָרום זי האָט געדאַרפֿט דער הונס אייער צום וואָכעדיקן אויסקומעניש. איצט איז זי גע־בליבן בלויז מיט צוויי. זי ווייסט נישט וואָס עס וועט זײַן ווײַטער. וואָרום דער טאַטע איז זיכער, אַז די זאַך איז נישט קיין פּשוטע. אין יענעם טאָג האָט כילקע מער נישט געהאַט קיין קאָפּ צו לערנען מיט די קינדער. ער האָט געוואָלט פֿאַרשטיין. טאָמער וואָלט די מעשׂה מיט דער הון געשען אין אַ שטעטלכל וואָלט ער געטראַכט: אַ טכויר האָט זי דערשטיקט. אָבער בײַ אים אין שטובֿ, אונטער דער נאָז?!

אָפּגעאָבלט צוויי טעג האָט כילקע אָנגעהויבן אָפּהיטן די לעצטע הינער אַזוי ווי אַ חזן היט אָפּ זײַן כּלי ערבֿ די ימים נוראים. אַ מאָל ער און אַ מאָל פֿרומעט האָבן געהיטן די הינער אויף טריט און שריט ווען ער האָט זיי אַרויסגעלאָזט אין דרויסן אויף איבערצולופֿטערן זיך און אויף צו כאַפּן אין זאַמד אַ פּאָר זשאַרנעס. אַז ס׳איז געקומען די שעה פֿון לייגן, אָדער ווען אַ הון האָט זיך צעקוואָקעט, האָבן ביידע, כילקע און פֿרומעט, אַרײַנגעטריבן די לייגערקע אין הויז צו דער קיטשע. איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וואַרטעניש און דאָס היטעניש. כילקע האָט זיך אַראָפּגעזעצט צו דער קיטשע אָפּצוּוואַרטן ווען דאָס איי וועט נולד ווערן. פֿון דער קיטשע צום טיש איז געווען נישט מער ווי צוויי, אָדער אפֿשר גאָר דרײַ שפּרײַזן. האָט כילקע

מיט זײַנע רויט־צעפּלאַמטע אויגן געקוקט דאָ צו דער הון און דאָ צו די תּלמידים און אין איין וועגס זיי געוועקט צו לערנען:

„נו, דזשעקטשערעס, נאָך אַ מאָל: וידבר האָט גערעדט ד׳ גאָט אֶל צו משה לאמור אַזוי צו זאָגן. דבר אל בני ישראל, טו רעדן צו די קינדער פון ישׂראל... יאַנקעלע, קיוועלע! וואָס טוט איר דאָרט? ווער האָט גערעדט? וואָס גערעדט?"

צו כילקעס אויער איז דערגאַנגען אַ מאָדנער גערויש פון דער קיטשע, אַזוי ווי מײַז וואָלטן דאָרט אַרומגעברויעט. האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, אַרײַנגעקוקט און אויסגעשריגן ווי גזלנים וואָלטן אים באַפאַלן:

„געוואַלד! די הולטײַקע, זי פרעסט מיר אויף ס׳איי!"

די הון וואָס האָט געלייגט דאָס איי צווישן די ווײַסע גלינקעס, איז זיך געשטאַנען בנעימותדיק, מיטן שנאָבל אויפגעקלאַפּט דאָס איי און בעת די קינדער האָבן נאָכגעזונגען ,טו רעדן צו די קינדער פון ישׂראל׳, איז זי נהנה געווען פון איר אייגענעם גוב. אַ האַלב אויסגעטרונקען איי האָט דער מלמד אָפּגעראַטעוועט. ער האָט זיך דערמיט געדרייט אין דער ענגער קאַמער ווי אין אַ שטײַג. דאָס איי איז נישט צו די אויגן, און ווו דאָס איבעריקע פונעם איי אַהינצוטאָן האָט ער נישט. ער האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן די קינדער בײַם טיש, נאָר געקוקט אויף זײַנע אייגענע הענט וואָס האָבן געהאַלטן דאָס אויפגעפּיקטע איי און האָט גערעדט מיט אַ קורצן אָטעם, ווי ער וואָלט געקומען צו לויפן פון אַ ווײַטן וועג:

„נישט געהערט געוואָרן! אַזאַ באַנומענע! מילא אַ מענטש, שדים, נישט־גוטע. אַ הון? ס׳אי שלא כדרכו! פרומעט־לעבן, מ׳דאַרף זען עפּעס טאָן!"

ס׳אייציקע וואָס פרומעט האָט געקענט טאָן האָט זי געטאָן. זי האָט פון טאַטנס הענט אַרויסגענומען דאָס אויפגעקלאַפּטע איי און מיט איין אויג אַרײַנגעקוקט אין דער אויפגעפּיקטער עפענונג צום פאַרבליבענעם געלכל, ווי דאָרט וואָלט זיך געטאָן עפּעס אויסטערלישס. אַרײַנקוקנדיק אינעם איי האָט זי געזאָגט צו קיינעם נישט:

„מ׳דאַרף גיין צום מורה־הוראה פרעגן אַ שאלה".

פון דעם געהערטן האָט כילקע זיך אויפגעכאַפּט און אויסגעשריגן אַ דערצאָרנטער:

„נאַר, סנאָפּ, דער מורה־הוראה וועט דיר לייגן אַן אַנדער איי?"

ער האָט דערזען ווי די תּלמידים אַרום טיש זענען מיט צעטומלטע אייגעלעך פאַרקוקט אויף אים און אויף דער טאָכטער, ווי ביידע שטייען אין דער מיט קאַמער צעטראָגענע איבער דעם צעקלאַפּטן איי. אין דער רגע האָט ער זיך אָפּגעפונען און געזאָגט מיט אַ רויִק קול:

„וואָס טוט זיך דאָ אויף דער וועלט? בטול תּורה?! קינדערלעך, זאָגט נאָך אַ מאָל: וידבר האָט גערעדט ד׳ אֶל צו משה לאמור אַזוי צו זאָגן. וישובו, זיי זאָלן זיך אומקערן, ויחנו און זיי זאָלן טאָן רוען, לפני פאַר פּי־החירות פאַר פּי־החירות".

די קינדער האָבן נאָכגעזאָגט, אָבער געפילט האָבן זיי, אַז דעם רבינס קאָפּ איז איצט נישט אין דער מדבר סיני און נישט בײַ דעם וואָלקנזייל בײַ טאָג און נישט בײַ דעם פײַערזייל בײַ נאַכט.

ווי די חדר־ייִנגלעך האָבן געפילט אַזוי איז געווען: ער האָט זיי אַהיים־געלאָזט פריִער און אַליין האָט ער פאַר זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט געוואָרן. ס׳איז טאַקע נישט געהערט גע־וואָרן! אַמאָליקע צײַטן איז די וועלט געווען אַ וועלט. אַ מענטש איז געווען אַ מענטש און אַ הון איז געווען אַ הון. און ווי אַ הון האָט זיך געלייגט, אַזוי האָט זי איבערגעלאָזן דאָס איי פאַר איר באַלעבאָס, ער זאָל האָבן אַ ליובונג פאַרן האַרץ און אַ געזונט פאַר די אויגן. הײַנטיקע צײַטן זענען די מענטשן קיין מענטשן נישט און די הינער זענען קיין הינער נישט. אַ הון זאָל אַליין אויסטרינקען אַן איי וואָס זי האָט געלייגט?! וואָס איז? די וועלט איז געוואָרן הפקר?!

די מעשׂה האָט כילקען נישט געלאָזט רוען. ער האָט בודק געווען די קיטשע ווי ער וואָלט זי בודק געווען בײַם מבער חמץ זײַן ערב פּסח. דאָס מײַז־לאָך האָט ער פאַרשטאָפּט מיט גלאָז און פאַרקלעפּט מיט ליים, כּדי אויך אַזויערנאָך צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די שדים. ער האָט געביטן דאָס שטרוי. ער האָט אָפּגעוואַשן די ווײַסע קאַלך־גלינקעס און מיטן ווײַסן זיך אויסגעשמירט די באָרד, דעם שפּענצער, די פלודערן — ער האָט פון דעם קאַלך נישט געקענט אַרויסקריכן. ער האָט אַרײַנגעטראַכט אין דער זאַך און געהייסן זײַן פרומעטן זי זאָל אויפנייען צוויי קאַפּטערלעך אויף די שנאָבלען פון די הינער, אַז טאָמער וועלן זיי גיין זיך לייגן, זאָלן זיי נישט קענען אויסטרינקען זייערע אייגענע אייער. כילקע מלמד איז געווען זיכער,

אַז ער איז דערמיט בײַגעקומען די שדים. זיי װעלן מער קיין שליטה נישט האָבן, נישט אויף אים און נישט אויף די הינער און נישט אויף זײַן הויז.

מיט די קאַפּטערס אויף די שנאָבלען האָבן די הינער געהאַט עצירות צוויי פּעליקע טעג און זיי האָבן אָנגעקוואָקעט אַ חדר פּאַר אַ גאַנץ יאָר, אָבער זײַט דעם דריטן טאָג האָבן די צוויי הינער זיך אָנגעהויבן לייגן ווי קיין מאָל נישט פריִער. כילקע האָט געשוואָרן, אַז זייערע אייער זענען אַפילו געוואָרן גרעסערע, טונקעלערע, גאָלדיקע, כּמעט אַזעלכע ווי עס האָט געלייגט די ערשטע.

דער נצחון פון כילקען איז נישט געווען קיין גאַנצער. וואָרום באַלד נאָך דער גרויסער פרייד האָט ער געפונען אין דער קיטשע אַן איי אַ בירכעל, אָן אַ שאָל, נאָר בלויז דאָס הײַטל. ער האָט דעם בירכעל געהאַלטן אין דער האַנט ווי ער וואָלט געווען אַ שלימאַק, אַ לײַבעלע, ווייך און פײַכט, נאָר וואַרעם. צולייגן צו די צעפּלאַמטע אויגן קען מען אים נישט, נאָר צו פאַרקנעטן אים אין קאָרנמעל אויף מאַכן געצופּטע פערפל איז ער, דער בירכעל, ווי אַלע אייער.

פרומעט האָט גענומען דעם בירכעל אין אירע הענט. די וואַרעמקייט און די גלאַטיקייט פון דעם הײַטל האָט אויפגעוועקט אין איר אַן אויסטער־לישע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט ביז האַרצוויי. זי האָט מיט די פינגער געגלעט דעם בירכעל און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

„אַפילו מען זאָל שנײַדן פון מיר לעבעדיקע שטיקער וועל איך זיך נישט לאָזן אײַנרעדן, אַז אין דער קיטשע זענען נישטאָ קיין שדים״.

כילקע מלמד האָט זיך צו גאָרנישט מער געקענט דערטראַכטן. די מזוזה איז כּשר, די ציצית אין טלית־קטן זענען כּשרע, די ציצית אין זײַן גרויסן טלית זענען כּשרע, אַלץ אין זײַן הויז איז כּשר. האָט ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז נישט ער האָט באַשאַפן די וועלט און נישט ער דאַרף זיך מישן דערין ווי די וועלט פירט זיך. ס׳איז די וועלט פון רבונו־של־עולם, טאָ זאָל ער זי פירן אין זײַנע דרכים.

האָט כילקע פרײַ געלאָזט די צוויי הינער און אין דער קיטשע צוריק־געקערט דאָס האָלץ צו פאַרלייגן אַ פײַער אונטערן דרייפוס. אײַ, מען וועט בײַ אים ווידער צוגנבענען אַ הון? אַז ער־אין־הימל היט די מענטשן, וועט ער אויך היטן זײַנע הינער. אויסער דעם, צי איז טאַקע עק וועלט? צי וועט אַ גנב האָבן אַ יאַהנדעס צוצוגנבענען אויך אַ צווייטע הון בײַ אַ מלמד, וואָס לערנט מיט ייִדישע קינדער תּורה?

דאָס מאָל איז כילקע געווען גערעכט. קיינער האָט דעם זומער נישט געגנבעט בייַ אים אַ הון, און די צוויי הינער האָבן זיך קיין עין־הרע גע־לייגט ווי ער וואָלט בייַ זיי באַשטעלט. מיט הנאָה האָט ער יעדן טאָג געווישט זייַנע קאַליקע אויגן מיט צוויי וואַרעמע אייער און אַז ער האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט זייער וואַרעמקייט, האָבן די קינדערלעך מתּוך קנאה גערופן:

„רבי, מיר אויך, מיר אויך!״

כילקען איז געוואָרן וואַרעם אַרום האַרץ: ייִדישע כּשרע קינדערלעך, און ער האָט זיי דערלאַנגט די אייער, אַז אויך זיי זאָלן אויסווישן זייערע כּשרע אייגעלעך.

באַשקע־מאַשקע

געהייסן האָט זי חנה, גערופן האָט מען זי כאַנטשע, נאָר נאָך דער ערשטער קימפּעט, ווען זי האָט געהאַט צרות מיט אירע בריסטן און פֿראַדל די הייבאַם האָט זי געראַטעוועט פֿון די הענט פֿון שדים, האָט פֿראַדל געזאָגט:

„נישטאָ עפּעס בעסער ווי פֿאַרדרייען דעם נאָמען, ער זאָל זײַן אויס־טערליש, ווי אַ שטייגער ני־בע ני־מע, אָדער באָרשטש מיט קליסקעלעך. אַז מענטשן מיט שלעכטע שליפּיעס הערן אַזאַ נאָמען דרייען זיי מיט די נעז ווי זיי וואָלטן דערפֿילט אַ געסראָכע און זיי אַנטלויפֿן. זיי קענען מער נישט געבן קיין גוט־אויג".

פֿראַדל די הייבאַם האָט זיך אויסגעקענט אויף אַלע סגולות און אויף אַלע שמד־שטיק פֿון שדים און נישטגוטע. אַפֿילו יאָקל דער סופֿר סת"ם האָט געזאָגט וועגן איר, אַז ווען זי וואָלט געקענט כּתיבֿען אותיות וואָלט זי געקענט מאַכן אַ קמע, אַז משיח זאָל קומען אין דעם זעלבן יאָר. איז ווי נאָר כאַנטשע איז גענעזן געוואָרן, האָט פֿראַדל געזאָגט אַזוי:

„כאַנטשע הייסט זי, אַ מאַטקע איז זי מיטן אייבערשטנס הילף געוואָרן, קען גאָרנישט זײַן בעסערס ווי רופֿן זי כאַטשקע מאַטשקע".

אַז געלע, כאַנטשעס מאַמע, האָט געהערט דעם נאָמען, האָט זי זיך פֿאַרקרימט ווי זי וואָלט געגאַנגען אָפּברעכן, אָדער אַראָפּשלינגען אַ מיגלדיקע זאַך. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

„פּראַדלשי, איר׳ט זיצן אין גן־עדן. כאַטשקע מאַטשקע פּאַסט פּאַר אַ מאַזעפּע, אַ פּאַרזעעניש רחמנא לצלן״.

„זעט איר שוין — האָט פּראַדל צוגעפּאַטשט מיט די הענט — די וועלט איז נישט משוגע״.

מען קען נישט זאָגן, אַז מיטן משנה שם זײַן איז כאַנטשע אין גאַנצן אַרויס פון סכּנה. די סכּנה איז געווען אין איר שיינקייט. אויך איידער זי האָט חתונה געהאַט איז זי געווען שיין ווי די זון אין הימל. אַזוי ווי די וועלט זאָגט ,מאַרצעפּאַנעס׳ און זי ווייסט נישט זייער טעם, אַזוי האָבן לײַט געזאָגט אויף כאַנטשעס פּנימל ,ריינער אַלעבאַסטער׳ און נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזעלכס. ווער עס האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, האָט זיך אים געדאַכט אַז איבעוויינִיק, אין איר פּנימל, ברענען גאָלדענע ליכטעלעך. אירע בלאָע אויגן — זומערדיק־פּריילעכע ווי קאָרן־בלימעלעך, און אירע האָר — ווי פון דעם זעלבן גאָלד מיט וועלכן עס זענען אויסגענייט די לייבן און די לוחות אויף אַ ספר תורה־מענטעלע. ווען זי איז געווען אַ יונג מיידל האָט מען איר שיינקייט אַפילו נישט אָנגעזען, וואָרום כאַנטשע האָט גערן געהאַט צו שפּילן זיך ווי אַ יינגל.

כאַטש זי האָט געלערנט אין אַ חדר פּאַר מיידלעך, פלעגט זי אָפּנאַרן ציפּע די רביצין, זיך אַרויסמאַכן פון לערנען און לויפן צום חדר פון לייבעלע בילקע זיך שפּילן מיט יינגלעך אין דרויסן. זי האָט געפּיקט שטיינדלעך פון גומי־ביקסלעך ווי יינגלעך, מיט שטיינדלעך געמאַכט ,קאַטשקעס׳ אויפן וואַסער און אפילו מיטגעלאָפן צום טײַך מאַכן ,נורקעס׳. נאָר בײַם טײַך פלעגט זי בלײַבן שטיין איינע אַליין. די יינגעלעך האָבן זיך אויסגעטאָן און אַרײַן אין וואַסער און זי פלעגט בלײַבן שטיין אויפן ברעג. זי האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ הינדעלע וואָס קוקט זי צו פונעם ברעג ווי אַזוי קאַטשקעלעך גליטשן זיך אויפן טײַך־שפּיגל.

כאַנטשע פלעגט אַהיימקומען אַן אײַנגענורעטע מיט אַ פאַרמאַזשעט פּנים ווי זי וואָלט אַרויס פון אַ ליים־גרוב. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די וואָרענישן פון טאַטע־מאַמע, אַז אַזאַ שלומפּערקע ווי זי מיט אַ פאַרפּאַטשקעט פּנים וועט נישט קריגן קיין חתן. אפילו אורקעס הונט וויל נישט חתונה האָבן מיט אַ שטיק סאַזשע.

ווי די גאַנצע וועלט בײַט איר געשטאַלט ווען עס קומט אָן דער שבת, און ווי די ערב־שבתדיקע זון וואַשט אָפּ די וואָך פון אַלע אירע קויטיקייטן, אַזוי פלעגט זיך כאַנטשע ענדערן ווען די מאַמע האָט זי אויסגעצוואָגן לכבוד

שבת און זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ יום־טובדיק קליידל. אפילו די זון האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט געזעצט האָט כאַנטשע אויפגעהאַלטן איר שײַן אין הויז. און אַז די זון איז שוין געהאַט אין גאַנצן פאַרגאַנגען האָט די ליכטיקייט פון כאַנטשעס פּנים באַלויכטן יעדעס ווינקעלע. בײַם בענטשן די שבת־ליכט האָט גרעלע געבעטן בײַם אָב הרחמים, וואָס זיצט אין זיבעטן הימל, ער זאָל באַשירעמען איר קינד פון גאָרן בייז און פונעם שלעכטס, וואָס קומט פון מענטשלעכע אויגן.

אַז ס׳איז געקומען די צײַט, כאַנטשע האָט געפונען איר באַשערטן און פאַר דער חופּה האָט מען זי געפירט אין דער מקווה, האָט פּערעלע די טיקערין געזאָגט, אַז אַזאַ לײַב ווי עס האָט די כּלה האָט זיך נאָך אין איר לעבן נישט געזען, סײַדן חוה אין גן־עדן. אַז כאַנטשע האָט אין דער האַנט פון דער טיקערין אַרײַנגעלייגט ח״י גראָשן, האָט פּערעלע געזאָגט ווי אַ סוד, קוקנדיק מיט צעטומלטע אויגן אויף אירע בריסטן:

„הערסט, טאָכטערשי, זאָלסט דײַן שיין לײַב נישט אָפּדעקן אַפילו פאַר דײַן מאַן. ס׳איז סכּנת נפשות״.

כאַנטשע האָט אַ ציטער געטאָן ווי עמעצער וואָלט צוגעלייגט צו איר לײַב אַ גליַיקע קויל. זי האָט זיך דערשראָקן נישט פון דעם וואָס זי האָט געהערט, נאָר פון דעם ווי די טיקערין האָט מיט זשעדנעקייט געקוקט אויף אירע ראָז־צעוואָרעמטע בריסטן מיט די אויפגעפלאַנצטע ברוינע וואָרצלען. זי האָט געפילט פּערעלעס אויגן אַפילו אויך שפּעטער און זי האָט דערוועגן מיט שרעק דערציילט איר מאַמען. גרעלע האָט אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל און געזאָגט דעם שפּרוך: „זאָלן אין די אויגן, פּעפּער אין דער נאָז און אַ נאָדל אין האָרץ. דײַן שלעכטער בליק זאָל נאָר קומען צו דיר צוריק״, און זי האָט נאָך אַ מאָל אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל.

אונטער דער חופּה האָט כאַנטשען געטרייסלט. אין די שלייפן האָט איר געהעמערט ווי זי וואָלט חלילה געוועזן פאַרבײַ. זי האָט נישט געוווּסט וואָס אַרום איר טוט זיך. אַלץ איז איר געווען אויסטערליש פרעמד און אַלץ וואָס זי האָט געטאָן האָט זי געטאָן אָן איר אָנטייל.

„מאַמע, עס איז מיר אַזוי... איך ווייס נישט...״ האָט זי זיך שטיל געקלאָגט.

די מאַמע, פול מיט שרעק, האָט זי באַרויִקט:

„טאָכטערשי, אַזוי איז מיט אַלע כּלות אין אַזאַ שעה. עס וועט דיר אם־ירצה־השם איבערגיין און עס וועט דיר ווילגעפעלן״.

ס׳איז נישט איבערגעגאַנגען. כאַנטשע האָט נישט געפילט קיין טעם אין דער גילדענער יויך און אויסטערליש קאַלט איז איר געווען צו זיצן נעבן איר מאַן, וואָס האָט געזוכט און נישט געפונען איר בליק. עס האָט איר געצויגן צום געלעגער ווי עס ציט אַ קראַנקן.

טאַטע־מאַמע פון ביידע צדדים האָבן זיך געשושקעט. די מאַמעס האָבן באַהאַלטענערהייט אַז פרעמדע אויגן זאָלן נישט זען, געבראָכן זיך די פינגער פון די הענט. פון דעסטוועגן האָט גאַלע געפונען אַ שטיקל טרייסט אין דעם וואָס עס איז שוין נאָך דער חופה — אַז געלויבט זאָל זײַן דער הימל פאַר זײַנע חסדים. און פונקט אַזוי האָט דעם חתנ׳ס מאַמע נישט געקענט נעמען קיין לעפל וואַרעמס אין מויל אַרײַן פון קלעמעניש און נאָכטראַכטעניש וואָס דאָס אַלץ וואָס עס געשעט מיט דעם יונגן ווײַבל געשעט שוין נאָך דער חופה. פאַר דער חופה האָט מען אַ ברירה, מען לייגט אָפּ, מ׳זעט, מ׳איז זיך משאול עצה. איצט — נאָ דיר!

רחמיאלטשע, דער חתן, האָט נאָך אונטער דער חופה געזען, אַז כאַנטשע איז פאַרענדערט. אַז ער האָט איר דערלאַנגט דעם בעכער ווײַן, זי זאָל טועם זײַן פון אים, איז איר פנים געווען בלאַלעך ווי זי וואָלט געפרירט, אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פיבער און איר האַנט האָט געציטערט. זי איז נישט געווען די וואָס ער האָט אין פריערדיקע מאָלן געזען.

בײַ יעדעס מאָל ווי ער האָט זי געזען איז זי אים געוואָרן נענטער און נענטער, ביז זי איז אים אַרײַן אַזוי טיף אין האַרץ אַז ער האָט געטראַכט וועגן איר מיט זיסן ווייטאָק. אַז טאַטע־מאַמע האָבן ביידע באַגלייט צו לייגנספירן און זיי זענען געבליבן מיט זיך אַליין אין דער קאַמער, האָט רחמיאלטשע זיך דערפילט פאַרלוירן. ער האָט פּלוצים באַקומען רחמנות אויף זיך און אויך אויף כאַנטשן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און צום סוף געזאָגט שטיל און ווי פאַרשעמט:

„דאַרפסט זיך נישט שרעקן פאַר מיר״.

זי האָט צו אים אויפגעהויבן אירע פאַרנעפּלטע אויגן און געזאָגט פונקט אַזוי שטיל ווי ער, ווי אַ ווידערקול פון זײַנע ווערטער: „פאַר וואָס זאָל איך זיך שרעקן מיט דיר? איך ווייס נישט וואָס עס געשעט מיט מיר״.

„איך ווייס״ האָט ער אָן זיכערקייט אויפגעהויבן די האַנט און זי צוגעלייגט צו איר שטערן.

זי האָט געמורמלט:

„מ׳האָט מיר געגעבן אַ גוט־אויג״.

„איך ווייס״ האָט ער ווידער געזאָגט.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי, אַז ביידע מאַמעס האָבן זי אָפּגעוואַרט ביי דער טיר פון דער קאַמער פון דעם יונגן פּאָר פּאָלק איז כאַנטשע נישט אַרויס פון בעט. זי האָט דעם קאָפּ פונעם קישן נישט געקענט אויפ־הייבן. אַז די מאַמעס האָבן געזען ווי פאַרטראָגן זי איז און אַז אירע אויגן זענען פאַרוואָלקנט ווי ערב אַ געוויטער, איז געלע, אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, געלאָפן צו פערעלע דער טיקערין און זי געבראַכט צו כאַנטשעס בעט. מיט ביידע הענט האָט זי אָנגעוויזן אויף כאַנטשן און אָן שהיות אַרויס־געפּראַלט:

„פערעלע, האָסט געגעבן מיין קינד אַ גוט־אויג און צעשטערט אונדזער שמחה. האָסט אונדז אַ גרויסע בראָך אָפּגעטאָן!״

די טיקערין האָט זיך איינגעשרומפּן, פאַרשנירלט איר דינע ליפּעלעך און קוקנדיק אויף די זייטן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַרויסמאַכן, געזאָגט:

„געלע־לעבן, איר קענט דאָך מיך נישט פון היינט, איך וועל אָפּטאָן אַזאַ זאַך?!״

געלע האָט זיך אָפּגעטרייסלט:

„מיין כאַנטשע האָט מיר נאָך נעכטן אַלץ דערציילט. הלוואי וואָלט איך דיך נאָך נעכטן פאַר דער חופּה אַהערגעשלעפּט, וואָלט איך פאַר־שפּאָרט... וויי איז מיר...״

„איז וואָס אַז איך האָב געזאָגט? — האָט פערעלע אָנגעהויבן קומען צו זיך — יעדע כלה וואָס שטייט פאַר מיר נאַקעט זאָג איך, אויב זי האָט וואָס אויסצובאַהאַלטן פון אַ גוט־אויג״.

געלע האָט פאַרלוירן ס׳געדולד. זי האָט אָנגעכאַפּט די טיקערין ביי דער האַנט און זי אַ צי געטאָן צו כאַנטשעס געלעגער.

„איך באַפעל דיר — האָט זי אויסגערופן — זאָלסט אָפּשפּייען דריי מאָל און זאָגן דעם שפּרוך ,מיין שלעכטער בליק זאָל קומען צו מיר צוריק און דאָס שלעכטס וואָס איך האָב געטראַכט זאָל נישט ווערן געדאַכט׳״.

פערעלע האָט זיך ווידער אַמאָל איינגעשרומפּן און זיך געוועהרט:

„פאַר וואָס זאָל איך נעמען אויף זיך אַזאַ זינד אַז איך האָב אַ כשרע כלה געגעבן אַ גוט־אויג? פאַר וואָס קומט עס מיר? זאָל עס מיר געשען וואָס איך ווינטש דאָס יונגע ווייבל זאָל עס!״

פון דעסטוועגן איז זי ווילין געוואָרן, זיך באַרויִקט און געזאָגט דעם שפּרוך אַזוי ווי גֶעלע האָט געוואָלט. נאָר אַז נאָכן אָפּשפּײַען דרײַ מאָל האָט פּערעלע זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעט אַ קוש צו טאָן כאַנטשען אין שטערן, האָט גֶעלע זי אָוועקגעריסן אויף צוריק:

„ניטע, חלילה! מ׳טאָר נישט!״

די זעלבע נאַכט איז רחמיאלטשע געקומען צו כאַנטשען מיט אַ פּאָר־שפּעטיקטן מעסלעס ווי קיין מאָל גאָרנישט. אין דער פרי האָבן די מחותּניתטעס איר געווונטשן ,מזל טוב, מיט מזל זאָלן מיר אַלע לעבן׳ און זי האָט געלויכטן ווי די זון אין הימל. פון יענעם טאָג אָן האָט זיך כאַנטשע נאָך מער צעבליט ווי ביז דעמאָלט. אלא וואָס דען? אַפילו איר אייגענער מאַן האָט מורא געהאַט זיך אָנצוזעטיקן מיט איר מראה, כדי איר נישט צו געבן אַן עין־הרע.

די מאַמע גֶעלע האָט געזאָגט: „ס׳טשעפּעט זיך צו איר״. דעריבער האָט יעדער, וואָס האָט זי אָנגעקוקט געמוזט דרײַ מאָל בלאָזן אויף איר און אָפּשפּײַען. דאָס גאַנצע הויז האָט געבלאָזן און אָפּגעשפּיגן אויף איר מיט דעם שפּרוך „אויף אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער״. און ווי זי האָט געבליט, אַזוי האָט זי זיך נאָך מער צעלויכטן ווען די מאַמע גֶעלע האָט אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז דער רבונו־של־עולם האָט זיך געמיט און כאַנטשע שוואַנגערט.

זײַט דער דאָזיקער בשׂורה איז פון כאַנטשען געוואָרן כאַנטשעלע און כאַנטשקעלע און די מאַמע האָט איר מער נישט געלאָזט אַרויסשטעלן אַ פוס אין דרויסן. אַז ס׳האָט זיך געשטעלט דער זומער און אין שטעטל אַרײַן זענען אויף מאַנעוורעס אָנגעקומען זעלנער מיט זייערע פערד און ביקסן, מיט זייערע שווערדן און האַרמאַטן און מיט זייער זעלנעריש לאַכן, האָט שוין כאַנטשע אויך די נאָז נישט געקענט אַרויסשטעקן פון פענצטער צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. ,כאַנטשעלע, גיי נישט׳; ,כאַנטשעלע גיב אַכטונג׳; ,כאַנטשעלע חלילה׳ — ווי זי וואָלט געווען אַן איידל און זעלטן געפעס קיינער זאָל עס נישט אָנרירן.

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אַזוי טאָר מען נישט. ס׳איז נישט קיין ייִדישער שטייגער. אין די געשעפטן פון דעם רבונו עולם דאַרף מען זיך נישט אַרײַנמישן. ער באַשטימט וואָס און ווען און מיר לויבן אים דערפאַר, וועט ער אויך באַשירעמען כאַנטשען, זי זאָל האָבן אַ לײַכט טראָגן און אַ לײַכט האָבן. צי קען אַ מענטש פאַרשטעלן דעם דאָך? צי קען מען מענטשן

טרײַבן פון דער טיר? וואָס עס איז באַשערט, און נאָר גוטס זאָל זײַן באַשערט, קומט עס אין שטוב אַרײַן. און דאָס וואָס איז דערנאָך געשען איז געקומען אין שטוב אַרײַן. די וועלט האָט געוווסט, אַז ס'איז געקומען מיט פּײַווישן, דעם מוהל. די מעשׂה איז געווען אַזוי:

צו די נײַן חדשים איז כאַנטשע געלעגן געוואָרן מיט אַ ייִנגל. פּראָדל די הייבאַם האָט צוגעהיט אָרום דעם בעט פון דער קימפּעטאָרין זאָל זײַן אַ מחיצה פון לײַלעכער. דעם לײַלעך האָט מען אָפּגעדעקט נאָר ווען ס'איז געקומען אַ חדר ייִנגלעך צו לייענען „קריאַת שמע" פאַרן ווייל פון דער געוויינעריין, קײַן פרעמד אויג פון אַ דערוואַקסענעם מאַנצביל, צי פון אַ פרעמדער אשה האָט די מאַמע צו כאַנטשעס בעט נישט צוגעלאָזט. אַכט טעג נאָכן ברית איז פּײַוויש דער מוהל געקומען איבערוויקלען דאָס עופעלע און דאָס קינד האָט פון ווייטאָק געשריגן, ווי מען וואָלט עס שלעכטס געטאָן. קײַן טראָפּן קידוש־ווײַן צו פאַרשכּורן עס האָט ער אונטער דער האַנט נישט געהאַט. האָט פּײַוויש געזאָגט צו דער קימפּעטאָרין:

„גיט אים די ברוסט. ער איז אַ זכר, די ציצקע וועט אים אײַנשטילן".

האָט כאַנטשע צעעפנט דעם בוזעם אַנצווייגן דאָס עופעלע. ווי פּײַוויש האָט דערזען כאַנטשעס ברוסט, אַזוי איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרכישופטער, נישט צו רירן זיך פון אָרט, ווי זײַנע אויגן און הענט און פיס וואָלטן אין דער אותו רגע צוגעבונדן געוואָרן צו איר לײַב. כאַנטשע האָט דאָס דערזען ערשט דעמאָלט ווען זי האָט דערפילט אַ שטאָך אין דער ברוסט, ווי עס וואָלט געווען אַ שטאָך מיט אַ נאָדל. האָט זי פאַרשטעלט איר אַנטנאַקעט לייב מיט דער האַנט. פּײַוויש איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ געבונדענער.

ער איז געווען אַן אָרנטלעכער יונגערמאַן, פּײַוויש. שוין דרײַ יאָר ווי ער איז עוסק אין זײַן אמנות ווי אַ מוהל. יעדעס מאָל ווי אים קומט אויס צו קוקן אויף דער נאַקעטער ברוסט פון אַ יונגער מוטער, אַזוי זעט ער די ברוסט ווי אַ ווײַסע טויב. נאָר דאָס מאָל איז ער נכשל געוואָרן, אָדער אפשר האָט אים אַ כּוח, וואָס ער האָט פריִער נישט געוווסט וועגן אים, אים מכשיל געווען? אַז ער האָט דערזען כאַנטשעס ברוסט, איז ווי פון איר בעט וואָלט אַרויסגעשײַנט אַ קליינע ליכטיקע, פרילינגדיקע זון, וואָס ציט צו זיך ווי עס ציט די זון אין הימל, און מען וויל אין איר אײַננורען דעם קאָפּ און זיך אָנזעטיקן מיט אירע ריחות. און אַז עפּעס אַ באַהאַלטענער כּוח האָט אים מכשיל געווען האָט ער געזען דעריך, וואָס ווען ער איז געשטאַנען ווי

אַ געבונדענער מיט די אויגן אײַנגעקוקט אין דער ברוסט, האָט ער אָן זײַן וויסן געמורמלט די ברכה „בורא מיני בשׂמים" פון די ברכות הנהנין.

צום ערשטן מאָל האָט כאַנטשע פאַרהוילן פון איר מאַמען אַז אַ פרעמדער מאַנצביל האָט געגלאָצט אויף איר נאַקעט לײַב מיט פרומער גלוסטעניש. זי האָט עס פאַרהוילן אפשר דערפאַר ווײַל דאָס פנים פון דעם יונגן מוהל איז בשעת מעשה געווען קינדיש און גוטגינציק און עס האָט איר וווילגעפעלן. אָדער אפשר האָט אַ כּוח, וואָס זי ווייסט נישט דערוועגן אים, איר אונטערגעזאָגט, אַז נישט אַלץ דאַרף מען דער מאַמען דערציילן? ווער קען זיך דען פונאַנדערקלײַבן אין די סכּנות, מיט וועלכע אַ יונג ווײַב איז אַרומגעוועבט?

דאָס שטעכל אין דער ברוסט ווי מיט אַ נאָדל, ווי דעמאָלט ווען פּײַוויש האָט געקוקט אויף איר לײַב, איז אָפט צוריקגעקומען. זי האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. אָבער נאָך אַ צוויי חדשים פון געבן דעם עופעלע צו זייגן פון דער ברוסט, האָט זי דערפילט אַ שאַרפן ווייטאָק, ווי דאָס קינד וואָלט אירע בריסט־וואָרצלען געביסן מיט ציינדלעך, וואָס עס האָט נאָך נישט געהאַט. פון טאָג צו טאָג איז דער ווייטאָק געוואָרן שאַרפער און זי האָט באַקומען דאָס געפיל, אַז איר עופעלע וויל איר אָפבײַסן די וואָרצלען. האָט כאַנטשע געוויינט פון ווייטאָק און געבעטן די מאַמע זאָל געפינען אַן אַם וואָס זאָל געבן איר קינד די ברוסט. האָט געלע געזאָגט, אַז אויב אירע, כאַנטשעס, בריסטן זענען פולע און קוואַליקע און דאָס פּיצעלע וועט זייגן פון אַ פרעמדער ברוסט, וועט איר חלילה די מילך געזעצט ווערן און פון דעם — נישט געדאַכט זאָל עס ווערן וואָס עס קען אַרויסקומען. נאָר סײַ ווי האָט כאַנטשע מער נישט געקענט געבן איר קינד די ברוסט. די וואָרצלען אירע האָבן געבלוטיקט און ווי געטאָן ווי מען וואָלט זיי געברענט מיט אַן אָנגעגליטן אײַזן.

וועלוול פעלדשער האָט אויף כאַנטשעס בריסטן אויסגעשמירט אַלע זײַנע זאַלבן. און אַז ער האָט מער נישט געהאַט מיט וואָס צו שמירן, האָט ער געעצהט די בריסטן פסלען מיט השתּנה. דערנאָך האָבן ווײַבער געעצהט צעמאָלן קרײַטעכצער פון די קרײַטעכצער אויפן טײַך־ברעג, אָדער צולייגן אָנגעברענטן ציבל, אָנגעקלאַפּטן טאַטאַראַק — ס'האָט נישט געהאָלפן. צום סוף האָט זיך אַרײַנגעשטעלט פראַדל די הייבאַם מיט אַ טענה פאַר וואָס מען האָט איר נישט געזאָגט די ערשטע. שוין ברוך־השם דרײַסיק יאָר ווי זי נעמט אָפּ קינדער. וואָס אַלץ אירע אויגן האָבן געזען וואָס עס

געשעט מיט בריסטן פון קאַרמענדיקע מאַמעס, זאָל עס נאָר אויסגיין צו אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער. וואָס אַ שטייגער קען וועגן אַזוינע מיני זאַכן וויסן וועלוול פעלדשער, אַ מאַנצביל, וואָס רײַסן ציין און שטעלן באַנקעס איז אַלץ וואָס ער קען? זאָל נאָר געלע זאָגן איין וואָרט וועט זי, פראַדל, באַווײַזן וואָס זי קען. האָט געלע געזאָגט:

„פראַדלשי, איך וועל דיך אָפּגילטן פאַר ראַטעווען מײַן כאַנטשעלען".

כאָטש פראַדל אַליין האָט בײַ די ערשטע געבורטווייען פון כאַנטשען געזאָרגט אַז אַרום איר בעט זאָל אויפגעצויגן ווערן אַ מחיצה פון לײַלעכער, האָט זי געפרעגט ווי זי וואָלט גאָרנישט געוווּסט:

„געלעשי, צי בעת כאַנטשעס קימפּעט זענען אויף אַלע טירן און פענצטער געווען אויפגעהאָנגען ,שיר המעלותן', אָדער חלילה נישט?"

געלע וואָלט געשוואָרן, אַז יאָ, נאָר אויב פראַדל פרעגט אַזאַ שאלה, איז זי שוין נישט אַזוי זיכער. מסתמא — יאָ. וואָרום זי האָט אַליין באַצאָלט געצלען, דעם שמש פון בית־מדרש, ער זאָל אויפהענגען ,שיר המעלותן' אויף דער מחיצה, אַרום דער קימפּעטאָרינס בעט, אויף די פענצטער און טירן און ווי נאָר אַן עפענונג. פון דעסטוועגן וועט זי לויפן אים איבערפרעגן.

איז געלע געלאָפן צום שמש מיט אַ ספק אין איר האַרץ. און ווי זי איז געלאָפן אַהין מיט אַ ספק, אַזוי איז זי צוריקגעקומען מיט אַ ספק. געצל האָט געזאָגט, אַז ער האָט דעמאָלט אויפגעהאָנגען אַ ,שיר המעלות' אַפילו אויפן פּיעקאָליק און אַפילו אויף דער קאַפּע איבער דער קיך צום קוימען, וואָרום בעוונותינו הרבים קריכן אַרײַן די שדים און נישט־גוטע און די אַנדערע משחיתים, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, אויך דורכן קוימען. נאָר ווער קען קאַווירן, אַז די חדר־ייִנגלעך, וואָס זענען געקומען לייענען ,קריאת שמע' בײַם בעט פון דער געווינערין, האָבן נישט אַראָפּגענומען אַ ,שיר המעלות' פון דאַנען און פון דאָרט? ווער קען קאַווירן? הײַנטיקע צײַטן זענען דאָך לא עלינו גאָר אַנדערע קינדער ווי אַמאָל — עכברושן, שקצים, צעלאָזענע, קונדייסים און... און... נישט געשטראָפט זאָל מען ווערן פאַר די רייד וואָס פון דעם אלעמען קומט אַרויס.

פראַדל האָט פאַרלייגט די הענט אויף די באָקעס מעשה באַלעבאָסטע און געזאָגט:

„דאָס וואָס כ'האָב געטראַכט, געלעשי — נישט־גוטע. דורכן קוימען צי דורך אַן אַנדער אָפּגעדעקטן לאָך זענען זיי געקומען און זיך צוגעכאַפּט צו

כאַנטשעס בריסטן. מײַנע אויגן זאָלן מער נישט זען וואָס זיי האָבן שוין געזען פון יענע לײַט״.

און פראַדל האָט ווייטער געזאָגט אַז אַבי זי ווייסט שוין וואָס און ווען, איז נישט קיין מאַלעיר. זי, וואָס נעמט אָפּ קינדער אַפילו זיי גייען זײַטיק, אָדער מיט אויסגעדרייטע קעפּלעך, אָדער מיט פּאַרטשעפּעטע פּיסלעך, זי האָט שוין אירע פּאַרטלען ווי אַזוי צו פּאַרטרײַבן די נישטגוטע פון כאַנטשעס בריסטן. זי האָט די אַלע סגולות איבערגענומען פון איר מאַמע עליה השלום, וואָס איז אויך געווען אַ הייבאַם און די מאַמע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט זיי איבערגענומען פון דער באָבען, וואָס איז געווען אַ פּירזאָגערין אין דער ווײַבער־שול.

איז פראַדל געלאָפן צו געצל שמש מיט דעם אימפּעט פון שליחות מצווה און אים באַפוילן ער זאָל פון ארון־קודש אין בית־מדרש אַראָפּנעמען אַ פּאָר הושענאָס, וואָס הושענא־רבה וואַרפט מען זיי דאָרט אַרויף נאָכן אָפּשלאָגן זיי.

„אַ סגולה? אַ סגולה?״ האָט געצל געפּרוווט טרעפן.

„ניין, צו מאַכן אַ צימעס״ האָט פראַדל אים אָפּגעפּטרט און דער שמש האָט פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר נישט אויסזאָגן.

פון דעסטוועגן, כאָטש ער ווייסט צו וואָס און צו ווען, דערוואָרט אים דאָ אַ גרויסע מצווה. און פאַר אַ מצווה איז געצל שמש גרייט אויסצוטרעטן די שטיוול. האָט ער זיך געפּעדערט, געבראַכט פון ערגעץ אַ לייטער און אויף אים ארויפגעשטיגן צום ארון־קודש ווי ער וואָלט אַרויפגעשטיגן צום גן־עדן צו די צדיקים. ער האָט געלאָסן געהויבן אַ פוס, זיך אַ הייב געטאָן מיט כוונה אויף אַ שטאַפּל און ווידער געלאָסן און מיט כוונה געהויבן אַ פוס. אין דער הייך איז אים ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן: עס זענען דאָרט געלעגן פאַרטרוקנטע הושענאָס פון אַ סך יאָרן. דער שטויב און דאָס שפּינוועבעכטס האָט זיי פאַרדעקט מיט אַ גרויען צודעק. אַ גאַנצער אוצר! אַזוי פיל סגולות! אַזוי פיל מצוות!

„פראַדלשי — האָט ער אַראָפּגעפרעגט פון איבערן ארון־קודש — וויפל זאָל איך זיי דיר געבן? דרײַ? פיר?״

„וואָס זשאַלעווסטו? גיב מיר אַראָפּ אַ גאַרשטש״ — האָט זי אויפגע־הויבן די האַנט צו אים אין דער הייך.

האָט געצל אַנגענומען אַ גאַרשטש הושענאָס און זיי געפּרוווט אָפּפילען פונעם שטויב. האָט פראַדל זיך צעשריגן ווי ער וואָלט זי געגאַנגען אָפּשעכטן:

„געצל, מײַנע שונאים זענען אַראָפּ פון זינען? ווער פּילעט עס אָפּ הושענאס? ניטע, געצל, פּילע זיי נישט אָפּ. ס׳ט אַרויסקלאַפּן פון זיי דעם גאַנצן כּוח".

מיט די הושענאס אונטער דער פּאַטשיילע, קיין פרעמד אויג זאָל זיי חלילה נישט זען, איז פראַדל צוריקגעקומען צו כאַנטשעס בעט. זי האָט זיך צעפּאַרעט ווי זי וואָלט געגאַנגען אָפּנעמען אַ קינד.

„געלעשי, בלאָז מיר אויף דאָס פּײַער אונטערן דרייפוס"; „כאַנטשעלע צעשפּיליע דעם בוזעם. דער אייבערשטער וועט העלפן!".

בײַם זשאַרענדיקן דרייפוס האָט פראַדל אָנגעצונדן צוויי הושענא־צווײַגלעך, געוואַרט זיי זאָלן זיך פונאַנדערברענען, דערנאָך זיי פאַרלאָשן, פון זיי זאָל אויפגיין בלויז אַ רויך. מיט די צוויי רויכנדיקע ווערבע־צווײַגלעך האָט זיך פראַדל פרום דערנענטערט צו כאַנטשן און מורמלענדיק דעם שפּרוך „האָשאַנאָ, האָשאַנאָ"* האָט זי באַרויכערט די אָנגעשוואָלענע בריסטן, באַוויגן די צווײַגלעך אַהער און אַהין. די רויך־וואָלקנדלעך האָבן זיך געוויקלט, געוויקלט. פראַדל האָט געבלאָזן אויף דעם זשאַר פון די צווײַגלעך אונטערן רויך. כאַנטשע האָט זיך געצויגן צום רויך מיט אירע בריסטן, געזוכט אַ גענעזונג און זי האָט געפילט אַן אויסטערלישע דער־לײַכטערונג פונעם ביטערלעכן ריח, וואָס האָט דערגרייכט צו אירע נאָז־לעכער. זי האָט דעם ריח אַרײַנגאָטעמט אין זיך.

אויף צו מאָרגנס איז פראַדל ווידער געקומען, איבערגעחזרט דאָס זעלבע מיט דעם רויך פון די טרוקענע ווערבע־צווײַגלעך און געפּליסטערט דעם שפּרוך „האָשאַנאָ, האָשאַנאָ". און אויך דאָס מאָל האָט כאַנטשע געפילט ווי דער רויך פאַרשיכּורט זי און אירע ווייטאָקן. זי האָט געפילט די גענעזונג. און אַז די סגולה פון פראַדל האָט געפּועלט, האָט זי נצחונדיק געזאָגט:

„איצט, טאָכטערשי, ביסטו באַפרײַט פון די וואָס האָבן דיר שלעכטס געטאָן. איר הערט, געלעשי, אַלע בעטן דאָך, אַז אויב אַ מויד זאָל זי כאַטש זײַן אַ שיינע, נאָר איך זאָג אײַך, אַז שיינקייט דאַרף מען באַהאַלטן ווי אַן אוצר, די אָנשיקענישן זאָלן נישט וויסן פון איר געביין. דעריבער זײַט

* האָשאַנאָ, האָשאַנאָ — הושע נא, הושע נא — דערלייז נאָר, דערלייז נאָר.

משנה כאַנטשעס נאָמען, אַז די נישטגוטע זאָלן נישט וויסן פון זייער לײַב און לעבן. כאַנטשע הייסט זי, אַ מאַטקע איז זי, זאָל כאַטשקע מאַטשקע זײַן אין אַ מזלדיקער שעה!"

כאַנטשעס בריסטן זענען פאַרהיילט געוואָרן, ווי די מחלה וואָלט אַוועקגענומען געוואָרן מיט דער האַנט. איר לײַב האָט ווידער געלויכטן ווי די זון אין הימל און געלע האָט מסכּים געווען, אַז פאַר פרעמדע אויגן זאָל מען איר טאָכטער רופן כאַטשקע מאַטשקע, וואָס אַז מ׳האָט דעם נאָמען געהערט האָט מען געמיינט מען רעדט וועגן אַ מאַזעפּע.

שדישע גנבים

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר אַכט, און אפשר ניַין, ווען גנבים האָבן זיך אַריַינבאַקומען אין אונדזער הויז און אַרויסגע־גנבעט דאָס וועש. איך זאָג: ,גנבים האָבן זיך אַריַינבאַקומען און אַרויס־געגנבעט׳. ס׳איז נישט אין גאַנצן ריכטיק. קיינער פון די שטוביקע האָט די גנבים נישט געזען און קיינער האָט נישט געהערט זיי זאָלן האָבן געעפנט דעם אַלמער און מיט זייערע אייגענע הענט האָבן געגנבעט. זעלטן איז עמעצער פון די שטוביקע נישט געווען אין הויז, סיַידן ראש השנה און יום כפור ווען אַפילו קליינע קינדער געפינען זיך אין שול. אָבער ראש השנה, צי יום כפור, וועט אַ יידישער גנב נישט גיין איַינשטעלן דאָס לעבן אויף צו גנבענען. אין דעם זעלבן יאָר וואָלט ער זיכער געשטאָרבן. וואָס פאַר אַ נוצן וועט ער האָבן פון ליַילעכער און פערענע־ציכן אויב ער וועט אין דעם זעלבן יאָר שטאַרבן? סיַידן אויף תכריכים.

נאָר סיַי ווי איז די גניבה, אָדער דאָס נעלם ווערן פונעם וועש געשען נאָך הושענא רבה. דעמאָלט איז שוין נאָך אַלעמען: ס׳איז שוין נאָך ראש השנה, ווען עס ווערט פאַרשריבן וואָס עס וועט געשען מיטן מענטש במשך פונעם יאָר; ס׳איז שוין נאָך יום כפור, ווען דאָס פאַרשריבענע איז שוין געחתמעט געוואָרן, און ס׳איז שוין נאָך הושענא רבה, ווען דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און יעדנס קוויטל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

אויף דער טיר און אויף די פענצטער האָט דער טאַטע נישט געפונען דעם מינדסטן צייכן עמעצער זאָל זיך האָבן אַריַינבאַקומען אין הויז נישט דורך דער אָפענער טיר ווי אַלע מענטשן. די דאָפּלטע פענצטער זענען

שוין געווען פֿאַרקלעפּט אויפֿן ווינטער. צווישן די פֿענצטער האָט די מאַמע אויסגעלייגט וואַטע און אויף דער ווײַסער וואַטע אויסגעשיט דינע לאַק־שעלעך פֿון גרינעם זײַדפּאַפּיר מיט רויטע מגן־דודלעך, זיי זאָלן אין די פֿרעסט דערמאָנען גראָז און בלימעלעך.

וואָס שייך דער טיר פֿלעגט זי אויף בײַנאַכט פֿאַרשפּאַרט ווערן מיט אַ הילצערנער שטאַבע — נישט אַזוי אָפּצוהיטן דאָס הויז פֿון גנבים ווי כּדי דער ווינט זאָל נישט טרייסלען די טיר אין די נעכט און נישט שרעקן די קינדער אין זייער שלאָף. אויך די טיר פֿונעם אַלטער איז אַלע מאָל געווען פֿאַרשלאָסן און דער שליסל איז געלעגן אויבן, אויפֿן אַלמער. די טיר איז נישט געווען אויפֿגעריסן און דער שליסל איז געלעגן ווי ער ליגט אַלע מאָל.

איז די מעשׂה מיט דער גניבה געבליבן אַ רעטעניש, וואָס די מאַמע האָט זיך אויסגעהיט וועגן אים צו רעדן. דערפֿאַר האָט דער טאַטע, כּדי זיך צו רייצן מיט דער מאַמען, איר דווקא יאָ געזאָגט דאָס וועגן וואָס זי האָט זיך אויסגעהיט צו רעדן — אַז אין דער גניבה שטעקן די הענט פֿון יענע־וועלטיקע לײַט. און ער האָט געחוזקט.

דער טאַטע האָט נישט געגלויבט אין שדים, רוחות, קאָשעצן, ווילקאָ־לאַקס, לאַנטוכס און ווי זיי הייסן דאָרט. ער האָט געטענהט, אַז די גלויבענישן אין יענע ברואים זענען איבערבלײַבענישן פֿון מיטלאַלטער, ווילדע אײַנ־רעדענישן און זאַבאַבאָנעס. ער האָט אונדז, די קינדער, געלערנט מיר זאָלן זיך נישט צוהערן צו די אַלע נאַרישקייטן און אײַנגלייבענישן. טאָמער וועט זיך אונדז אַ מאָל אויסדאַכטן, אַז שדים, צי אַנדערע ברואים שטעלן זיך אונדז אין וועג, זאָלן מיר חלילה נישט אַנטלויפֿן. פֿאַרקערט, מיר זאָלן צוגיין צו זיי נאָענט, זיי באַרירן, אַרײַנקוקן זיי אין די אויגן, זען וואָס זיי טוען און ווער זיי זענען און דעמאָלט וועלן מיר זען דעם אמת...

איין מאָל, נאָכן מחדש זײַן די לבנה אויפֿן פֿרײַען פּלאַץ בײַ דער שול, האָט דער טאַטע גענומען מיך און מײַן עלטערן ברודער אויף אַ שפּאַציר אַרום דעם אַלטן בית־עולם. דער אַלטער בית־עולם, וואָס ליגט פֿון יענער זײַט טײַך און פֿון יענער זײַט ייִדישע הייזער, איז דער מקום פֿון אַלע יענעוועלטישע באַשעפֿענישן. פֿון דאָרט גרייטן זיי זיך צו אַלע זייערע מעשׂים אין די נעכט ביזן קרייען פֿון הענער אויף טאָג. אַפֿילו פֿון דער זײַט טײַך קען מען אַ מאָל הערן ווי זיי בראָיען דאָרט אַרום, סודן זיך ווי מענטשן און פֿאַרטראַכטן זייערע מזימות.

דער טאַטע האָט אונדז געפירט אַרום דעם פּלויט פונעם בית־עולם דורך די סודותדיקע בייטן וואָס זייער גרינס איז ביי נאַכט שוואַרץ און ס'איז בעסער זיך נישט אײַנצוהערן וואָס דאָרט טוט זיך. איך און מײַן ברודער האָבן זיך אָנגעהאַלטן בײַם טאַטנס הענט, וואָס האָבן אונדז געגעבן כּוח בײַצוקומען יעדע שרעק.

אין יענעם אָוונט האָט אַלץ אָנגעוואָרפן אַ פּחד. אַ פויגל, וואָס אים האָט זיך פאַרגלוסט אין דער פינצטער צו פליִען און זוכן אַן אָרט וואָס מען קען נישט זען אין דער פינצטער, האָט געשראָקן נישט ווייניקער ווי אַ שד אָדער אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה. אַ באַהאַלטענער טכויר, וואָס איז אַרויס־געשפּרונגען פון צווישן דעם גרינס און איז אַליין שיִער נישט אומגעקומען פון פּחד, האָט פון זײַן אייגענעם טויטשרעק אַרויסגעלאָזט אַן עיפּוש מער ווי ווען ער כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ שטאַל צו דערוואַרגן שלאָפנדיקע הינער. כאָטש איך האָב אים קוים געזען וואָלט איך געשווירן ביי די ציצית, אַז פון צווישן דעם גרינס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ לאַנטוך. אַפילו דער גערויש פון די בלעטער אויף די נאַכטיקעביימער איז געווען ווי דער גערויש און פּליסטערניש פון נישט־גוטע.

אויף אַלץ האָט דער טאַטע געזאָגט: „נאַרישקייטן. ס'איז גאָרנישט!" און אויף אַלץ האָט ער געהאַט אַן ענטפער: „דער פויגל? נאַרישקייטן. פאַראַן פייגל וואָס טשאַטעווען אין די נעכט אויף די ווידמונגען, וואָס שלאָפן זייער נאַכטיקן שלאָף אויף דער קאָרע פון די ביימער. פליִען די פייגל ביי נאַכט צו זייער סעודה, אָדער זיי ראַטעווען זיך ביי נאַכט פון אַ געפאַר אין זייערע אייגענע נעסטן. ס'איז נישט אונדזער דאגה. דער טכויר האָט מער מורא פאַר אײַך ווי איר פאַר אים. דעריבער האָט ער זיך באַמאַכט און זיך צעעיפּושט. דער גערויש צווישן גרינס? ס'איז גאָרנישט. אַז מענטשן שלאָפן כראָפּען זיי; אַז געוויקסן שלאָפן — שלאָפן זיי נישט אין קײַן בעטן. באַוועגן זיי זיך. בלעטלעך קלאַפּן זיך אָן איינס אָנעם אַנדערן. דער ווינט שלאָפט נישט, רוישט ער צווישן די צווײַגן. די קאַץ וואָס איז פאַרביי־געלאָפן? אויף דעם איז זי אַ קאַץ זי זאָל לויפן ביי נאַכט זוכן פעלדמײַז. אַ קאַץ האָט זייער ליב פעלדמײַז".

אַזוי האָט דער טאַטע אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלץ דאַרף מען פאַרשטיין.

איך מיט מײַן ברודער האָבן אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער דער פּחד האָט נישט אויפגעהערט לויערן. פּלוצים האָט דער ברודער אויסגעשריגן:

„טאַטע!" אויך מײַן בליק איז געפֿאַלן אויף דער סכּנה: איבערן פּלויט פֿונעם בית־עולם האָט געפֿאָכעט אַ ריזיקער פֿליגל. דער פֿליגל האָט געפֿאָכעט אַזוי ווי פֿון שווערקייט קען זיך דער פֿויגל נישט אויפֿהייבן אין דער לופֿטן. באַוועגט זיך דער פֿליגל און פֿאַלט צוריק אַראָפּ. פֿון דעם ווי דער טאַטע האָט געדריקט מײַן קליין הענטל האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס איז אים נישט קלאָר. אַ לענגערע ווײַלע זענען מיר געשטאַנען אָפּוואַרטנדיקע. דערנאָך האָט דער פֿליגל אַ צאַפּל געטאָן און געבליבן פֿאַרהאָנגען איבערן פּלויט, ווי דער פֿויגל פֿון יענער זײַט וואָלט אויסגעהויכט זײַן נשמה.

„קום, טאַטע, לאָמיר גיין אַהיים" האָב איך אים אַ צי געטאָן בײַ דער האַנט.

דער טאַטע האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. פֿון יענער זײַט פּלויט האָט זיך געהערט אַ גערויש ווי פֿון מענטשן, צי פֿון... דער פֿאָטער האָט אָפּגעלאָזט מײַן האַנט און זײַן האַנט אויסגעשטרעקט צום טויטן פֿליגל אויפֿן פּלויט, און צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געהערט ווי דער טאַטע ווענדט זיך צו שדים אויף פּויליש: „ווער איז דאָרט?!" מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט האָט ער אָנגעטאַפּט אַ שאָפֿענעם פֿעלץ, וואָס איז אַריבערגעהאָנגען איבערן פּלויט, און פֿון יענער זײַט פּלויט האָבן זיך אָנגערופֿן יונגע פֿאַסטעכער, וואָס האָבן געפּאַשעט פֿערד מיט דעם זאַפֿטיקן גראָז פֿון דעם אַלטן בית־עולם.

כאָטש דער טאַטע איז געווען זיכער, אַז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל האָט ער אונדז „אַרויסגעקלאַפּט פֿון קאָפּ" די מעשׂיות וועגן שדים און נישט־גוטע, בין איך נישט געווען זיכער אַז די מעשׂיות זענען אויס־געטראַכטע. מיט מײַן אייגענעם שׂכל האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אויב בײַ נאַכט זעט מען נישט קיין חיות און זיי זענען פֿאַראַן, און אויב אין די טיפֿענישן פֿון וואַסער זענען פֿאַראַן פֿיש און שלאַנגען און מען זעט זיי נישט, אַזוי זענען אויך פֿאַראַן שדים און נישט־גוטע, קאָשעצן און לאַנטוכס, נאָר מען זעט זיי נישט. ווי קען מען זיי זען אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט, בפֿרט אַז זיי קענען מאַכן זיי זאָלן זײַן און מען זאָל זיי נישט זען?

אויך דערמיט וואָס די מאַמע האָט זיך אויסגעהיט צו רעדן וועגן דער גניבֿה פֿון דער וועש, האָב איך נישט געספּקט, אַז די האַנט פֿון אַ נישט־גוטן איז דערבײַ. אַלע האָבן וויל געוווסט, אַז די יענעוועלטיקע לײַט דאַרפֿן נישט האָבן קיין טירן און קײַן פֿענצטער. אַלץ שטייט פֿאַר זיי אָפֿן

און הפקר. זיי קענען זיך אַרייַנבאַקומען אַפילו דורך דער מינדסטער שפּאַרע אונטער אַ טיר, דורך אַ שליסל־לאָך, דורכן קוימען. זיי קענען ווערן דינער פון שפּינוועבס און קלענער פון אַ מילב. שפּעטער פּוישן זיי זיך צוריק אָן און יעדער איינער ווערט אַזוי אָנגעבלאָזן ווי ער איז געקומען פון יענער וועלט. כאָטש די מורא צו קוקן אין זייער זייַט לאָזט נישט זיי זען, איז ווויל באַוווסט ווי יעדער איינער פון זיי זעט אויס:

אַ שד איז אַזוי גרויס ווי אַ מענטש, מיט הענט און פיס, נאָר זייַנע פינגער זענען טייביש־פינגער, ווי פון קיזלשטיין, און זייַן פּנים איז אָפּגעמעקט — אָן אַ סימן פון אויגן, און ער זעט אַלץ, אָן אַ סימן פון אַ נאָז און ער שמעקט אַלץ אויס. אויך קייַן מויל האָט ער נישט.

אַ ווילקאָלאַק איז אַזוי גרויס ווי אַן אַלטע ציג, נאָר אַז ער וויל קען ער אויך גיין אויף צוויי — וויל ער, גייט ער אויף די הינטערשטע צוויי; וויל ער, גייט ער אויף די פאָדערשטע צוויי. ס'איז אים אַלץ איינס. אַ פּרצוף האָט ער פון אַ חיה, מיט אויגן וואָס אַז זיי ווילן קענען זיי זייַן גרויס ווי קאַטשענע אייער און אַז זיי ווילן — ווערן זיי אין גאַנצן אָפּגעמעקט, ווי דער ווילקאָלאַק וואָלט גאָר קיין שליפּיעס נישט געהאַט.

אַ לאַנטוך איז ווי אַ ריזיקע זשאַבע, נאָר מיט זייער לאַנגע און דינע פיס ווי פון סכך. זייַנע הענט זענען ענלעך צו די פליגל פון אַ פלעדערמויז, נאָר לאַנגע זענען זיי ווי דער יידישער גלות. מיט די פיס מאַכט אַ לאַנטוך שפּרייַזן אויף צען שפּאַן און זייַנע לאַפּעס קען ער אויסשטרעקן אויף צוואַנציק שפּאַן, ווי ער קען זיי אויך אייַנציִען אַזוי ווי אַ שפּין ציט אייַן אירע גלידער.

אַ קאָשעץ איז אין דער גרייס פון אַ הונט מיט אַן אָפּגעהאַקטן ווײדל. ער איז דאַר ווי ער וואָלט אויסגעפּאַסט אַלע תעניתים פון דער וועלט, און בייַם קאָפּ איז ער באַוואַקסן מיט אַ קאָלטון האָר ווי אַ נישט געקעמט שטרייַמל. אַ מויל האָט ער פון אויער צו אויער און דערפאַר זעט ער אויס ווי ער וואָלט שטענדיק געלאַכט. נאָר אַ קאָשעץ לאַכט נישט. ער גיט אַפילו נישט אַרויס קיין קול. אַלץ וואָס ער טוט, טוט ער שטומערהייט.

אַ זמאָרע איז ענלעך צו אַ קאָשעץ, נאָר אַ זמאָרע איז באַוואַקסן ווי אַ שוואַרצער האָריקער רעטעך און זי האָט קורצע זויג־פּיסלעך, וואָס אַז זי כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ באַשעפעניש זויגט זי עס אויס אַז עס בלייַבט בלויז דאָס הייטל.

עס זענען פֿאַראַן נאָך אַנדערע יענעוועלטיקע אַנשיקעניש, וואָס האָבן נישט קיין גוף און מען קען זיי קיין מאָל נישט זען, אָבער שלעכטס קענען זיי טאָן ווי אַלע אַנדערע. די בעסטע און אַפֿילו גוטמוטיקע זענען די שרעטעלעך. קיין שלעכטס טוען זיי קיין מאָל נישט, אָבער קונדייסישע מעשׂים טוען זיי יאָ אָפֿט. טאָמער קלײַבסטו אײַן וואַלד יאַגדעס אָדער שוועמלעך און דו לאָזט אויף אַ רגע דאָס קוישל אָן השגחה, געפֿינסטו באַלד דאָס קוישל ליידיק. טאָמער באָדסטו זיך אין אַ טײַך און דו לאָזט איבער אויפֿן ברעג דײַנע בגדים, קענען דיך די שרעטעלעך לאָזן מוטער נאַקעט. אַ מאָל פֿאַרשלעפּן זיי די בגדים אַ סך ווײַטער ווי דו האָסט זיי אַוועקגעלייגט און אַ מאָל געפֿינסטו באַזונדערע שטיקלעך צעוואָרפֿענע איבער פֿעלדער און וועלדער.

ווי די אַלע יענעוועלטיקע אַנשיקענישן קענען זיך מאַכן דינער פֿון שפּינוועב און קלענער פֿון מילבן און זיך אַרײַנבאַקומען אין אַ הויז דורך אַ שפּאַרע דינער פֿון אַ לעכל פֿון אַ נאָדל. אַזוי קענען זיי אויך מאַכן, אַז דאָס וואָס זיי פֿאַרשלעפּן, אָדער דאָס וואָס זיי שלעפּן צונויף זאָל ווערן גאָרנישט, און שפּעטער, אַז זיי דאַרפֿן, ווערן די זאַכן צוריק גרויס ווי זיי זענען געווען פֿריִער.

בײַ אונדזער אַ קרוב האָבן זיי אַפֿילו איבערגעשטעלט דאָס מעבל אין זײַן הויז. אין חודש תּמוז האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פֿון בוידעם די פּסחדיקע כּלים, זיי אַרײַנגעשטעלט אין דער סאַליע און אין די כּלים אַרײַנגעלייגט שטיקלעך דאַר ברויט זיי זאָלן ווערן חמצדיק. אַ צווייט מאָל, ס'איז געווען חנוכּה, ווען מען לאָזט אויס גענדזנשמאַלץ אויף פּסח און מען פּרעגלט לאַטקעס, האָבן זיי מיט זעק פֿאַרשטאָפּט דעם קוימען, אַז אין הויז איז געוואָרן חושך מצרים. דאָס ווײַב איז געפֿאַלן אין חלשות און די עלטסטע טאָכטער האָט באַקומען אַ שלוקערץ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דער חתונה.

קיינער אין דער משפּחה האָט זיך נישט געוווּנדערט וואָס דאָס אַלץ פֿאַרלויפֿט זיך בײַם קרוב. מ'האָט דערציילט, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש, אָדער אַפֿילו גאָר קיין מענטש נישט. אויף אַלץ האָט ער געפֿרעגט די קשיא „וואָס וועל איך האָבן דערפֿון?" ווען אַן אָרעמאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר און געבעטן אַ נדבה, האָט ער געפֿרעגט די קשיא און צוריק פֿאַרמאַכט די טיר. איין מאָל האָבן די יענעוועלטיקע גענומען אין אים נקמה אַז ער איז שיִער נישט געשטאָרבן פֿון שרעק:

ערב פסח איז געקומען צו אים קהל און אים געבעטן ער זאָל געבן צו שטייער אויף מעות־חיטין פאַר אָרעמע לײַט. האָט ער ווידער געפרעגט: „וואָס וועל איך האָבן דערפון?" האָט אים קהל געענטפערט, אַז אויף דער וועלט וועלן דערפון האָבן די אָרעמע לײַט — זיי וועלן האָבן מצות און ווײַן אָפּצוריכטן דעם סדר, אָבער אויף יענער וועלט וועט ער דערפאַר האָבן עולם הבא. האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט נישט ליב לאַנג־טערמיניקע וועקסלען און ער גיט נישט. אַפילו קיין פרוטה גיט ער נישט, כאָטש ער האָט אונטער זײַן קישן געהאַט ליגן מילי מיליאָסן.

אין דער סדר־נאַכט איז זײַן טיש געווען באַשטעלט כּיד המלך. די בליצלאָמפּן האָבן זיך געשפּילט אין די קאַראַפקעס ווײַן, די קריסטאָלענע כּוסות האָבן געפינקלט און דער זילבערנער כּוס פאַר אליהו הנביא איז געווען אויסגעשײַערט ווי אַ שטיק זון. דער מלך איז געזעסן אויף זײַן הסב־בעט ווי אַן אמתער מלך, אין אַ קיטל באַצירט מיט אַ זילבער־גאָלדיקער עטרה. אויף פּסח האָט ער אַפילו בײַם זייגערמאַכער געלאָזט אויספּוצן זײַנע גאָלדענע פענסנע און אין זיי אַרײַנגעצויגן אַ נײַ שוואַרץ בענדעלע, ער זאָל חלילה נישט נכשל ווערן פון חמץ. אין הויז האָבן געשמעקט די גבירישע פּסחדיקע מאכלים, וואָס די הגדה האָט מורא געהאַט, אַז צוליב זיי זאָל מען אין איר נישט פאַרגעסן.

נאָכן אָנגיסן דעם פערטן כּוס און די כּוסה פאַר אליהו הנביא, האָט דער קרוב זיך אויפגעהויבן פון זײַן הסב־בעט מיט אַ קרעכץ, אַז ער דאַרף עס גיין עפענען די טיר צו „שפוך חמתך". איז ווי נאָר ער האָט די טיר קוים אָפּגעלענט, אַזוי האָט זי זיך געטאָן אַ צעפּראַל, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט זי אויפגעריסן, און אַ צערייצטער איז אַרײַן דער שטאָטישער באָק. פון דער ליכטיקייט און דער פּלוצימער ענדערונג איז דער באָק צעווילדע־וועט געוואָרן, ער האָט אָנגעהויבן שפּרינגען, זוכן עפּעס, וואָס ער האָט מסתמא אַליין נישט געוווּסט וואָס ער זוכט, אָדער אפשר האָט ער דערפילט דעם ריח פון כּרפּס אויפן סדר־טעלער, איז ער אַרויף אויף אַ באַנק, דערנאָך אויפן טיש און פאַרטשעפּעט מיט אַ הינטערשט פיסל אַ קאַראַפקע מיט ווײַן. דער ווײַן האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבערן ווײַסן טישטעך און איין וועגס אַ כליאָפּ געטאָן אויפן קיטל פון אונדזער קרוב.

מעגלעך אַז עפּעס אויפן טיש וואָלט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן ווען אונדזער קרוב זאָל נישט האָבן אײַנגעפאַלן אַראָפּצוטרײַבן דעם באָק. אינעם רויט־באַפלעקטן קיטל, ווי אַ שוחט, וואָס האָט נאָר וואָס געשאָכטן

אַ קאַלב, איז ער אויפגעשפרונגען און אַ טרײַב געטאָן דעם באָק אַזוי ווי מען טרײַבט אַ הון: „אַשאַ, אַשאַ!" דער באָק האָט זיך אויסגעדרייט און פון איין איינציקער דריגע מיט אַלע פיר פיסלעך האָט זיך אַלץ אויפן טיש אויסגעמישט — די כּוסות מיט די מצות מיט די לײַכטערס. דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן גאַנץ אויפן טיש איז געווען דער כּוס פאַר אליהו הנביא, וואָס האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אָפּגעגאָסן אַ פּאָר טראָפּנס ווײַן אויפן טישטעך און צוריק געבליבן שטיין, ווי אַ נישט געזעענע האַנט וואָלט אים אָפּגעהיט.

פון דעם אַלעם איז דאָס ווײַב געפאַלן אין חלשות און געדופן מען זאָל איר ברענגען דעם פעלדשער. די קינדער האָבן געוויינט און דער באָק האָט נישט אויפגעהערט ווילדעווען. אַז אונדזער קרוב האָט לסוף געפונען דעם בעזעם און מיט זײַן „אַשאַ, אַשאַ!" משלח געווען דעם באָק, איז ווי נאָר ער איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַזוי האָט זיך געהערט אַ ציקלדיק געלעכטער ווי פון לאַנטוכס און ווילקאָלאַקס.

אין צדקה איז מײַן מאַמע געווען אַן אָפּגעהיטענע. זי האָט קיין אָרעמאַן נישט אַוועקגעלאָזט פון דער טיר אָן אַ נדבה — דעם אַ גראָשן, דעם אַ שטיקל צוקער, יענעם אַ פּענעץ ברויט, אָדער אַ טעלער גריץ. פרײַטיק פאַר נאַכט, פאַר ליכט-בענטשן, פלעגט זי אַרײַנוואַרפן אין די עטלעכע בלעכענע צדקה־פּושקעלעך אויפן בײַשטידל דאָ אַ גראָשן, דאָ אַ קאָפּיקע און אין אַן אַנדערס אַפילו אַ דרײַער. אַלע פּושקעלעך זענען געווען בײַ איר טײַער. בײַ דעם צדקה־פּושקעלע פאַר ארץ־ישׂראל פלעגט זי אַפילו געבן אַ זיפץ ווי אַזוי די ייִדן דאָרט, אינעם הייליקן לאַנד, לעבן אין אָרעמקייט און אין דחקות. אָבער וויכטיקער פון אַלע איז בײַ איר געווען דאָס צדקה־פּושקעלע פאַר מאיר בעל הנס. וואָרום אָן נסים ווי אַזוי וואָלטן ייִדן געקענט איבערהאַלטן דעם גלות?

דאָס אַלץ האָט נישט געקענט קאַווירן, אַז שדים זאָלן זיך נישט האָבן אַרײַנבאַקומען צו אונדז אין הויז און אַרויסגנבענען פון אַלמער דאָס וועש. זייערע חפצות קען קיין ילוד־אישה נישט פאַרשטיין, אַזוי ווי קיין שום חכם אויף דער וועלט, אַפילו נישט שלמה המלך, קען פאַרשטיין פאַר וואָס רשעים גייט עס גוט אויף דער וועלט, עסן אין מיטן דער וואָך חלה, גיסן זיך גאָלד אין האַלדז אַרײַן, און די צדיקים נעבעך ווערן אויסגעריסן, האָבן

נישט קיין כזית ברויט אויף צו מאַכן אַ „המוצאי" און אַ נדן פֿאַר אַ טאָכטער קומט זיי אָן מיט דער גרינער גאַל.

די גניבה האָט מיך נישט געלאָזט רוען. ווען אַלע שטוביקע האָבן שוין געהאַט משלים געווען מיט דעם וואָס איז געשען, האָב איך נאָך געזוכט און געגישטערט צו דערגיין ווהין דאָס וועש איז אַהינגעקומען.

איך האָב גוט געדענקט ווי די מלמדטשיכע, גענענדל די טיקערין, האָט אַ מאָל דערציילט ווי אַזוי שדים האָבן איר צוגעגנבעט דעם פֿײַערטאָפּ פֿון אונטערן קלייד.

די מעשׂה איז געווען אַזוי: מיט איר אייגענעם מונד האָט זי געהאַט אויפֿגעבלאָזן די קוילן אין פֿײַערטאָפּ און מיט אירע אייגענע הענט אים אַרונטערגעשטעלט אונטערן קלייד. די וואַרעמקייט איז איר זיך צעגאַנגען איבער אַלע איברים. פּלוצים האָט זי דערפֿילט אַ קעלט אין די ביינער. זי הייבט אויף דאָס קלייד — ווײ און ווינד, נישטאָ דער פֿײַערטאָפּ. זי האָט איבערגעדרייט די שטוב, געזוכט און געגישטערט וווּ נאָר אַ ווינקל און דער פֿײַערטאָפּ — ווי די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען. די מלמד־טשיכע האָט נישט גערוט. עס מעג איר קאָסטן דעם מלכס אוצר און זי מוז דעם פֿײַערטאָפּ געפֿינען. אין די ווינטער־טעג איז ער איר גאַנצער אַנהאַלט.

אין די טעג פֿון תּמוז, ווען עס שטעלן זיך די גרויסע היצן, האָט דער שמש אויסגערייניקט די שמעס פֿון דער ווײַבערשול, זיי אַוועקצופֿירן אויפֿן בית־החיים און זיי קובר זײַן. ערשט זײַן האַנט טאַפּט אָן אַ האַרטע זאַך. ער דעקט אָפּ די שמעס און זעט: ס'איז אַ פֿײַערטאָפּ מיט דעם גאַנצן אַש און אַפֿילו מיט נישט אויסגעברענטע קוילן. האָט ער די שמעס קובר געווען אויפֿן בית־החיים און דעם פֿײַערטאָפּ געטראָגן צו זיך אַהיים. ערשט אַנטקעגן אים קומט אָן די מלמדטשיכע, גענענדל די טיקערין, און זי דערזעט: דער שמש טראָגט איר פֿײַערטאָפּ. זי וואָלט אים דערקענט פֿון אַ מײַל ווײַט. פֿרעגט זי דעם שמש:

„ר' עזריאל, פֿון וואַנען קומט צו אײַך מײַן פֿײַערטאָפּ? מ'האָט דאָך מיר אים אַפֿוירגעגנבעט פֿון אונטערן קלייד!"

האָט דער שמש געזאָגט ווי אַזוי עס איז געווען און געגענדל האָט אַ ביטערן קרעכץ געטאָן:

„אונדזערע זינד מוזן זײַן גאָר־גאָר גרויסע אויב אין שטאָט איז שוין נישטאָ קיין מקום וווּ די שדים און נישט־גוטע זאָלן נישט אַרומבראַיען".

בין אויך איך געווען זיכער אַז איך דאַרף זוכן די אבידה ביז איך וועל זי געפינען.

איך האָב באַצײַטנס איבערגעלעבט די פרייד ווי ווען איך וועל אַהײמ־לויפן צו דער מאַמען און איר אָנזאָגן די בשׂורה:

„מאַמע, איך האָב געפונען דאָס וועש!"

מײַן מאַמע איז געווען צוגעבונדן צו אירע לײַלעכער און ציכן. זי פלעגט מיך אפילו שיקן אין אַפטייק־סקלאַד צו קויפן שמעק־פּאַפּיר און זי פלעגט מיט דעם טליִענדיקן שמעק־פּאַפּיר אָנרויכערן אין אַלמער די לײַלעכער און ציכן זאָלן שמעקן. איך האָב געוווסט, אַז שדים און נישט־גוטע קענען פאַרשלעפּן זאַכן אַפילו אויסער דער שטאָט. האָב איך אין איינעם אָן אינדערפרי פאַרקערוועט פונעם וועג אין חדר אַרײַן און אַוועק אויסער דער שטאָט, צום וואַלד, אפשר וועל איך אויפן וועג דורך די פעלדער אָדער אין אַ קנייע אין וואַלד גופא אויסגעפינען אַ לײַלעך, אַ ציכל, אָדער אַפילו בלויז אַ שטיקל לײַוונט פון דעם נעלם געוואָרענעם וועש. אויפן וועג האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָ און דאָרט זע איך עפּעס פון דעם וואָס איך האָב געוואָלט געפינען, אָבער אַז איך בין צוגעקומען נאָענט איז גאָרנישט געווען פון דעם וואָס ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.

אַז מײַן רבי האָט אין יענעם טאָג געזען, אַז איך בין נישט געקומען אין חדר אַרײַן, האָט ער געשיקט דעם בעלפער ער זאָל זען וואָס ס'איז מיט מיר דער מער. מיט זײַן קומען האָט דער בעלפער גאָר שטאַרק איבערגעשראָקן מײַן מאַמען. ווי אַלע גוטע מאַמעס טראַכטן באַלד איבער דאָס ערגסטע, האָט אויך מײַן מאַמע נאָכגעטראַכט, אַז אפשר בין איך אַוועק צום טײַך, אָדער אפשר בין איך אַוועק צום זדרוי־ברונעם הינטער דער שטאָט, ווו דאָס וואַסער שפּיגלט אָפּ בעסער פון דעם קלאָרסטן שפּיגל און ער ציט צו זיך. אָדער אפשר האָבן מיך ציגײַנערס פאַרכאַפּט און פאַרשלעפּט אין זייער לאַגער איך זאָל פירן זייערע בערן?

פאַר נאַכט בין איך צוריקגעקומען אַהיים אַ רויט־אָפּגעברענטער און אַ הונגעריקער און אָן דעם מינדסטן צייכן פון דער גניבה. איך האָב נישט געזאָגט דעם אמת פאַר וואָס איך בין איינער אַליין אַוועק אויסער דער שטאָט. איך האָב געוווסט, אַז אַזוינע זאַכן טאָר מען נישט ברענגען פאַרן מויל. די נישט־גוטע קענען ווערן דערצאָרנט און נעמען נקמה, ווי זיי האָבן גענומען נקמה אין אונדזער קרוב.

אַז כ'האָב באַהאַלטן דעם סוד פאַר זיך, האָב איך ווײַטער געקענט נישטערן און זוכן. איך האָב דורכגענישטערט דעם בוידעם פון אונדזער הויז, אַ בוידעם וואָס האָט געשמעקט מיט טרוקענעם שטרוי און פסחדיקע כּלים. האָב איך דאָרט געפונען אייעלעך, וואָס פייגל האָבן געהאַט געלייגט און פאַרגעסן זיי אויסצוברייען. און אויך צוויי קיזלשטיינער אין דער גרייט פון מענטשלעכע פויסטן מיט סימנים פון אײַנגעוואַקסענע פינגער. פון דעם ווי איך האָב שוין דעמאָלט געקענט טייטש־פינגער, אָפּגעבראָכענע פון די הענט פון שדים, וואָס פירן צווישן זיך מלחמה, האָב איך פון די קיזלשטיינער פאַרשטאַנען, אַז איך בין אויפן ריכטיקן וועג. וואָרום עס קען זײַן, אַז די צוויי קיזלשטיינער זענען אָפּגעבראָכענע פויסטן פון יענע שדים, וואָס האָבן בײַ מײַן מאַמען אומזיסט און אומנישט צוגענומען איר וועש. אַז איך האָב מער גאָרנישט געפונען אויפן בוידעם, האָב איך דורכגענישטערט די שטעלער אויף דעם הויף פון אונדזער הויז. אין די שטעלער האָב איך צעראָיעט טשאַטעס מײַז, וואָס אין שרעק זענען זיי געקראָכן אויף די גלײַכע ווענט. צו מאָל האָב איך איבערגעוועקט אַן אײַנגעדרימלטן טכויר, וואָס האָט זיך באַצײַטנס פאַרקליבן אין דער שטאָל צו טשאַטעווען ביז די הינער וועלן פאַרנאַכט צוריקקומען, זיך אײַנזעצן אויף די לייטערס, דרימלען מיט פינטלענדיקע אויגן וועגן ווערעמלעך און פעטן האָבער. דעמאָלט וועט דער טכויר זיך צוגנבענען צו די לייטערס, מיט זײַן עיפּוש וועט ער די הינער פאַרטומלען און זיי אויסוואָרגן.

איין מאָל האָב איך די וועש געזען נישט אין חלום, נאָר אויף דער וואָר. ס'איז געשען איין איינציק מאָל. נישט מער. עס איז געווען אַ ווינטער שפּעטער. ווי דער שטייגער אין ווינטער האָבן מיר געלערנט אין חדר ביזן אָוונט. אַז דער שניי בעט אויס די ערד, איז אַלע מאָל אין דרויסן האַלב־נאַכט און האַלב־טאָג. ציט עס צו גליטשן זיך, צו פירן מלחמה מיט שניי־קוילן און זיך טאַרלען אין שניי, וואָס שמעקט מיט „סאַכאַרמאַראָזש“. פלעגן מיר, ייִנגלעך, אַרויס פון חדר אין אַ פריילעכער טשאַטע, ווי גרויסע צעטשוויטשערטע פייגל. די אָנגעצונדענע לאַמטערנדלעך האָבן דעם בלויען דרויסן באַצירט מיט ראָזע פלעמלעך. ס'האָט זיך געוואָלט בלײַבן אין דרויסן וואָס לענגער. נאָר אַלע מאָל איז געשען, אַז נישט אָפּגערעדטערהייט איז די טשאַטע קינדער געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענער און קלענער, איינציק־ווײַז נעלם געוואָרן אין די געסלעך און אין די שאָטנס פון די הײַזער. און אַזוי בין איך אַ מאָל געבליבן איינער אַליין. איך האָב געהאַט דעם ווײַטסטן

וועג אַהיים, פון דער צווייטער זײַט שטאָט. ווי נאָר איך בין אַרויס פון דער שולגאַס צום מאַרק, האָב איך געהערט ווי די ליידיקייט הויערט, אַזוי ווי פון שניי אַרויס וואָלט געקומען אַ שעפּטשען.

די איינציקע לעבעדיקע זאַך אויפן מאַרק איז געווען די פּלומפּ, וואָס פון איר שעפּן אַלע וואַסער. נאָר וואָס מער איך האָב זיך צו דער פּלומפּ דערנעענטערט אַלץ וויניקער לעבעדיק איז זי געוואָרן און אין אַ רגע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זי טשאָטעוועט אויף מיר. אָט באַלד וועט זי אויסשטרעקן איר אַנטאײַזן מיט דעם שווערן באַלם, מיך בענדיקן, צודריקן צו זיך און איך וועל פאַרפרוירן ווערן. אָן ווערטער האָב איך געבעטן מײַן לאַמטערנדל עס זאָל זיך נישט פאַרלעשן, איך זאָל נישט בלײַבן אין גאַנצן אַליין. וואָס נעענטער אַלץ העכער איז געוואָרן דאָס שעפּטשען, ביז פון דעם שעפּטשען איז געוואָרן אַ שטיל סאָפּעניש. דאָס האָט די וואַסערפּלומפּ געסאָפּעט, ווי זי סאָפּעט ווען מען פּאָמפּעט זי. איצט האָט זיך איר האַנט־אײַזן אַליין באַוועגן. ניין, נישט אַליין, נאָר אַ דורכזיכטיק געשטאַלט מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ דעם האַנטאײַזן. קיין וואַסער שטראָמט נישט. דער קאָפּ פון אַ מין לייב, אָדער פון אַ ווילטיער מיט קורצע אויערלעך, וואָס פון אים קומט אַרויס אַלע מאָל דאָס וואַסער פון דער פּלומפּ איז איצט אַ ריזיקער קאָפּ פון אַ ווילקאָלאַק, מיט אָפענע גרויסע שליפּיעס ווי קאַטשענע אייער. אין אַזאַ צײַט טאָר מען נישט פאַרמאַכן די אויגן, מעג דער פּחד זײַן ווי גרויס. מען קען געניזקט ווערן. האָב איך געקוקט אויף דעם דורכזיכטיקן געשטאַלט וואָס הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ דעם האַנטאײַזן, בעת פון דעם ריזיקן פיש־פּיסק פונעם ווילקאָלאַק קומט נישט אַרויס קיין טראָפּן וואַסער. מיט קליינטשיקע טריטעלעך האָב איך זיך אַרויסגעמאַכט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם. אומקוקן זיך טאָר מען נישט אין אַזאַ צײַט, און לויפן טאָר מען אויך נישט. די נישט־גוטע האָבן עס נישט ליב. איך האָב אפילו נישט געוואָלט צואײַלן מײַנע טריט, נאָר פון דעם סקריפּ פונעם שניי אונטער מײַנע שטיוועלעך האָב איך געוווסט, אַז איך פאַרליר נישט קיין צײַט.

איך בין געווען אויסער דעם מאַרק. כ'האָב בלויז געהאַט אַ קורץ געסל דורכצוגיין, כדי צו זײַן אין דער היים. האָב איך אַפילו פון דער ווײַטנס דערזען ווי עס באַוועגן זיך גרויסע פלאַכטעס. אויף דעם הויף פאַר אונדזער הויז, אויף אַ לאַנגן שטריק, וואָס זײַנע עקן זענען אָן גאַרנישט אָנגעבונדן, האָבן זיך געהוידעט לײַלעכער און ציכן און העמדער, וואָס זייערע אַרבל

באַוועגן זיך ווי די העמדער וואָלטן זיך שטילערהייט געקריגט. קליינע שטיקלעך וועש רײַסן זיך אָפּ פונעם שטריק און כאַפּן זיך צוריק אָן אָן אים און הענגען ווײַטער. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, אָבער אָן דעם מינדסטן ווינטל. דאָך די שטיקער וועש האָבן זיך געפּעכערט ווי זיי וואָלטן געיאָגט געוואָרן פון אַ ווינט. איך האָב געציטערט פון פּחד און פון פרייד. עס הענגט דער מאַמעס וועש! די לײַלעכער, די ציכן, די העמדער — אַלץ איז אונדזערס!

כּדי צו זײַן זיכער אין דעם וואָס איך זע, האָב איך זיך דערנענטערט און אָנגעטאַפּט דאָ אַ לײַלעך, דאָ אַ ציך און אַ ציכל. זיי זענען געווען האַרט פאַרפרוירן, ווי עס איז מיט וועש וואָס מען הענגט אַרויס צו טריקענען אין אַ פראָסט.

מיט דעם פּחד און מיט דער פרייד בין איך אַרײַנגעפאַלן אין דער היים און אויסגערופן:

„מאַמע, כ׳האָב געפונען דאָס צוגעגנבעטע וועש! עס הענגט אין דרויסן, די לײַלעכער, די ציכן!"

די מאַמע האָט זיך צוליב עפּעס נישט איבערגענומען מיט מײַן בשׂורה. זי האָט מיך אָנגעקוקט און צוגעלייגט איר גוטע וואַרעמע האַנט צו מײַן שטערן.

„בלויז אין משיחס צײַטן, מײַן קינד, וועלן גנבים צוריקגעבן וואָס זיי האָבן געגנבעט", האָט די מאַמע געזאָגט.

„מאַמע, כ׳האָב נישט קיין היץ! כ׳בין געזונט! כ׳האָב מיט מײַנע אייגע־נע פינגער אָנגעטאַפּט די געפרוירענע לײַלעכער! אויף מײַנע נאמנות!"

„שווער נישט, מײַן קינד, אַ ייִד טאָר נישט שווערן" האָט די מאַמע ווידער געזאָגט.

איך האָב נישט צו רו געלאָזט. איך האָב אָנגעכאַפּט דער מאַמעס האַנט און זי געצויגן נאָך זיך, זי זאָל אַרויסגיין מיט מיר אין דרויסן צו איר וועש.

די מאַמע האָט אָנגעטאָן איר פאַרטעך, כּדי צו זײַן זיכער פון וועגן שדים און נישט־גוטע, פאַרוואָרפן אויף אירע אַקסלען די שווערע וואָלענע פאַטשיילע און זי איז מיר נאָכגעגאַנגען אין דרויסן. אַ גרויסע פרייד, ווי אַ קוואַל ליכט, האָט זיך צעליכטיקט אין מיר. נאָר באַלד ווי מיר זענען אַרויס פון פאַדערהויז, האָט זיך די פרייד אין מיר פאַרלאָשן, ווי אַ ווינט

לעשט אויס דאָס פלעמל פון אַ לאַמטערן. גאָרנישט איז געווען אויפן הויף — נישט קיין שטריק, נישט קיין וועש. די מאַמע האָט געגלעט מײַן קאָפּ און אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט. איך בין געווען פאַרשעמט און פאַרלוירן: איצט האָבן די שדים און נישט־גוטע מיך באַגנבעט. נייך, ס'איז אַ גוזמה צו זאָגן, אַז זיי האָבן מיך באַגנבעט. זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט, איך זאָל אָפּנאַרן מײַן גוטער מאַמען.

די פאַרכישופטע יוכבד

אין שטעטל האָט מען זי גערופן „די שיינע יאָכוועד״. זי האָט געוווינט מיט אירע עלטערן אין דעם זעלבן הויז אין וועלכן מיר האָבן געוווינט. כאָטש איך בין דעמאָלט געווען אַ קליין ייִנגל, מען קען זאָגן אַ קינד, האָט מיך געצויגן צו איר קאַמער. מעגלעך, אַז געצויגן צו איר האָט מיך נישט בלויז איר שיינקייט. יוכבד האָט געהאַט אַ שפּיגל, וואָס האָט אויסגעשפּילט אַ לוסטיקן ניגון. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דער ניגון האָט אַ נאָמען — „דער בלויער דונײַ״, אַ וואַלץ פון יאָהאַן שטראַוס. נאָר ווי אַ קליין ייִנגל בין איך געווען זיכער, אַז דער שפּיגל האָט אין זיך אַ כּישוף, אַז ווי נאָר יוכבד זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן אים און נעמט זיך קעמען אירע לאַנגע האָר, אַזוי וועקט זיך אויף דער שפּיגל צו זײַן ניגון.

ווי יוכבד איז געווען אויסטערליש שיין אַזוי אויסטערליש זענען געווען אירע האָר: זייער לאַנגע און גלײַכע ווי זײַדענע פעדעם, און געגלאַנצט האָבן זיי ווי דער אַטלאַס פון דער יום־טובדיקער קאַפּאָטע פון איר פאָטער דעם אַמשינאָווער חסיד. זי פלעגט אַריבערוואַרפן אויף דער ברוסט אַ העלפט פון איר האָר־אוצר און זיי קעמען מיט אַ גרויסער קאַם, מיט געלאַסענע ציִען צום טאַקט פון דעם ניגון, וואָס דער שפּיגל האָט אויסגעשפּילט. פון צווישן די קאַם־ציין האָבן די האָר געקנאַקט און צו מאָל פלעגט צווישן דער צעכוואַליעטער גלאַנציקער שוואַרצקייט אַרויסבליצן אַ פײַערדיקער פונק. איך האָב דעם פונק געוואָלט כאַפּן, נאָר איידער איך האָב אויסגע־שטרעקט מײַנע קליינע הענט איז ער צוריק נעלם געוואָרן אין דער טיפער

גלאַנציקער שוואַרצקייט. יוכבד האָט געלאַכט און אויך מיטגעפּילט מײַן אַנטוישונג. האָט זי געפּרוווט אַרויסקעמען אַ נײַעם פּונק פֿאַר מײַנעטוועגן. איך בין געשטאַנען נעבן איר ווי אַ פֿאַרכּישופֿטער און אויך אַ באַטויבטער פֿון דעם שיינעם ניגון אַז איך האָב אַפֿילו נישט געהערט די רופֿן פֿון מײַן מאַמען, וואָס האָט אַלע מאָל מורא געהאַט, אַז איך וועל זיך אַוועקקלײַבן צום טײַך, ווו עס לויערן אויף קינדער אויסטערלישע סכּנות.

רייזל, יוכבדס מאַמע, פֿלעגט אַלע מאָל פֿאַנגען די בליקן פֿון פֿרעמדע מענטשן, אַזוי פֿון מאַנצבילן ווי פֿון נקבֿות, זיי זאָלן נישט גלאָצן אויף איר שיינער טאָכטער, מחמת אַ דורשטיק גלאָצעניש איז גורם אַן עין־הרע.

יוכבד — זי האָט געמעגט דעמאָלט אַלט זײַן זיבעצן, אָדער אַכצן יאָר — האָט ליב געהאַט זיך צו פּוצן, די העלע ליכטיקייט פֿון אירע פּיאָלעט־פֿאַרביקע אויגן זאָלן שײַנען נאָך מער ווי זיי האָבן געשײַנט. אַ ווײַס, צי אַ רויט בענדעלע אין די האָר איבער איר העלן שטערן, און איר פּנים איז געווען ענלעך צו אַ רייפֿן גלוסטיק־שמעקעדיקן עפּל אויף אַ בוים בײַם גלח אין סאָד, דאָרט איבער דעם פּלויט, ווו עס איז פֿול מיט סוד און סכּנה. פֿלעגט די מאַמע רייזל זוכן צעדריוולטע שמאַטעס, אָפּגעשאָסענע טראַנטעס און פֿאַרגעלטע פֿון נוצן דרילכענע שקאָרמיצן אָפּצוזעצן קעזן, כּדי מיט זיי צו פֿאַרדעקן די שיינקייט און פֿאַרבאָרגן דעם רייץ פֿון איר טאָכטער. זאָלן די קנאה־בליקן פֿון פֿאַרבײַגייערס פֿאַלן אויף אַלע וויסטע פֿעלדער און וועלדער און נישט אויף יוכבדן. כּדי איר טאָכטער זאָל נאָך מער זײַן אָפּגעהיט פֿון אַן עין־הרע האָט זי איר אָנגעהאָנגען איבערן האַלדז אַ קמע, אַ לעדערן בײַטעלע, וואָס האָט באַהאַלטן אין זיך אַ שטשיפּטע פֿעפֿער, אַ לעק זאַלץ און אַ נאָדל אַז דער וואָס וועט אויף איר אַ גלאָץ טאָן מיט אַ שלעכט אויג, זאָל האָבן זאַלץ אין די אויגן, פֿעפֿער אין דער נאָז און שטעכעניש אין האַרץ.

אין די שבתים, אין דער עזרת נשים, פֿלעגט רייזל בעטן צום מעכטיקן אין הימל ער זאָל וואָס שנעלער צושיקן פֿאַר יוכבדן דעם באַשערטן זיווג, וואָרום אַזוי שנעל ווי זי וועט געהאָלפֿן ווערן וועט מען איר אויף צו מאָרגנס נאָכן לייגנספּירן מערטשעם אָפּשערן די האָר און זי וועט מער נישט זײַן קיין גלוסטונג פֿאַר פֿרעמדע אויגן אויסער פֿאַר איר מאַן. אַזוי האָט רייזל מתפּלל געווען כאָטש שדכנים פֿון אַלע עקן וועלט האָבן אָפּגעשלאָגן די שוועל פֿון איר הויז מיט שידוכים פֿון תּורה, יחוס און עשירות. נאָר נישט אַזוי יוכבדס פֿאָטער, לייזער דער אַמשינאָווער חסיד, ווי רייזל איז געשטאַ־

נען אין גרויסן, געדרייט מיט דער נאָז און געוואָלט וואָס אַ מאָל העכער און העכער. לייזער וואָלט באַשטאַנען צו טאָן אַ שידוך בלויז מיט תּורה און יחוס, צי מיט יחוס און עשירות, און אפשר אַפילו בלויז מיט תּורה, נאָר רייזל וויל אַלע דריַי, וואָרום אין פּירשטלעכע פּאַלייען קען יוכבדל איַינשטיין און אויך אין זיי וועט איר שיינקייט לײַכטן מער ווי אַלע ליכטער אונטער די באַלקנס.

דער שטעטלשער וואַלד־סוחר ר׳ אהרון האָט זיך געקוואָפּעט צו האָבן יוכבדן פאַר אַ שנור. ער האָט נישט געשיקט צו לייזערן און רייזלען קיין שדכנים; ער איז אַליין געווען דער שדכן. ער האָט איַינגעטענהט מיט זיי, אַז יוכבד פּאַלט אַריַין ביַי אים אין שמאַלץ־גרוב, וואָס קיין צווייטער צו אים איז נישטאָ אין דער וועלט. וועגן יחוס איז אָפּגערעדט. דורות צדיקים און רבנים שטייען הינטער אים. וואָס שייַך עשירות וועט ער זיי, לייזערן און רייזלען, פאַרטרויען אַ סוד: ער איז נאָך רייַכער ווי דאָס שטעטל רעדט. אמת, ער וועט פאַר אייגענע שטעטלשע נישט לייקענען: זיי ווייסן עס אַליין, אַז ווען זיַין בן־יחיד דער חתן־בחור איז געווען אַ פּיצל קינד, איז ער איַינגעפאַלן, נישט היַינט געדאַכט, און איז שפּעטער גענעזן געוואָרן מיט אַ געליימט פיסל און אַ ביסל אַן אויסגעקרומט מיַילעכל. נאָר דאָס קעפּעלע איז געבליבן פיַיערדיק ווי פון זיַינע זיידעס — שלמהלע האָט געלערנט אין דער לאָמזשער ישיבה און זיַינע דריַי מאָל ח״י בלאַט גמרא קען ער אויסנווייניק. ער, ר׳ אהרון, וועט נעמען יוכבדן אין איין העמד, אַזוי ווי זי שטייט און גייט, ער וועט זי הילן אין אַטלאַס און אין זיַיד.

לייזער איז גרייט געווען צו לאָזן זיך איבעררעדן. ער ווייסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן. ר׳ אהרונס עשירות איז נישט קיין אויסגעטראַכטע. זיַינע וועלדער ציִען זיך אַוועק אויף מיַילן וויַיט, זיַין געהילץ שווימט אויף אַלע טיַיכן פון פוילן אַזש ביז דאַנציק, און שלמהלע איז אַ בן־יחיד. וואָס מער קען מען וועלן פון אַ שידוך? איַי די מויד קווענקלט זיך, וויל נישט הערן פון אַ מאַן, וואָס שלעפּט אַ פוס און האָט אַן אויסגעקרומט מויל, האָפט ער, לייזער, אַז מיט גוטנס וועט ער יוכבדן איבעררעדן. אַ טאַכטער דאַרף הערן וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן. רייזל איז געווען אין דער זעלבער דעה, אַז אַ קינד דאַרף הערן וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן, אָבער איר דעה איז געווען די זעלבע וואָס פון יוכבדן. זי איז נישט קיין בבל זי זאָל מוזן נעמען אַ קאַליקע פאַר אַ מאַן.

ר׳ אהרון האָט נישט מותּר געווען, ווי ער פּלעגט נישט מוותּר זײַן אויף אַ וואַלד, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף אים אַן אויג, אַז ער מוז זײַן זײַנער. עס מעג דונערן און בליצן און יוכבד וועט זײַן זײַן שנור. אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט צו לייזערן און רייזלען. רייזל האָט דרײַ מאָל אָפּגעשפּיגן, וואָרום אין ר׳ אהרונס ווערטער האָט זי געהערט אַ בייזע דראָונג.

פון דעם וואָס שדכנים האָבן אָפּגעשלאָגן די שוועל און ר׳ אהרון דער שטעטלשער גביר קוואָפּעט זיך זי זאָל זײַן זײַן שנור איז יוכבד נאָך שענער געוואָרן. זי האָט זיך געקוויקט מיט איר אייגן געשטאַלט אינעם שפּיל־שפּיגל און מיט דרײַ פינגער באַרירט די לעדערנע קמע צווישן אירע יונגע בריסטן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך אַליין געבן אַן עין־הרע.

אַזוי ווי עס שטייט געשריבן, אַז פערציק טעג פאַרן געבוירן ווערן פון אַ מענטש ווערט אין הימל באַשטימט זײַן זיווג, אַזוי איז איין מאָל דער זיווג פון יוכבדן געקומען צו איר אין הויז: דער אַמשינאָווער רבי האָט געלאָזט וויסן זײַן חסיד, אַז דער אין הימל האָט אים צוגעשיקט אַ שידוך מהשמים פאַר זײַן צניעותדיקער בתולה, אַ שידוך מיט תורה, מיט יחוס און מיט עשירות אויך. און באַלד האָט דאָס שטעטל געוווּסט, אַז די שיינע יאָכוועד גייט ווערן די שנור פון ר׳ העניכל דעם וואַרשעווער גביר, וואָס איז אַ מקורב פון דעם אַמשינאָווער אדמו״ר. דער חתן איז אַן עילוי, אָנגעשטאָפּט מיט תורה און מיט חכמה ווי אַ מילגרוים.

ר׳ אהרון דער וואַלד־סוחר איז אַרײַנגעפאַלן אין גרימצאָרן הלמאי די קבצנים שטייען אין גרויסן און נישט געוואָלט אים געבן זייער טאָכטער פאַר אַ שנור. איידער וואָס־ווען האָט ער געלאָזט צעטראָגן אין שטעטל, אַז וואָס שייך דעם עילוי, וואָס מען דערציילט וועגן אים, ווייסט מען נאָך נישט, אויב ער האָט נישט קיין געליימטן פוס, צי איז ער נישט געליימט ערגעץ אַנדערש־ווו. אפילו דעמבענע ביימער אין וואַלד האָבן זיך יעדער זײַן אייגענעם מום.

אין איינעם אַ טאָג האָבן לייזער און רייזל מיט זייער טאָכטער שטי־לערהייט זיך אַרויסגעמאַכט פון שטעטל, כדי נישט אויפצורײַסן לײַטישע אויגן. אויף דעם פערד־און־וואָגן האָבן זיי זיך אַרויפגעזעצט אַ מײַל ווײַט פון מענטשישע אויגן. יוכבד האָט דעמאָלט געבליט ווי דער ווײַנשל־בוים הינטער איר פענצטער. אין יענעם פרימאָרגן ווען זי האָט זיך געגרייט צו דער נסיעה האָט זי שנעל פאַרקעמט אירע האָר פאַר דעם שפּיגל און אַפילו נישט געמאַכט ער זאָל שפּילן. רייזל האָט געאײַלט און אַ געאײַלטע האָט

יוכבד פאַר דעם שפּיגל געלאָזט ליגן די קאַם מיט די אַרויסגעקעמטע האָר צווישן די קאַם־ציין.

שפּעטער, ווען דאָס אומגליק איז געשען, האָט רייזל דערציילט פאַר יעדן וואָס האָט געוואָלט הערן, אַז יוכבד איז דורך די וואַרשעווער מחותּנים אויפגענומען געוואָרן ווי אַ פּרינצעסין. פונעם ערשטן בליק האָט זי נושׂא־חן געווען אין זייערע אויגן, טאַקע ווי עס איז אָנגעצייכנט געווען אין הימל. די מחותּניתטע, דבורהלע, האָט בײַם צווייטן כּיבוד אַראָפּגענומען פון איר האַלדז אַ גאָלדענע ירושה־קייט און זי אָנגעטאָן אויפן האַלדז פון יוכבדן. ‚מיט דאָברע מזל זאָלסטו זי טראָגן, טאָכטערשי!‘ אַזוי האָט דבורהלע געזאָגט — ‚טאָכטערשי‘.

דער חתן איז יוכבדן שטאַרק געפעלן. און כאָטש ר׳ הענעכל איז געווען אַן אָפּגעהיטענער ייִד, האָט ער געזאָגט צו לייזערן, וואָס איז געווען נישט ווייניקער אָפּגעהיטן, אַז ער האָט גאָרנישט דערקעגן די קינדער זאָלן זיך איבערשפּאַצירן אין קראַשינסקיס גאָרטן. סײַ ווי זעט מען באַשײַמפּערלעך, אַז דער זיווג איז פון הימל.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָבן די מחותּנים אָפּגעשמועסט דעם זמן פון שרײַבן תּנאים.

אויף צו מאָרגנס, ווען זיי האָבן זיך געגרייט צוריקצופאָרן אַהיים, איז יוכבד געפאַלן אין חלשות. אַז מ׳האָט זי אָפּגעמונטערט האָט זי זיך צעהעשעט ווי אַ קליין קינד און מער נישט אויפגעהערט וויינען. איין דאָקטאָר האָט געזאָגט: ס׳איז פון שטאַרקער איבערלעבונג. אַ צווייטער האָט געטענהט: ס׳איז גאָרנישט. אַ טאָג צוויי און ס׳וועט איבערגיין. אַ דריטער האָט גע־פּסקנט: אַ באַהאַלטענע שלאַפקייט וואָס דאַרף ערשט קאַפּויער קומען.

האָט רייזל געזאָגט: „וואָס עס זאָל נישט זײַן איז ליבערשט צו זײַן אין דער היים; אויפן אייגענעם מיסט איז דאָס לעבן נישט וויסט״.

און אַזוי זענען זיי אַהיימגעקומען מיט אַ קראַנקער יוכבד. במשך איין וואָך איז פאַרשוווּנדן די פרישקייט פון איר געשטאַלט, איבער אירע ליכ־טיקע אויגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וואָלקן, און ווי זי האָט פון אָנהייב נישט אויפגעהערט וויינען, אַזוי איז זי שפּעטער אַנטשוויגן געוואָרן אַז קיין וואָרט פון איר מויל איז נישט געווען אַרויסצובאַקומען.

דער אונטערגעשפּאַרטער שפּיגל אויפן טישל איז געבליבן פאַריתומט. ער האָט מער נישט אויסגעשפּילט זײַן לוסטיק־פאַרוויגנדיקן ניגון. די קאַם, ווי יוכבד האָט זי איבערגעלאָזט נעבן שפּיגל, אַזוי איז זי געלעגן.

דער שטעטלשער פעלדשער, יאַנקל דער באַרבער, האָט געפּסקנט, אַז אויב די דאָקטוירים אין וואַרשע ווייסן אפילו נישט וועגן זייער לײַב און לעבן, איז אַ סימן, אַז דאָס איז עס: מ'דאַרף אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע. פון גאָרנישט ווערט אַ שיינע מויד קראַנק ווי פון אַן עין־הרע. האָט זיך רייזל דערמאָנט, אַז בעת זיי האָבן זיך געקליבן קיין וואַרשע האָט יוכבד נישט געוואָלט מיטנעמען אויף זיך די לעדערנע קמע. טאָמער דער וואַרשעווער חתן וועט אַ קוק טון אויף איר און דערשנאַפּן, אַז זי טראָגט אַ קמע, וועט ער מסתמא חוזקן פון איר, אַז זי איז אַ פּראָווינצער מויד. אַזוי האָט זי געזאָגט און אַזוי האָט זי געטאָן.

איז יאַנקל דער באַרבער גערעכט. טאָמער וואָלט ס'גוט־אויג געגעבן געוואָרן אין שטעטל, וואָלט מען זיך געקענט דערמאָנען ווער עס האָט אַ שלעכטן גלאָץ געטאָן אויף דער מויד. וואָלט מען גערופן דעם און יענעם, ער זאָל זי אָפּבלאָזן, אָפּשפּייען דרײַ מאָל און דעמאָלט וואָלט דאָס אָפּשפּרעכעניש געוועזן לײַכטער. אָבער אַז אונטערוועגנס און אין וואַרשע האָבן הונדערטער אויגן געקוקט אויף יוכבדן, איז גיי און זוך אַ נאָדל אין שטרוי.

איז רייזל אַוועק צו גדליה דעם בעל־קריאה, וואָס האָט אָפּגעשפּראָכן עין־הרעס, אים דערמאָנט ווי זי הייסט און אים געזאָגט דעם נאָמען פון דער קראַנקער — יוכבד בת רייזל, און געבעטן מיט אַ געבראָכן קול ער זאָל אָפּשפּרעכן מיט כוונה. איז גדליה אַוועק אָפּטובלען זיך אין אַ קאַלטער מקווה און מיט גרויס כוונה באַשוואָרן אַלע משחיתים, נישט־גוטע, פאַרוואָרפענע און יענע לײַט, וואָס האָבן עין־הרע־אויגן, זיי זאָלן אָפּטאָן זייער שליטה פון דער בתולה יוכבד בת רייזל און אַז דאָס בייזע, וואָס ווערט אָפּגעשיידט פון איר זאָל אַוועק צו אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער.

גדליהס גוטע כוונה האָט נישט געהאַט קיין פּעולה. יוכבד איז געבליבן פאַרזונקען אין איר דערשלאָגנקייט. מיט כוח האָט מען געמוזט זי צווינגען צו נעמען אַ לעפל געקעכץ אין מויל אַרײַן. מיט כוח האָט מען זי אויסגעצוואָגן און מיט כוח האָט די מאַמע אָפּגעווישט די טרערן פון אירע באַקן. יוכבד האָט נישט געוואָלט לעבן.

אַלע סגולות וואָס וועלכעס ווײַב אין שטעטל האָט דערוועגן זיי געוווּסט זענען געפּרוּווט געוואָרן. געהאָלפן האָבן זיי נישט. האָט לייזער געזאָגט:

„איך פאָר צום רבין. דער אַמשינאָווער צדיק מוז פאַר מײַן טאָכטער אײַנרײַסן דעם הימל. ער איז מסוגל! איך וועל נישט אָפּטרעטן פון אים ביז עס וועלן זיך פאַר מײַן קינד נישט עפענען די טויערן פון חסד".

און ער איז געפאָרן, געלאָזט שרײַבן אַ קוויטל, כאָטש דער רבי האָט אים גוט געקענט און אים אַפילו אָנגערופן בײַם נאָמען. דער אַמשינאָווער צדיק האָט חוקר געווען דעם פאָטער ווי זײַן טאָכטער וואָלט חלילה־וחס געהאַט אַראָפּ פונעם דרך־הישר. ער האָט עס געטאָן מתּוך דעם שטאַרקן רצון צו העלפן זײַן חסיד אין אַ שעה פון קלעמעניש. אפשר איז די בתולה פאַרקאָכט געווען אין אַ שטעטלשן יונגנמאַן און זי האָט דערוועגן מורא געהאַט צו דערציילן אירע עלטערן? אַזוינע מיני זאַכן טרעפן זיך בעוונותינו הרבים. אפשר זענען די עלטערן געווען צו שטרענג צו איר? אפשר האָט זיך אַזאַ פאַל אַ מאָל געטראָפן אין דער משפחה?

לייזער האָט אויף די און אַנדערע שאלות געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„ניין, הייליקער רבי. גאָרנישט פון דעם און פון יענעם. אַ גאָלדן קינד איז מײַן יוכבד. צניעותדיק ווי די מאַמע רחל און זי שטרעקט דאָס לעבן פאַר טאַטע־מאַמע. נאָר אַ כישוף איז צו איר אָפּגעטאָן געוואָרן!"

דער צדיק האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט צום אויער און פאַר־קוועטשט די אויגן:

„איך וויל נישט הערן, לייזער! אַ ייִד טאָר נישט רעדן וועגן כישוף. כישוף איז עכו"ם רחמנא לצלן. פאַר אַהיים, לייזער. מיטן אייבערשטנס הילף וועל איך טאָן וואָס אין מײַנע כוחות. השם־יתברך וועט העלפן".

לייזער האָט וואָרט בײַ וואָרט איבערגעחזרט פאַר זײַן ווײַב וואָס אַלץ דער רבי האָט געפרעגט און וואָס ער האָט געענטפערט און ביידע האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן עס זאָל זיך פאַר זיי באַווײַזן דער נס פונעם אַמשינאָווער צדיק.

דערווײַל איז יוכבד טיפער געזונקען אין זיך אַליין. איר שיין געשטאַלט איז פאַרצערט געוואָרן. די אַמאָליקע ליכטיקע ראָזקייט פון איר פּנים איז אָפּגעווישט געוואָרן און איר געשטאַלט האָט באַקומען אַ געל־גרינלעכע פאַרב.

אין אירע שלאָפלאָזע נעכט האָט רייזל ווידער און אָבער איבערגעחזרט פאַר זיך אַלץ וואָס דער מאַן האָט איר דערציילט וועגן דעם רבין. די ווערטער וועגן כישוף און אַז כישוף איז עכו"ם, צו וואָס אַ ייִד טאָר זיך נישט צורירן, זענען אַרויסגעשוווּמען אויבנאויף. מיט יעדער נאַכט זענען די ווערטער געוואָרן שאַרפער. כישוף! נישט אַנדערש נאָר צו איר קינד איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ כישוף. און דאָ פּסקנט דער צדיק, אַז אַ ייִד טאָר

אפילו וועגן דעם נישט טראַכטן. זי האָט געפּורכט נאָך אַמאָל וועגן דעם אַלעם איבערצורעדן מיט איר מאַן. פון דעם וואָס דער רבי האָט געזאָגט וואָס ער האָט געזאָגט, וועט לייזער נישט אָפּטרעטן — נישט אַ טריט אויף רעכטס און נישט אַ טריט אויף לינקס. פון ביידע זײַטן פון דעם רבינס פסק ליגן וויסטע תהומות, וואָס מען קען חלילה אין זיי געניזוקט ווערן. האָט רייזל אַליין זיך געראַנגלט מיט אירע מחשבות וועגן כּישוף, און אין איר בידנעם ווײַבעריש וויסן וועגן וואָס אַ ייִד מעג און וואָס ער טאָר נישט, האָט זי געזוכט אַ היתר.

הלמאי מעג אַ ייִד עסן חזיר־פעטס פאַר פּיקוח־נפש? אויף צו ראַטעווען אַ נפש בישׂראל איז מען מתּיר אַפּילו די געדערעם פון שרצים, פיש אָן שופּן, אַלע קריכיקע מיני שאַלאַמויזן, וואָס אַ ייִד טאָר זיך צו זיי נישט צורירן. ווען דאָס אַלץ וואָלט געקענט העלפן יוכבדן, וואָלט עס דער אַמשי־נאָווער צדיק פאַר איר מתּיר געמאַכט. פאַר וואָס זשע זאָל מען נישט טאָרן אָפּטאָן פון אַ כּישוף, אויב צו איר קינד איז געטאָן געוואָרן כּישוף?

צוריק געשמועסט, ווען האָט יוכבד געטאָן אַן עוולה, ער זאָל איר אָפּצאָלן מיט כּישוף? זי איז דאָך די גוטסקייט אַליין! און ווען האָבן זיי, זי און איר מאַן, געטאָן, חלילה, שלעכטס ער זאָל שטראָפן זייער טאָכטער מיט כּישוף? אין דער הייליקייט שטייט אפילו געשריבן ,אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה׳, אָבער רייזל פילט נישט זי זאָל עמעצן האָבן געטאָן אַפּילו די מינדסטע עוולה.

ווי ערב יום־כּפּור, ווען מען איז זיך מודה פאַר אים־אין־הימל פון די באַגאַנגענע זינד, אַזוי האָט רייזל געזוכט און געגנישטערט אין זיך ווען זי האָט ווען עס איז געטאָן שלעכטס, און זוכנדיק איבערן שטעטל איז זי דערגאַנגען צו ר׳ אהרון דעם וואַלד־סוחר, וואָס זי האָט נישט געוואָלט געבן איר יוכבד פאַר אַ ווײַב צו זײַן שלמהלע, וואָס שלעפּט אַ פוס און האָט אַן אויסגעקרומט מויל. ער, ער איז דער איינציקער, וואָס האָט אַוודאי געוואָלט זיך נוקם זײַן אַז אויב יוכבד וועט נישט זײַן זײַן שנור, וועט זי נישט זײַן קיינעמס. ער, אהרן, איז האַרט ווי אַ שטיין, און אַז עמעצער שטעלט זיך אים אַנטקעגן, גייט ער איבער אים אַריבער און צעמאַרשטשעט אים.

רייזל האָט אין זיך פאַרבאָרגן אירע מחשבות אַז קיין ילוד־אישה זאָל פון זיי נישט וויסן און געזוכט דעם וועג צו אַ פּותר־כּישוף.

אויף ווי וויַיט יידן אין שטעטל האָבן געקענט סגולות, אָפּשפּרעכענישן, פּסלענישן, קריַיטעכצער־רויכן, שמירעכצער וכדומה, אַזוי זענען זיי געווען אויסגעהיט פון כּישוף. די וועלכע האָבן געפּראַוועט כּישוף זענען געווען די זעלבע, וואָס פלעגן ביַי יידן וויַיסן די קופּערנע פאַנען צו כּשרן זיי ערב פּסח: ציגיַינערס.

דאָס ציגיַינער־פאָלק האָט געלעבט ערגעץ אין דער נאָענט, נאָר קיינער האָט נישט געוווסט וווּ. אָט קומען זיי אין שטעטל, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער דער ערד, און אָט ווערן זיי נעלם ווי די ערד וואָלט זיי איַינגעשלונגען. האָט רייזל אָנגעהויבן נאָכקוקן און זי האָט דערווישט זייער באַהעלטעניש — פון יענער זיַיט וואַלד, אין אַ פּליכיקן טאָל.

אַז רייזל האָט נאָכגעפרעגט וועגן פון צווישן זיי עס קען זיך אויס אויף כּישוף, האָט מען איר אָנגעוויזן אויף אַ חרובער בויד ביַים ראַנד פונעם לאַגער. ביַי דער בויד האָט זיך מיט אַ בינטל שטרוי געפּאַשעט אַ פערד הויט און ביינער. זיַין אייטערדיקער זאַד איז געווען באַדעקט מיט טשאַטעס פליגן, וואָס די חיה האָט מער קיין כּוח נישט געהאַט זיי אַוועקצוטריַיבן פון זיך. אונטער דער בויד איז געלעגן אויסגעצויגן אַ הונט — אויך הויט און ביינער, וואָס אַז ער האָט דערזען רייזלען איז ער געווען פויל זיך אויפצוהייבן, און אַז ער האָט געוואָלט בילן אויף איר, האָט ער קיין כּוח נישט געהאַט דערויף. דערנעבן האָבן זיך אין אַ קליינעם קריַיז געדרייט צוויי גראָע קעץ מיט אויפגעהויבענע ציטערנדיקע וויידלעך. האָט רייזל געפרעגט מיט די אויגן: ,נו, ווו איז דער כּישוף־מאַכער?' האָט עמעצער מיט אַ גראָבן פינגער איר אָנגעוויזן זי זאָל זוכן אין דער בויד. זי האָט דאָרט געפונען אַן אַלט איַינגעדאַרט באַשעפעניש, וואָס דערזעענדיק רייזלען איז עס אַרויסגעשפּרונגען פון שטרוי ווי אַ יונגער שד, און נאָכגעצויגן נאָך זיך דעם ריח פון מענטשלעכער השתנה. דאָס באַשעפעניש איז געווען אַן אַלטע אויסגעטריקנטע ציגיַינערין, מיט אַ צעקנאָדערט פּנים, ווי עס וואָלט געווען געפלאָכטן פון די פעדעם פון אַ טרוקענעם לולב, די האָר צעפלאָשעט און מיט אַרויסגעזעצטע רויטע שליפּיעס, ווי די אויגן פון אַ רציחהדיקן בולדאָג — אין גאַנצן אַזאַ ווי עס ווערט געמאָלן אַ מכשפה אויף צו שרעקן קליינע קינדער.

מיט ציטערניש פון קוקן אויף דעם באַשעפעניש האָט רייזל געפרעגט:

„צי קענסטו אַוועקנעמען דעם כּישוף וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן צו מיַין אָרעמער טאָכטער?"

האָט די אַלטע זיך צעלאַכט מיט אַ לאַכן אין איר פינצטער מויל ווי דאָרט וואָלט זיך געוואָרפן אַן אָנגעגליט שטיינדל אין אַן אײַזערן טעפּל ביים כשרן אויף פּסח:

„אויף דעם האָט מיר גאָט געגעבן יאָרן איך זאָל צו זײַנע ברואים אָפּטאָן כּישוף און דעם כּישוף אויך מבטל מאַכן".

רייזל האָט זיך פאַרקלאָגט:

„מײַן טאָכטער איז אײַנגעפאַלן. נישט זי עסט, נישט זי שלאָפט און זי ווייסט נישט פון קײַן לעבן, נאָר רק זי וויינט און קלאָגט ווי זי וואָלט געשלוכצט אויף דעם חורבן בית־המקדש".

האָט די מכשפה מיט דאָרע טײַביש־פינגער אָוועקגעשאַרצט אירע קאָלטונעס פון פאַר אירע שליפיעס און געזאָגט:

„אַזוי איז מיט אַלע די וואָס מען טוט זיי אָפּ כּישוף, זיי וויינען און קלאָגן".

„וואָס זאָל איך טאָן דו זאָלסט אָפּטאָן דעם כּישוף פון מײַן אָרעם קינד?" האָט רייזל אויסגעשטרעקט אירע הענט צו דער אַלטער.

און זי האָט געזאָגט: „דו דאַרפסט גאָרנישט טאָן; איך וועל אַלץ טאָן. דו וועסט דערפאַר באַצאָלן פיר מאָל פיר און פערציק, דרײַצן מאָל דרײַצן און זיבן מאָל זיבן".

„אַזוי פיל?" האָט זיך זעלדע געדונגען.

די אַלטע האָט זיך געקראַצט אין אירע קאָלטונעס און אויסגעשמעקט דעם דרויסן ווי אַ סכּנה וואָלט אָנגעקומען:

„איך האָב איבערצוקויפן די שלעכטע רוחות און אויך די גוטע. אַלע האָבן זיי ליב געלט. אַפילו די קאָשעצן און די כאַפּליקעס און אַזוי ווי די יידן" האָט די מכשפה ווידער אויפגעלאַכט מיט איר קײַכעדיק געלעכטער אין דעם פינצטערן מויל.

„צי עסן זיי דען, צי ווייסן זיי דעם טעם פון לעבן, די רוחות, די קאָשעצן און די כאַפּליקעס וואָס אויך זיי האָבן ליב געלט?"

די אַלטע האָט מיט אַ פײַף אויסגעשנײַצט די נאָז און אָנגעשטעלט אירע רויטע שליפיעס אויף זעלדען אַזוי אַז איר האָט זיך אויסגעדאַכט: דער מכשפהס קאָפּ האָט זיך איבערגעדרייט קאַפּויער, מיט די קאָלטונעס צום האַלדז און מיט דעם גאָרגל צום הימל:

„אַלץ וואָס באַוועגט זיך אויף דער וועלט און האָט אַ שטשיפּטע כּוח צו טאָן גוטס, אָדער צו טאָן שלעכץ, לעכצט נאָך שוחד. נעם אַוועק דעם

שוחד, נאַריש ווײַב, און די וועלט וועט אײַנפאַלן ווי אַ הויז אָן אַ פונדאַמענט. פון די פיר מאָל פערציק, דרײַצן מאָל דרײַצן און זיבן מאָל זיבן וועט מיר קוים בלײַבן אויף אַ בינטל שטרוי פאַר מײַן פערד, וואָס וועט די היפּטע וואָך פּגרן, אויף אַ ביין פאַר מײַן הונט, וואָס האָט שוין צוויי פון זײַנע אייגענע פיס אויפגעגעסן פון הונגער, און אויף זיבן מײַזלעך פאַר מײַנע קעץ — פיר פאַר דעם קאָטער און דרײַ פאַר דער מיאַוקערין".

האָט רייזל פאַרקאַשערט איר ספּודניצע, דערנאָך די באַרכאַנקע, דערנאָך די האַלקע און זיך דערקליבן צו דער קעשענע פון די מײַטקעס און פון דאָרט אַרויסגעצויגן איר קניפּל. פון דעם קניפּל האָט זי אַרויסגעבונדן אַ גרויסע קופּערנע מטבע, אַזאַ וואָס מען לייגט צו צו אַן אויפגעלאָפענע בײַל אויפן שטערן, און זי אַרײַנגעלייגט אין דער קנאָכיקער האַנט פון דער מכשפה. די אַלטע האָט באַקוקט די מטבע, דערנאָך זי אַרײַנגעוואָרפן אין איר בוזעם, ווו זי איז אַראָפּגעפאַלן ווי אויף אַ בלעך.

„דאָס איז בלויז אַ קליינער האַנטגעלט" האָט זיך די אַלטע באַוואָרנט מיט אַ דראָענדיקן קרעכץ „און איצט ווײַז מיר דײַן האַנט".

רייזל האָט נישט גערן אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט זי נישט צורקבאַקומען. די מכשפה האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט, דערנענטערט איר האַנטפלאַך צו די אויגן און שנעל און שטום געלייענט אין די שפּעלטעלעך און קנייטשן. זי האָט אונטערגעזופּט מיט דער נאָז און נאָך יעדן זופּ איז געקומען אַ באַגלייטונג פונעם מויל:

„האַ—האַ, האַ—האַ, האַ—האַ" און צום סוף אַן אומגעדולדיקער אויסרוף: „איך מוז זען דײַן טאָכטער איידער עס ווערט צו שפּעט!"

אויף צו מאָרגנס, ווען לייזער איז געווען אין בית־המדרש בײַם דאַווענען, האָט זיך אין זײַן הויז אַרײַנגעשאַרט די מכשפה. רייזל האָט פאַרריגלט די טיר און פאַרשאַרצט די פאַרהאַנגלעך איבער די פענצטערס. די אַלטע האָט אויסגעשמעקט דעם אַוויר אין די קאַמערן אַזוי ווי אַ יאָגהונט שמעקט צו דעם פּלאַץ, ווו ס'איז געפאַלן דער טראָפּיי פון זײַן פאַן, און אַזוי ניוכענדיק פון קאַמער צו קאַמער איז זי צוגעפאַלן צום פאַרשטומטן שפּיל־שפּיגל און זי האָט זיך צעלאַכט מיט איר אומהיימלעך געלעכטער פון דערזען איר אייגן געשטאַלט. מיט די טײַביש־פינגער האָט זי געפירט איבער דעם קנאָדער פון איר אייגן פּנים און דערנאָך זענען אירע הענט געפאַלן אויף דער קאַם, וואָס איז געלעגן בײַם שפּיגל זייט דאַן ווען יוכבד האָט אין אײַלעניש און צום לעצטן מאָל פאַרקעמט אירע האָר. די מכשפה

האָט אויפגעהויבן די קאָם צום ליכט פון פאָר אירע אויגן און זיך ווידער קײַכיק צעלאַכט:

„אָט איז די איין און איינציקע האָר וואָס איז געבליבן פון דעם פליק אויף אָפּצוטאָן כּישוף. מזל האָסטו, יידישקע, וואָס דער איינציקער האָר איז געבליבן ווי אַן אָנהענג פאָרן לעבן, אַנישט וואָלט שוין דײַן טאָכטער נישט געלעבט".

„שפּײַ אויס!" האָט רייזל אויסגערופן אַ דערשראָקענע.

„הלמאי זאָל איך אויסשפּײַען?" האָט דאָס מאָל די אַלטע געזאָגט שטיל און צו זיך אַליין.

רייזל האָט פאַרבראָכן די פינגער און באַלעקט אירע פלוצעם טרוקן געוואָרענע ליפּן:

„ראַטעווע מײַן קינד. זע וואָס פון איר איז געוואָרן. אַ בת־מלכּה איז זי געווען. אין פירשטלעכע פּאַלייען האָט זי געקענט אײַנשטיין".

„זי וועט נאָך אײַנשטיין!" האָט די מכשפה אַ שאַרפן גלאָץ געטאָן אויף יוכבדן, וואָס איז אין יענער רגע געווען ערגעץ ווײַט, ווײַט ווו די וועלט האָט קיין עק נישט.

די אַלטע האָט די איינציקע האָר פון דער קאָם אַרומגעוויקלט אַרום איר פינגער, גענומען אין אירע הענט די קאָם ווי מען נעמט אַ מויל־פידל אויף צו שפּילן און זיך אײַנגעשמעקט אין איר ווי נישט נאָר זי וואָלט געזוכט אין איר אַ ריח, נאָר אויך אַ באַהאַלטענעם קלאַנג.

„די האָר פון דעם פליק זענען פאַרפּלאָכטן אין כּישוף" האָט די מכשפה פירגעזאָגט מיט אַ טרוקן קול „דער געפּלעכט איז באַגראָבן נישט ווײַט און נישט טיף. בײַ נאַכט וועט זײַן אַ רעגן. ער וועט אָפּשווענקען די ערד, נאָר דעם כּישוף וועט ער נישט אַנטבלויזן. א י ך וועל אים אַנטבלויזן. די שפּיצן פינגער וועלן אַנטבלויזן די באַשווערונג אויף די שלעכטע רוחות, די קאָשעצן און די כאָכליקס, די מויד, וואָס אירע האָר זענען פאַרפּלאָכטן אין דעם כּישוף, זאָל אַרויס פון איר קלעם".

ערשט ווען די מכשפה איז אַוועק און אָנגעזאָגט רייזלען זי זאָל אויף מאָרגן אין קאַיאָר, צו גלײַך מיט דעם געקריי פון הענער אויף טאָג האָבן צוגעגרייט אין אַן ערדן טעפּל פיר מאָל פיר און פערציק, דרײַצן מאָל דרײַצן און זיבן מאָל זיבן, האָט יוכבד אויפגעהויבן איר קאָפּ צו דער מאַמען און געפרעגט אַ שאלה צום ערשטן מאָל זײַט וואָכן:

„וואָס וועט זי קאָכן אין דעם טעפּל?"

רייזל האָט דערשטיקט אין זיך די איבעררעשונג און געענטפערט:
„אַ רפואה שלמה פאַר דײַנעטוועגן, מײַן קינד".

פאַר טאָג, מיט דעם געקריי פון די הענער, נאָך איידער דער שמש האָט מיטן הילצערנעם האַמער אָנגעקלאַפּט אין די לאָדנס און גערופן צו עבודת הבורא, האָט די אַלטע ציגײַנערין אָנגעקלאַפּט אין רייזלס לאָדן. זי איז געווען גרייט מיט יוכבדן. שטיל, שטיל, לייזער דער אַמשינאָווער חסיד זאָל זיך נישט איבערוועקן, האָבן זיי זיך ארויסגעשאַרט פון הויז און נאָכגעגאַנגען דער אַלטער ציגײַנערין. מיט איין האַנט האָט רייזל געפירט יוכבדן ווי זי וואָלט געפירט נאָך זיך אַ בלינדע, און אין דער צווייטער האָט זי געהאַלטן פאַר זיך דאָס ערדענע טעפּל מיט אָפּגעציילטע מטבעות, ווי אַ בעטלערין נאָך נדבות. זיי זענען אַריבער דאָס געסל, דעם מאַרק, דעם שולהויף, די מקווה, די בריק איבערן טײַך. פון אַלע זײַטן שטעטל האָבן געקרייט די הענער אויף טאָג. איינער האָט איבערגעקרייט דעם צווייטן. יונגע הענדלעך האָבן געקרייט שאַרף און הויך; אַלטע האָבן געקרייט ניגונדיק און לאַנג. די מכשפה האָט געוואָרפן אַ בליק הינטער זיך, צי רייזל מיט דער טאָכטער שפּאַנען נאָך איר.

זיי זענען געגאַנגען ביז זיי זענען אַרויף אויפן בערגל, וואָס פון יענער זײַט אַראָפּגיי ליגט דער בית־עלמין. רייזל האָט זיך פלוצים פאַרהאַלטן מיט האַרצקלאַפּעניש:

„וווהין פירסטו אונדז — האָט זי געפרעגט מיט ציטערניש — צי דען זענען מיר חלילה געשטאָרבן, וואָס דו פירסט אונדז אויפן גוטן אָרט?"

זי האָט שוין נישט געהאַט די שליטה איבער אירע פיס. כאָטש די מכשפה האָט נישט געענטפערט, איז זי ווײַטער געגאַנגען מיט פרעמדן כוח און געצויגן נאָך זיך יוכבדן. די מויד האָט מיט אַ שלוכץ געשלונגען דעם פרימאָרדיקן טוי, וואָס האָט געגנידערט אין אַ וואָלקן. דער הימל האָט זיך מיט אַ בלייכן גאָלדיק־רויטלעכן שטרײַף געשפּאָלטן צו אַ נײַעם טאָג ווען די דרײַ האָבן באַטרעטן דאָס גראָז פון בית־החיים. די אַלטע האָט זיך מיט אַ טופּ מיט די פיס פאַרהאַלטן, אויסגעשמעקט דעם דרויסן דאָ פון רעכטס און דאָ פון לינקס. זי האָט מיט דער נאָז עפּעס געזוכט אין דער לופטן. פלוצים האָט זי זיך אײַנגעבויגן און מיט שנעלע, קורצע טריטלעך אַוועקגעאײַלט צו די מצבות בײַם פלויט, ווו עס זענען די קברים פון

געשטאָרבענע ווײַבער אין קימפעט; פון אַזעלכע, וואָס נעמען זיך דאָס לעבן און פון פּושעים, וואָס זענען בפרהסיא חוטא געווען קעגן די דינים פון דער תּורה.

„אָט דאָ!" — האָט די מכשפה אויסגערופן.

מיט אימפּעט האָט זי זיך פאַרהאַלטן נעבן דער מצבה איבער אַ קבר וווּ מיט כּמה וכמה יאָרן צוריק איז געקומען צו קבורה אַ בתולה, וואָס האָט מורד געווען אונטער דער חופּה: בעת איר באַשערטער האָט זי געדאַרפט מקדש זײַן, איז די כּלה אַנטלאָפן פון אונטער דער חופּה. האָט זי קהל געיאָגט אַזוי ווי מען יאָגט אַ הונט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטער דעם שוחטס חלף. זי איז געלאָפן פײַל אויסן בויגן ביז אירע כּוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט און זי איז געפאַלן נעבן דעם ברונעם וואָס אין מיטן מאַרק. אַז קהל האָט זיך אײַנגעבויגן איבער דער כּלה האָט עמעצער אויסגערופן „ברוך דיין אמת". די כּלה איז געווען טויט. די אַלטע ציגײַנערין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און מיט אירע טײַביש־פינגער אָנגעהויבן גראָבן אונטער דער הינטערשטער זײַט פון דער מצבה, אַזוי ווי עס גראָבט אַ קאַץ די ערד פאַר איר געברויך, און אויסגעגראָבן אַן ערדן טעפּל:

„נאַ דיר דײַן טעפּל און גיב מיר מײַן טעפּל!" — האָט די מכשפה מיט בײדע הענט געשטופּט דאָס אויסגעגראָבענע טעפּל צו רייזלס ברוסט.

אין דעם ליכט פון דעם יונגן טאָג האָט די מאַמע אָפּגעדעקט דאָס ערדענע טעפּל און אַרײַנגעקוקט אין זײַן חלל. אויף זײַן דנאָ איז געלעגן אַ קניילעכל שוואַרצע האָר.

„פאַרברען זיי!" האָט די ציגײַנערין אויסגעקראַקעט ווי אַ קראָ און זיך צעלאַכט מיט דעם געלעכטער פון איר פינצטער מויל.

די נאַכט פון דעם טאָג איז יוכבד אײַנגעשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף. רייזל האָט געוואַכט איבער איר. צוויי מאָל האָט זי מיט אַ קינדל באַלויכטן איר פּנים און זי וואָלט געשוואָרן, אַז אויף דער טאָכטערס ליפּן האָט גע־שוועבט אַ שמייכל פון אַ זיסן חלום. באַגינען האָט זיך יוכבד אויפגעכאַפּט ווי זי פלעגט זיך אויפכאַפּן אין אַלע גוטע צײַטן. זי איז אַראָפּ פון איר געלעגער און פונעם געלעגער געגאַנגען צום שפּיגל. דאָס אויערל פון דעם שפּיל־געווערק האָט שטיל געקרעכצט בײַם אָנדרייען עס און אַז דער שפּיגל האָט זיך צעניגונט האָט יוכבד פאַרוואָרפן אויף איר ברוסט אַ בינטל פון אירע האָר און אין זיי אײַנגעשניטן די ציין פון דער קאַם.

דער מכשף פון סטריִעוו

גאַנץ סטריִעוו איז געווען זיכער, אַז פון דער חליצה פון לייב דעם שמיד און זײַן שוועגערין לאה וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. עס איז נישט געמאָלט, האָבן די לײַט געזאָגט, אַז נאָך דעם כּישוף, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן צו זײַן ברודער, שלמה סטרײַקער, און צו לאהן, זאָל ער איצט זי לאָזן אַ שפּײַ טאָן אויף אים אין חליצה. אַז מען וועט דערלעבן וועט מען זען, אַז ער וועט אַפילו זײַן פוס נישט וועלן אַרײַנשטעקן אינעם חליצה־שיכל.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דעמאָלט ווען לייב דער שמיד, אַ יונגער בחור, אַ גבר, מיט אַ פּאָר אויגן ווי ליכטיקע לאַמטערנס, און מיט אַ פּעך־שוואַרצער גזשיווע ווי אַ שטורעם־וואָלקן, האָט געשיקט זײַן פּאָטער צו לאהס עלטערן, זיי זאָלן אים געבן זייער טאָכטער פּאַר אַ ווײַב. ער וועט זי נעמען ווי זי שטייט און גייט. ער דאַרף נישט קיין נדן, ער דאַרף נישט איר אויסשטײַער, ער דאַרף אַפילו נישט אירע עלטערן זאָלן פּראַווען די חתונה. ער נעמט אַלץ אויף זיך.

דער אַלטער שמיד האָט אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, מיט די פינגער פאַרקעמט די באָרד און אַוועק צו לאהס עלטערן. ער האָט צו זיי גערעדט פון גאַנצן האַרצן אַרויס. כּדי זיי זאָלן גלויבן זײַן יעדעס וואָרט האָט ער מיט די פויסטן פון זײַנע גרויסע און שטאַרקע הענט געקלאַפּט זיך אין דער ברוסט ווי אין אַ קעסלפּויק:

„איך וועל נישט לייקענען, אײַער לאה איז שיין ווי די זון אין הימל, נאָר ווען איר וואָלט געוווּסט וואָס פאַר אַ ברילאַנטן האַרץ עס פאַרמאָגט מײַן לייב, וואָלט איר אַליין געזאָגט, אַז אַ פּרינצעסין וואָלט זיך געהאַלטן אין גרויסן ווען זי קריגט אַזאַ מאַן. געזונט איז ער ווי... ווי... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ווי אַן אָגער. געטרײַ — נישטאָ קיין צווייטער צו אים אין דער וועלט. פערד דערלאַנגען אים אַליין אין די הענט אַרײַן זייערע פיס ער זאָל זיי אָפּשמידן. אַז ער צעזינגט זיך בײַ דער אַרבעט זשאַרען אויף די קוילן אונטערן בלאָזזאַק פון זיך אַליין. טאָמער וואָלט איר געהערט מײַן עצה וואָלטן מיר זיך די מינוט געווונטשן מזל־טוב״.

האָבן לאהס עלטערן געשטעלט פאַרן גאַסט טיי מיט אײַנגעמאַכטס און געענטפערט אַזוי:

„דער אין הימל טיילט צו יעדן איינעם זיין אוצר. איינעם גיט ער געלט דעם צווייטן גיט ער פעלדער און וועלדער. אַ דריטן גיט ער מלכות. אונדז, געבענטשט אין גערימט און געלויבט זאָל ער זײַן, האָט ער געגעבן דעם טײַערסטן אוצר אויף דער וועלט — אונדזער טאָכטער. ס׳איז אַ סוד אויסצוזאָגן איר גוטסקייט. איר צניעות איז אֵין־לשער. אלא וואָס דען? הײַנטיקע צײַטן זענען אַנדערע צײַטן. קינדער זענען אויפגעקלערט. שעמען זיך אַז אַ שדכן טרעט אַריבער די שוועל. טאָמער לאָזט איר פאַלן אַ וואָרט: דער און דער וואָלט געווען אַ גלײַכער שידוך, וועט שוין פון דעם שידך גאַרנישט אַרויס־קומען. פון דעסטוועגן וועט מען זען. אפשר, כ׳ווייס?״

כאָטש סטריזשעוו איז אַ שטאָט וואָס יעדער איינער ווייסט וואָס עס קאָכט זיך אינעם צווייטנס טעפּל, האָט קיין ילוד־אשה נישט געוווּסט, אַז הינטער די פּלייצעס פון דער גאַנצער וועלט פירט לאה אַ ליבע מיט לייב שמידס ברודער, שלמהקע סטרײַקער. ערשט שפּעטער, ווען עס איז געשען וואָס עס איז געשען, האָבן זיך לײַטן דערמאָנט, אַז איין מאָל האָבן זיי געזען לאהן און שלמהקע סטרײַקער ווי זיי האָבן בײַ אַ גוי הינטער דער שטאָט געטרונקען מילך גלײַך פון דער קו. האָבן אויך לאהס עלטערן נישט געוווּסט וואָס סטריזשעוו האָט נישט געוווּסט. האָבן זיי געזוכט און געפונען אַ שעת־הכּושר צו זאָגן לאהן מיט וואָס דער אַלטער שמיד איז געקומען צו זיי. האָט זי זיך אויף אַ רגע נישט פאַרלוירן און געזאָגט אַזוי:

„אין דער זעלבער רגע האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן וואָס איך האָב זיך שוין לאַנג געקליבן אײַך זאָגן: איך און שלמהקע, לייבל דעם שמידס ברודער, האָבן זיך ליב און מיר ווילן שטעלן אַ חופּה״.

די עלטערן זענען געבליבן שטיין געפּלעפּטע. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן הערן זיי אַזאַ זאַך. אָבער ווי נאָר זיי האָבן אַראָפּגעשלונגען וואָס זיי האָבן געהערט, האָט דער פּאָטער געזאָגט:

„מילא, אַז די וועלט איז אַראָפּ פון זינען — דאָס ווייס איך. אַז שלמהקע סטרײַקער וויל אַראָפּוואַרפן דעם קיסר דאָס ווייסן אַלע, אָבער פּאַר וואָס דאַרף עס טרעפן דווקא אונדז? אַז דו האָסט אויסצוקלײַבן צווישן לייבן, וואָס איז אַ גאָלדענער פּאַרדינער, אַ יונגערמאַן וואָס יעדע ייִדישע טאָכטער וואָלט זיך געוווּנטשן אַזאַ צו האָבן פּאַר אַ מאַן, און שלמהקע, אַ לײדיקגייער, אַ סטרײַקער, אַ בונטאָווטשיק קעגן מלכות — פּאַר וואָס זאָלסטו נישט נעמען לייבן פּאַר וואָס?"

האָט לאה געזאָגט: „מיר האָבן זיך ליב".

האָט זיך אַרײַנגעמישט די מאַמע און שיִער זיך נישט צעוויינט:

„אַ נײַע זאַך, ליב־שמיב. פון וואַנען ווייסטו, אַז דו וועסט נישט מער ליב האָבן לייבן ווי דעם צווייטן דאָרט? לייב איז אַ שיינער בחור ווי גאָלד. ער האָט אַן אמנות אין די הענט — ברויט מיט אַ מעסער. און דער דאָרט, ווי הייסט ער דאָרט, שלמהקע, מיינט, אַז פון איבערמאַכן די וועלט וועט ער קענען געבן אַ ווײַב מיט קינדער צו עסן? זדאָכניען חלילה וועט זי בײַ אים".

לאה האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן, נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן. אַפילו מען זאָל זי צעשנײַדן אויף שטיקלעך, האָט זי געזאָגט, וועט יעדעס שטיקל באַזונדער חתונה האָבן מיט שלמהקען.

אַז די זאַך איז דערגאַנגען צו לייבן, איז ער געוואָרן ווילד ווי אַ פערד, וואָס מען גייט עס שמידן צום ערשטן מאָל. ערשטנס איז ער דער בכור און ער דאַרף חתונה האָבן פּאַר שלמהקען. צווייטנס איז אים לאה אַזוי טיף אַרײַן אין האַרצן, אַז ער וועט מיט קיין צווייטער נישט חתונה האָבן. אַפילו די וועלט זאָל אונטערגיין מוז זי זײַן זײַן ווײַב. אין זײַן צאָרן האָבן אים זײַנע אייגענע עלטערן נישט דערקענט. ער האָט אויפגעהערט זינגען בײַ דער אַרבעט, ער האָט געקלאַפּט אינעם געגליטן אײַזן מיט אַזאַ כוח, ווי אין די רײַפן און פּאָדקאָוועס וואָלט ער אויסגעגאָסן זײַן כּעס. דערנאָך האָט ער זיך באַזינען, אַז פון צאָרן וועט אים לאה נישט פאַלן צו די פיס. אַ לײַדע טאָג קען ער זיך דערוויסן, אַז ס'איז שוין נאָך

דער חופה, וואָרום שלמהקע וויל אַפילו נישט הערן פון אַ חתונה, פון קלעזמאָרים, דרשה־געשאַנק, וואָס איז, זאָגט ער, קליינבירגערלעך און קלעריקאַל.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט לייב אויסגעטאָן דעם לעדערנעם פאַרטעך און אַוועק צו יאַדוויגע דער טרעפּערקע. יאַדוויגע איז געווען אַ גוטע טרעפּערקע. זי האָט יעדן צוגעטראָפן דאָס טעלערל פון הימל, פאָרויס־געזאָגט גוטע בריוו, אויסגעטײַטשט חלומות צום גוטן, נאָר טאָמער האָט מען איר צוגעזאָגט אַ גוטן לוין האָט זי אויך געקענט אָפּטאָן כּישוף.

האָט לייב איר צוגעזאָגט, דער יאַדוויגען, אַז ער וועט זי אָפּגאָלדן אויב זי וועט פאַרכּישופן לאהן, זי זאָל חתונה האָבן מיט אים. האָט יאַדוויגע געזאָגט, אַז פאַרכּישופן ליב צו האָבן קען זי נישט, וואָרום אַז דער כּישוף טוט זיך אָפּ טוט זיך אויך אָפּ די ליבע. זי קען אָפּטאָן כּישוף צו שלמהקע עס זאָל אים נישט ציִען צו לאהן. און אַז עס הערט אויף צו ציִען — ציט עס שוין מער קיין מאָל נישט. אַזאַ איז דער שטייגער פון ציִען.

האָט לייב געגעבן יאַדוויגען אַ גוטן פדיון און זי האָט צוגעגרייט פאַר אים אַ וואַסערל, אַז אויב ער וועט עס אַרײַנגיסן אינעם עסן פון זײַן ברודער שלמהקע אין דער וואָך פון דער חתונה, וועט עס אים מער נישט ציִען צו לאהן און ער וועט קיין חופה נישט שטעלן. אָבער אין יענער וואָך ווי עס האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן די חופה, איז צו שלמהקע סטרײַקער דערגאַנגען די שמועה, אַז די פּאָליציי קלײַבט זיך צו אים דערפאַר וואָס ער וויל אַראָפּוואַרפן דעם קיסר. האָט ער זיך געפּעדערט און אַוועק פון סטריִעוו. דערנאָך איז פון שטעטל נעלם געוואָרן אויך לאה.

שפּעטער פלעגט זי אַ מאָל קומען צו אירע עלטערן אויף אַ טאָג, צי אויף צוויי טעג און ווידער נעלם ווערן.

סטריִעוו, וואָס האָט אַלע מאָל געוווּסט וואָס עס קאָכט זיך אין אַ צוויטנס טעפּל, האָט נישט געוווּסט, צי האָט לאה געשטעלט ערגעץ אַ חופה מיט שלמהקע סטרײַקער, אָדער ער איז נעלם געוואָרן ערגעץ ווו און זי זוכט אים אַרום. און ווײַל אויך פון אירע עלטערן האָבן די לײַט נישט געקענט אַרויסבאַקומען אַ וואָרט און זיי זענען אַרומגעגאַנגען פאַר־אומערט, איז סטריִעוו געווען זיכער, אַז אַ כּישוף איז דערבײַ: שלמהקע איז אַנטלאָפן פון שטעטל. די ליבע האָט זיך אויסגעלאָזט. בלויז בײַ אים האָט זי זיך אויסגעלאָזט, נאָר זי, לאה, גייט אַראָפּ פון זינען און זי זוכט

אים אין אַלע עקן וועלט. סטריִעוו איז געווען אַזוי זיכער אין דעם, אַז לײַט זענען אַוועק צו יאַדוויגע דער טרעפּערקע, כּדי זיך צו דערוויסן, צי איר האַנט איז דעריִן. יאַדוויגע האָט געשוווירן בײַ אַלע הייליקע, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט, נאָר עס קען זײַן, אַז די האַנט פון די ציגײַנערס, וואָס לאַגערן הינטערן וואַלד, האָבן דעם כּישוף אָפּגעטאָן. אַז כּישוף איז דערבײַ — דאָס זעט מען!

ווי נאָר סטריִעוו האָט געהערט: ,כּישוף׳, האָט דאָס שטעטל מער נישט גערוט. די אַלע וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די ציגײַנערס און די אַלע וואָס האָבן בײַ זיי געוויײַסט זייערע קופּערנע פּאַנען און בעקנס, זענען צוגע־שטאַנען צו זיי, זיי זאָלן אויסזאָגן דעם סוד, צי ווער פון זיי האָט לאהן און שלמהקען אָפּגעטאָן כּישוף. די ציגײַנערס האָבן געלייקנט שטיין און ביין און געשווירן ,פּאַד חרם׳, אַז דאָס מאָל איז עס נישט זייער אַרבעט. עמעצער אַנדערש האָט דעם כּישוף אָפּגעטאָן.

דער חשד איז געפאַלן אויף לייב שמיד. ער האָט געשטרעקט דאָס לעבן לאה זאָל מיט אים חתונה האָבן. אַפילו זײַן אייגענער פאָטער האָט געהאַט דערציילט, אַז דער יונג איז געווען גרייט זי צו נעמען ווי זי שטייט און גייט, אָן נדן, אָן אַן אויסשטײַער. געלט איז בײַ אים בלאָטע. אָן איר איז זײַן לעבן קיין לעבן נישט. נאָר אַז לאה און שלמהקע סטרײַקער האָבן זיך ליב, האָט לייב זיי אָפּגעטאָן אַ כּישוף. אַפילו לויט זײַן שטייגער איז צו זען, אַז ער האָט דעם כּוח פון כּישוף. ער קומט נישט אין ערגעץ, גייט נישט אין ערגעץ, אַלע מאָל בײַם בלאָזזאַק איבער די גליִיקע קוילן. טאָמער רירט ער זיך צו צו אַ פערד, ווערט אים דאָס באַשעפעניש געהאָרכ־זאַם, הייבט אַליין אויף דעם פוס ער זאָל אים אָפּשמידן. אַ מאָל פלעגט ער נאָך בײַ דער אַרבעט זינגען. זײַט די מעשה מיט זײַן ברודער שלמהקע שווײַגט ער, רעדט מיט איינצלנע ווערטער. זײַן שוואַרצע גזשיווע האָט זיך אים נאָך מער אַראָפּגעלאָזט איבערן שטערן און זײַנע אויגן גלאַנצן אַדורך דורך דער גזשיווע מיט כּעס אויף דער גאַנצער וועלט.

אַז קינדער האָבן געהערט די עלטערע רעדן וועגן דעם אַז לייבל דער שמיד האָט אָפּגעטאָן כּישוף זײַן אייגענעם ברודער, זענען זיי געקומען צו דער שמידערײַ אָנקוקן דעם מכשף. אָפּט האָט ער אַפילו נישט באַמערקט ווי די קינדער דרייען זיך צווישן זײַנע רייפן און שטיקער אײַזן. אָבער די קינדער האָבן יאָ געזען, אַז די שטיקער אײַזן וואָס ער ציט אַרויס מיט אַ לאַנגער צוואַנג פון די זשאַרנדיקע קוילן, זענען אַ סך רויטער

ווי עס איז געוויינטלעך אָנגעגליט אײַזן. אויך זײַן פּנים ווערט דעמאָלט רויטער. רעדן רעדט ער נישט. די קינדער האָבן אַפילו מורא געהאַט צו שטיפן נאָענט צו אים און זיי האָבן מורא געהאַט צו בעטן ער זאָל זיי לאָזן ציִען דעם בלאָזזאַק.

לייב איז געוואָרן אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זיך. אָפּט פלעגט ער בלײַבן שטיין איבער די קוילן, זיך אײַנקוקן אין זיי. צווישן זייער גלי און געדעמפּטקייט האָט ער געזען לאהן ווי דעמאָלט ווי ער האָט זי דערבליקט צום ערשטן מאָל אינעם ווײַסן בלוזקעלע, וואָס האָט זיך געהויבן איבער איר יונגן בוזעם. זי האָט דערפילט זײַנע אויגן און שטיפעריש און אפשר נישט ווילנדיק אים אַ רייץ געטאָן. פון דעמאָלט אָן איז ער צערייצט; נישט אַזוי צערייצט ווי אינערלעך אויפגערודערט, כאָטש פון אויסן זעט מען עס נישט.

אַז ס׳איז פאַרבײַ אַ צײַט און פון שלמהקע מיט לאהן האָט מען נישט געהערט, זענען די עלטערן צוגעשטאַנען צו לייבן ער זאָל טראַכטן וועגן אַ תּכלית. ער איז טאַקע נישט קיין מויד, האָבן זיי אים געטרייסט, פון דעסטוועגן, אַז אַ בחור גייט אַריבער דאָס דרײַ און צוואַנציקסטע יאָר ווערט ער אַ פאַרזעסענער. עס קומט זיי זיי זאָלן האָבן אַ ביסל נחת. מילא, מיט שלמהקען האָט זיי גאָט געשטראָפט, ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן אַ מאַנקאָליע איבערצוקערן די וועלט און, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן, אַראָפּוואַרפן דעם קיסר. טראַכט ער וועגן דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט וועגן זיך. נישט קיין קינד, נישט קיין רינד — אַז זיי וויסן אַפילו נישט ווו ער וואַלגערט זיך אַרום מיט לאהן. האָט זיי דער אייבערשטער פאַרגוטיקט מיט אים, מיט לייבן. דאַרף ער זען טאָן אַ שידוך.

לייב האָט נישט געזאָגט — נישט יאָ, נישט ניין, ער האָט נאָר דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן, אַז ער קען לאהן פאַרלירן אויף אייביק.

די שדכנטע אין סטריִעוו האָט באַלד געזאָגט שה״י פּה״י, עפּעס האָט זי יאָ, עפּעס האָט זי נישט קיין שטיקל שידוך. אויב אין שטעטל סודעט מען זיך, אַז לייב שמיד איז אַ מכשף, צו וואָס פאַרדרייען אַ יידישע טאָכטער דעם קאָפּ? שפּעטער וועט עס אַלץ אויסגיין צו איר און זי וועט פאַרלירן די פּרנסה. שדכנים פון אַנדערע שטעט האָבן זיך געוואָרפן אויפן שידוך מיט לייבן ווי אויף אַן אבן טוב. אַ יונג ווי גאָלד, אַ גבר; אויגן? — אַזעלכע אויגן זעט מען גאָרנישט אין דער וועלט. צוויי ליכטיקע שטיקער זון. זיי האָבן פאַר אים כּלהס, וואָס אַזעלכע האַנדלט מען נישט אײַן אויפן טוץ.

זענען געקומען קיין סטריִעוו קרובים אָנקוקן דעם חתן, כּלומרשט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער שמידערײַ צו פרעגן ווו וווינט דער רב; ווו גייט מען צו דער מיל, און דערווײַל אַ בליק טאָן. זיי זענען צוריקגעפאָרן מיט בשׂורות טובֿות: אַ חתן — אַ חלום! נאָר אַז די מחותּנים האָבן אָנגעהויבן נאָכפרעגן אין שטעטל מכּוח דעם, צי דער חתן איז אַ סטאַטעק, צי איז ער נישט קיין טרינקער, קיין הולטײַ, זענען די שטעטלשע דווקא געווען פאַר־גינערס: ער איז אַ בעסערער שמיד ווי זײַן טאַטע. אַרבעט פון זון־אויפגאַנג ביז מנחה־מעריבֿ. ער פאַרדינט שטיקער גאָלד. אָלאַ וואָס? — גאָרנישט. דאָס איז עס. אַז די מחותּנים זענען צוגעשטאַנען און אָנגעהויבן חוקר ודורש זײַן, האָבן זיי זיך דערוווּסט דורך רמזים, אַז דער חתן־בחור לייב דער שמיד איז, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אַ מכשף. און פון די שידוכים איז גאָרנישט געוואָרן.

אַז נאָך אַ צײַט האָט לייב דערווישט, אַז שדכנים קומען און שדכנים גייען אַוועק און פון אַלע כּלהס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, איז ער געוואָרן נאָך מער געפאַלן בײַ זיך. מסתּמא האָט לאה אים נישט געוואָלט פאַר אַ מאַן צוליב דעם זעלבן פאַר וואָס אַנדערע מיידן ווילן אים נישט. וואָס אַזעלכעס? אין שפּיגל האָט לייב נישט געפונען קיין ענטפער. איין מאָל איז צו דער שמידערײַ פאַרפאָרן אַ וואָגן, וואָס האָט אויפן וועג צעבראָכן אַן אַקס. אויף דעם געשפּאַן איז געזעסן אַ דאָרפישער ייִד און נעבן אים אַ מויד פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט רויטע באַקן ווי זיי וואָלטן געווען אָנגע־קנײַפּט, און מיט אַ פּאָר גרויסע בלאָע אויגן אונטער שוואַרצע דאַכלקע־ווייעס. דער ייִד האָט געפירט זײַן טאָכטער צו זײַנעם אַ קרובֿ אין אַ צווייט דאָרף פון דער אַנדערער זײַט סטריִעוו, כּדי זי צו דערווײַטערן פון אַ שגץ, וואָס האָט זיך אין איר פאַרליאַפּעט און זי האָט זיך אין אים פאַרליאַפּעט. די וועלט זאָגט: ווײַט פון די אויגן — ווײַט פונעם האַרץ. האָט דער דאָרפס־ייִד געטאָן ווי עס זאָגט די וועלט. האָט זיך אים אויפן וועג אײַנגע־בראָכן אַן אַקס און ער איז פאַרפאָרן צום שמיד. האָט לייבל געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין כּישופמאַכער, ער זאָל ביז מנחה־מעריבֿ אויסשמידן אַן אַקס. דער וואָגן מוז בײַ אים איבערנעכטיקן. באַגינען וועט ער זיך נעמען צו דער מלאָכה. האָט דער דאָרפס־ייִד געזאָגט:

„מילא, דער וואָגן קען איבערנעכטיקן אין דרויסן, אָבער ווו וועל איך איבערנעכטיקן מיט מײַן טאָכטער?“

האָט לייבס מאַמע געזאָגט, אַז צווישן ייִדן ווערט מען נישט פֿאַרפֿאַלן און ס׳האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, אַז גאָט אַליין האָט די מויד צוגעשיקט פֿאַר איר לייבן.

שפרה — אַזוי האָט געהייסן די מויד — האָט אין יענעם אָוונט געלאַכט און אָנגעלאַכט אינעם הויז פֿונעם שמיד מער ווי גאַנץ סטריִעוו לאַכט אין אַ חודש. דאָס מאַרקאָטנע הויז איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. די מויד האָט זיך צוגעכאַפּט צום דרײַפֿוס אונטער דער קאַפֿע אָפּצוקאָכן וועטשערע ווי זי וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן. לייבל האָט געקוקט אויף איר, אויף איר לײַביקן גוף, וואָס בײַם באַוועגן זיך רייצט ער אים. אַז זייערע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן איז די לאַכערקע אַרויס מיט אַ נײַ געלעכטער און לייבל האָט מיטגעלאַכט ווי ער האָט שוין לאַנג נישט געלאַכט.

אויף צו מאָרגנס אין דער פֿרי האָט דער יונג געשמידט די אַקס, שפרה האָט געצויגן דעם בלאָזזאַק, די קוילן זאָלן זשאַרען שנעלער, די אַקס זאָל זיך אָנגליִען געשווינדער, האָט לייבל געפֿרעגט:

„וואָס איז דאָס אײַלעניש?״

האָט די מויד געענטפֿערט דורך געלעכטער:

„אויך דו זאָלסט זיך אָנגליִען!״

אַז די אַקס איז פֿאַרטיק געוואָרן האָט דער דאָרפֿסמאַן שוין געהאַט אײַנגעפּאַטשט אין דער האַנט פֿונעם אַלטן שמיד, אַז די קינדער זענען אַ זיווג פֿון הימל, און כּדי זיך אײַנצובורעגען הוצאות, איז אַ סברה מען זאָל די תּנאים מאַכן צוזאַמען מיט דער חתונה.

אַ סך שפּעטער ווי עס איז דער שטייגער, און אומגעריכט, האָט סטריִעוו זיך דערוווּסט, אַז לייבל כּישוף־מאַכער האָט חתונה. און אַז סטריִעוו האָט אונטער דער חופּה געזען שפּרהן האָבן די לײַט געזאָגט: נישט אַנדערש נאָר ער האָט די מויד פֿאַרכּישופֿט, אַ סימן האָבן זיי געזען דערין וואָס צו דער חתונה זענען נישט געקומען דער ברודער שלמהקע סטרײַקער און אויך נישט לאה.

צום חודש נאָך דער חופּה האָט זיך אין סטריִעוו פֿאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז לאה איז צוריקגעקומען אין שטאָט אַרײַן אַ לײדיקע. קיינער האָט זי נישט געזען און קיינער האָט זי נישט געהערט, נאָר סטריִעוו רעדט נישט

סתּם אין דער וועלט אַרײַן. לאה איז געלעגן אויף איר אַמאָליק מיידלש בעט בײַ אירע עלטערן און געשוויגן אַ שווײַגעניש וואָס האָט געשניטן בײַם האַרץ מער ווי ווען זי וואָלט געוויינט. גיט מען איר צו צום בעט זי זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן — עסט זי, טאָמער נישט — קען זי אָפּפּאַסטן צוויי טעג און נישט נעמען קיין לעק וואַסער.

האָט דאָס שטעטל גענומען נאָכשמעקן און דערוויסט, אַז סטריִעוו איז נישט חסר־דעה. די מעשׂה, אַז לייב דער שמיד איז אַ כּישוף־מאַכער איז אמת. זײַן כּישוף מאַכטיקט ווײַטער. זײַט שלמהקע סטרײַקער און לאה זענען אַוועק פון שטעטל האָבן זיי קיין רויִקע נאַכט און קיין רויִקן טאָג נישט געהאַט. ווו זיי האָבן גענעכטיקט דאָרט האָבן זיי נישט געטאָגט. דעמאָלט ווען לייב האָט חתונה געהאַט מיט שפּרהן, זענען שלמהקע און לאה געוועזן פאַרטראָגן קיין לאָדזש. אין יענעם טאָג האָבן די סטרײַקערס זיך צעבונטעוועט קעגן דעם קיסר און מיט אַ רויטער פאָן געגאַנגען איבער די גאַסן. זענען אָנגעלאָפן קאָזאַקן אויף פערד, געהאַקט מיט שאַש־קעס איבער די קעפּ פון די סטרײַקערס און אין זיי געשאָסן. שלמהקען האָט מען אַראָפּגענומען פון דער גאַס אַ טויטן. אָט צו וואָס כּישוף קען אַלץ דערפירן!

סטריִעוו האָט געהאַלטן חשבון און אַרויסגעזאָגט די סברה, אַז איצט האָט לייב געבענדיקט זײַן שוועגעריק, זי וועט זיך פון זײַנע הענט נישט אַרויסדרייען. ווען שלמהקע סטרײַקער זאָל האָבן דערשאָסן געוואָרן ווען לייב איז געווען אַ בחור, וואָלט זי זיך געקענט באַזינען און מיט אים חתונה האָבן. איצט אָבער, ווען ער האָט שוין די דאָרפישע מויד פאַר אַ ווײַב, וועט ער לאהן לאָזן אויף דער פליישבאַנק. ער וועט איר קיין חליצה נישט געבן, ער וועט נישט לאָזן זי זאָל אים אַ שפּײַ טאָן.

דעמאָלט ווען די שטאָט האָט געמאַכט איר חשבון איז לאה געווען מסוכן קראַנק. זי האָט זיך אויפגעגעסן פון דעם צער פון איר טאַטע־מאַמע און פון איר אייגענעם צער. עס איז קוים דערגאַנגען צו איר, אַז לייב האָט חתונה געהאַט. אויב זי האָט נישט געטראַכט וועגן איר לעבן, ווי האָט זי געקענט טראַכטן וועגן דעם לעבן פון איר שוואָגער?

זענען די עלטערן צו איר צוגעשטאַנען: די בראָך, טאָכטערשי, איז אַ גרויסע. דאָס איז אמת. אָבער דער מענטש טאָר זיך נישט מאַכן שולדיק אויסער אין זײַנע זינד. אַלץ קומט פון הימל. וויל ער — הייבט ער עמעצן אַז העכער קען גאָר נישט זײַן; וויל ער — נישט געשטראָפט זאָל מען

ווערן פאַר די רייד — הייבט ער עמעצן אויף ביז צום הימל און ער טוט אים אַ זאַרג צו דער ערד אַז מען דאַרף אַפילו פאַר אים קיין קבר נישט גראָבן. שטייט דאָך געשריבן: „ד׳ נתן ד׳ לקח״ און ס׳איז בעסער דעם מענטש וואָס ווערט נישט געבוירן.

ביסלעכווייַז זענען די ווערטער פון די עלטערן דערגאַנגען צו לאהן. זי האָט אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון בעט, אַרייַנקוקן אין אַ שפּיגל, פאַרקעמען אירע האָר און אויסגלעטן די קליינטשיקע קנייטשעלעך פון ביידע זייַטן אויגן. כאָטש זי איז מער פון צוויי חדשים געלעגן צו בעט, איז איר שיינקייט נישט געמינערט געוואָרן, אַפילו זי איז געוואָרן אויסגעבלייכט ווי זי וואָלט די גאַנצע צייַט געווען פיבער־קראַנק. האָבן זיך שדכנים דערוווּסט, אַז די שיינע אלמנה נאָך שלמהקע סטרייַקער איז גענעזן געוואָרן, אָבן באַלד ווי עס זענען אַריבער די נייַנציק טעג, האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּשלאָגן די שוועל.

פון אָנהייב האָט לאה פאַר אַלע געהאַט דרייַ ווערטער: לאָזט מיך צו רו! דערנאָך האָט זי זיך איבערלייגט, אַז שלמה אין קבר וויל זיכער נישט זי זאָל פאַראומערן אירע יאָרן אַ גאַנץ לעבן. נאָר באַלד האָט מען איר אונטערגעטראָגן אַז סך־הכּל געהער זי נישט צו זיך; זי געהער צו איר שוואָגער, צו לייב שמיד. מיט אים דאַרף זי געבוירן אַ זון אויף שלמהקעס נאָמען.

זייַט זי איז צוריקגעקומען פון איר בראָך האָט זי נאָך לייבס פּנים נישט געזען. זי האָט זיך דערפילט שולדיק און רחמנות געהאַט סייַ אויף אים און סייַ אויף זיך אַליין. איצט, ווי וועט זי זיך שטעלן פאַר אים אין אַזאַ מעמד? אַז ער וועט איר ווייַזן די טיר וועט זי אים גאָרנישט קענען זאָגן.

האָט דער פאָטער געפרעגט בייַם רב אַן עצה. האָט דער רב גערופן צו זיך לייב דעם שמיד און אים געזאָגט, אַז לויטן דין איז ער מחויב צו געבן זייַן שוועגערין חליצה, זי זאָל ווערן פרייַ פאַר אַן אַנדער מאַנצביל. האָט לייב געזאָגט:

„כ׳וועל זיך איבערלייגן״.

האָט דער רב געטענהט צו אים, אַז ער האָט נישט וואָס זיך איבערצולייגן. זייַט דעם איסור פון רבנו גרשום טאָר אַ ייִד נישט האָבן מער ווי איין ווייַב, און ער, לייב, האָט שוין, געלויבט השם־יתברך, אַ ווייַב,

וואָס װעדליק עס איז צו אים דערגאַנגען איז זי אַן אישה צנועה און אַז בעזרת־השם איז זי שוין מעוברת. האָט לייב געזאָגט:

„וואָס בין איך איר, אַ פרעמדער, וואָס זי איז נישט געקומען אַפילו מיך זען? צי האָב איך איר חלילה שלעכטס געטאָן?"

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך לאה אַרײַנגעשאַרט אין דער שמידערײַ. ווי זי האָט זיך אַרײַנגעשאַרט אַזוי איז זי געבליבן שטיין אויף דער שוועל און קיין וואָרט נישט געקענט אויסריידן. כאָטש זי האָט זיך בכּוון אָנגעטאָן ווי אַ שליאָך, אין אַן אָפּגעשאָסן מענטעלע מיט אַן אויסגעקראָכענעם פּוטערנעם קאָלנער, איז ער געבליבן שטיין פאַרבליפט מיט דער לאַנגער צוואַנג אין איין האַנט און מיט דעם שווערן האַמער אין דער צווייטער האַנט. אַזוי זענען זיי געשטאַנען אַנטקעגן איינאַנדער אפשר אַ מינוט און אפשר אַ שעה, ביז לאה האָט געפרעגט:

„וואָס מאַכסטו?"

האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיט זײַן שוואַרצער גזשיווע:

„און וואָס מאַכסטו?"

„אַזוי" האָט זי געענטפערט.

און ווידער זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. נאָך אַ ווײַלע האָט זי זיך אַרומגעקוקט, ווי צו זען צי עמעצער הערט און זי האָט געזאָגט:

„איך בין געקומען דיך בעטן.."

„איך ווייס" האָט ער נישט געלאָזט איר פאַרענדיקן. „איך וועל דיר געבן חליצה דו זאָלסט צו מיר קיין טענות נישט האָבן".

צווישן מנחה און מעריב זענען אַרײַן אין בית־מדרש דרײַ דיינים מיט דעם שמש, און מיט שטאַרקן אימפּעט אָפּגעצוימט אַ גרוימען ווינקל. יונגעלײַט האָבן לשם מצווה געהאָלפן אַוועקרוקן טישן, צוזאַמענרוקן בענק מיט די אָנלענס אויף אַרויס און אין דער מחיצה אַרײַנגעשטעלט אַ דיקע ברעט. כאָטש קײַן איין לאָמפּ אין אין דער צײַט נישט אויסגעלאָשן געוואָרן האָט זיך איבערן בית־מדרש אויסגעשפּרייט אַ טונקעלע מאַרקאָטנעקייט. פון הינטער דער ברעט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט אין דער מחיצה האָבן זיך אַרויסגעצויגן שאָטנס. זיי האָבן זיך געלייגט איבערן עמוד, איבערן בעלעמער, איבער די מתפּללים. לײַט האָבן זיך אויסגעהיט צו קוקן צו דער ברעט, כאָטש דאָס וואָס מ'האָט זיך גערוכט דאָרט צו זען וועט ערשט

זײַן נאָך חצות. דעמאָלט, נאָך חצות, וועט הינטער דער ברעט אַרונטער־קומען די נשמה פון שלמהקע סטרײַקער, וואָס זײַן ברודער וועט מאָרגן אין דער פרי געבן זײַן אלמנה חליצה.

פאַר חצות האָבן זיך דער און יענער אַרײַנגעשאַרט אין בית־מדרש מיט שטילע טריט, אָפּגעגאָסן די נעגל בײַ דער האַנט־פּאַס און מיט אומרו אַ קוק געטאָן אַהין, צו דער מחיצה, צו דער ברעט. איידער וואָס־ווען האָט דער און יענער גענומען אַ ספר פון דער ספרים־שאַנק אויף צו לערנען, נאָר די כּוונה איז נישט געווען. און ווי זיי זענען געזעסן איבער די ספרים, אַזוי האָט זיך דערהערט דער געקריי פון הענער, דער אָנזאָג אויף האַלבער נאַכט. אין דער מחיצה האָט עפּעס אַ קרעכץ געטאָן ווי עמעצער וואָלט געגאַנגען אויף אַן אויסגעטרוקנטן הילצערנעם דיל. די אויגן האָבן זיך געווענדט צו דער ברעט.

אין דער פרי האָבן זיך צום בית־מדרש געפּעדערט דער רב און פינף דיינים. דרײַ דיינים האָבן זיך געזעצט אויף איין באַנק אין דער מחיצה און צוויי אויף אַן אַנדער באַנק. קיינער האָט נישט געזען ווען עס זענען אַרײַן אין בית־מדרש לייב דער שמיד און זײַן שוועגערין די אלמנה לאה. זיי זענען אַרײַן אין דער מיט פון דער מחיצה צווישן די דיינים. איינער האָט אויסגערופן באַפעלעריש: „זעצט זיך!" דערנאָך האָט דער זעלבער דיין באַפוילן: „שטעלט זיך אויף!" ביידע האָבן זיך מיט פּחד אויפגעשטעלט.

„יבמה — האָט זיך דער דיין געווענדט צו לאהן — צי האָסטו געפאַסט פון נעכטן זײַט בין־השמשות ביז איצט און דו האָסט גאָרנישט טועם געווען ?"

לאה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און דער דיין האָט אויסגערופן:

„זאָג, ‚איך האָב יאָ געפאַסט', אָדער זאָג ‚ניין, איך האָב נישט געפאַסט', ווי עס איז דער אמת".

„איך האָב געפאַסט און גאָרנישט טועם געווען" האָט לאה שטיל געזאָגט.

האָט דער דיין גענומען דאָס חליצה־שיכל, וואָס איז געלעגן אויף דער באַנק נעבן אים און עס באַקוקט פון אינעווייניק און פון אויסעווייניק און געזוכט טאָמער האָט זיך צוגעקלעפּט אַ קריש בלאָטע צי אַן אַנדער פּגם. אויסשטרעקנדיק דאָס פאַרמעט־שיכל צום שמש האָט דער גבאי באַפוילן:

„זאָל דער יבם אָפּוואַשן דעם רעכטן פוס זאָל ער".

עטלעכע אירע און פאַרויס דער רב האָבן געפירט לייבן צום אויוון, ווו אויף אַ באַנק איז געשטאַנען אַ מעשענער בעקן מיט וואַסער. אַז לייב האָט אונטערגעבונדן דעם הויז פון רעכטן פוס ביַי דער קני, האָט אים דער רב בודק געווען צי דער פוס איז נישט קיין קרומער, נישט קיין געבויגענער. דער שמש האָט אויפגעקלאַפּט אַן איי און עס אויסגעגאָסן אויף לייבס האַנט, ער זאָל דעם פוס אָפּוואַשן אַזוי ריין ווי צו טהרה. די אַרומיקע האָבן גע־קרעכצט פון פורכט און ווי עס וואָלט געווען פאַר אַ גרויסער סכּנה, האָבן זיי געהיט לייב זאָל ריכטיק אָנטאָן דאָס חליצה־שיכל; דער רב האָט אים אונטערגעזאָגט ווי ער האָט אַרומצוּוויקלען די רצועות אַרום קנעכל און ווי אַזוי צו פאַרקניפּן אַז דער שליף זאָל צושטיין צום לייַב, די חליצה זאָל נישט זיַין קיין פסולה.

אונטערלאָמענדיק איז לייב אין דעם חליצה־שיכל געגאַנגען ד׳ אמות און געבליבן שטיין אין דער מיט מחיצה נעבן לאהן. זי האָט געציטערט, געווען צעשראָקן. די ערנסטע פּנימער פון די דיינים און דאָס אַריַינלאָמען פון לייבן מיט דעם פּאַרמעטענעם שיכל אויף דעם אַנטבלויזטן פוס, האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַן אימה. אומגעריכט האָט איינער פון די דריַי דיינים אויסגערופן מיט אַן איבערנעמעריש קול:

„יבם אריה לייב בן פיַיוול־שרגא, לען זיך אָן אָן דער ברעט ביַי דער וואַנט מיט דיַינע פּלייצעס און דו זאָלסט וויסן זיַין, אַז דו גיסט חליצה דער יבמה לאה בת שׂרה־רייזל״.

איצט האָט דער דיין געזאָגט די פּסוקים אין לשון־קודש זיך ווענדנדיק צו לייבן:

„ווילסטו אויפשטעלן מיט דער יבמה אַ שם בישׂראל פאַר דיַין ברודער?״

„זאָג: ניין!״ האָט אַ צווייטער דיין אים אונטערגעזאָגט. און אַז דאָס זעלבע האָט ער געפרעגט לאהן און אויך זי האָט געענטפערט: „ניין!״ האָט דער דיין באַפוילן לייבן ער זאָל זיך שטאַרק אָנלענען אָן דער ברעט ביַי דער וואַנט און אַריַינקוועטשן זיַין פוס אינעם חליצה־שיכל.

האָט ער זיך געווענדט צו לאהן:

„יבמה, הער זיך צו צו יעדעס וואָרט וואָס גייט אַרויס פון מיַין מויל און זאָלסט גאָרנישט טאָן אַנדערש ווי איך וועל דיר זאָגן. זאָג איך דיר, יבמה: בייג זיך איַין צום פוס פון דיַין יבם און בינד אויף די קנופּן פונעם חליצה־שיכל מיט דיַין רעכטער האַנט, אַז די לינקע זאָל זיך חס־וחלילה נישט צורירן... אַזוי... אַזוי... איצט כאַפּ אָן דעם נאַקעטן טייל פון זיַין פוס

מיט דער לינקער האַנט און הייב אים אויף, מיר אַלע זאָלן אים זען און טו אים אויס דאָס חליצה־שיכל מיט דער רעכטער האַנט פון הינטן אַרויף; וואַרף עס צו דער ערד מיט דעם גאַנצן כּוח און טו אַ גרויסן שפּײַ אַנטקעגן דעם יבם אַז גאַנץ קהל זאָל אים זען, דעם גרויסן שפּײַ!"

לאהס הענט האָבן געציטערט. זי האָט מורא געהאַט צו פאַרטוישן די הענט און געקוקט דאָ אויף דער רעכטער האַנט, צי זי איז די רעכטע, און דאָ אויף דער לינקער האַנט, צי זי איז די לינקע. זי איז געשטאַנען אײַנגעבויגן איבער לייבס פוס, ווי אַ הונגעריקע בעטלערין בייגט זיך אײַן כּדי צו באַקומען אַ כּזית ברויט. מיט די שפּיצן פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט זי אויפגעבונדן די רצועות, מיט דער לינקער האַנט אונטערגעכאַפּט זײַן פוס, אויפגעהויבן אים מיט כּוח, מיט דעם זעלבן האַסטיקן כּוח מיט דער רעכטער האַנט אויסגעטאָן אים דאָס חליצה־שיכל און עס אַ וואַרף געטאָן אין דער ערד. אין דער זעלבער רגע האָט זי מיט אַ פול מויל מיט אָנגעזויגטן שפּײַעכץ אַ שפּײַ געטאָן אַנטקעגן לייבן. דאָס חליצה־שיכל איז אַריבערגעשפּרונגען איבער דער מחיצה און זיך אָנגעשלאָגן אָן מעכל דעם וואַסערטרעגער. עס איז געוואָרן אַ טומל. אין דעם טומל האָט שוין קיינער נישט געהערט דעם אויסרוף פון דעם דיין:

„ככה יעשה לאיש אשר לא יבנה את בית אחיו ונקרא שמו בישׂראל בית חלוץ הנעל".

מעכל דער וואַסערטרעגער איז געפאַלן אין חלשות, וואָרום פון קדמונים איז אין סטריַעוו געווען באַוווּסט, אַז דער אָן וועמען עס שלאָגט זיך אָן דאָס חליצה־שיכל, שטאַרבט דעם זעלבן יאָר. מיט דעם באַרוועסן פוס איז לייב דער שמיד אַריבערגעשפּרונגען די מחיצה, אויפגעהויבן מעכלען, אים אָװעקגעלייגט אויף דער באַנק און זיך געבעטן בײַם רב:

„ראַטעוועט אים, רבי, ער איז אַ טאַטע פון קינדער. איך וויל נישט ער זאָל צוליב מיר שטאַרבן!"

דער רב האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרשוויצטן און פאַרטומלטן שמיד, דערנאָך איבערגעפירט זײַן בליק צו לאהן און געזאָגט צו איר:

„אלמנה, דערנענטער זיך צו מעכלען און בעט בײַ אים מחילה, עס זאָל אים חלילה נישט געשען פון דעם מינדסטן בייז".

„טו עס פאַר מײַנעטוועגן, לאה!" האָט לייב אויסגערופן און מיט ביידע הענט געמאַכט אַ וואַרע לאה זאָל קענען פרײַ צוגיין צום איבערגעשראָקענעם וואַסערטרעגער.

לאה האָט אים איבערגעבעטן מיט דער זעלבער געהאָרכזאַמקייט ווי זי האָט אָפּגעבונדן דאָס חליצה־שיכל, און עמעצער האָט דעם צווייטן אײַנגערוימט אַ סוד:

„ביסט אַ מבין ווי זי איז נאָך אַלץ פאַרפישופט פון דעם מכשף?"

פינף אַנטאַלקעס ביר

א

כאָטש די גאַנצע וועלט ווינטשט זיך באַגליקט צו ווערן מיט זין, און אַז ס׳ווערט געבוירן אַ טאָכטער זאָגט מען ,גם זו לטובה׳, אָדער ווי אַנדערע זאָגן ,אַז ס׳איז נישטאָ קיין לעקעך איז אַ כל־חמירהניק אויך לעקעך׳ — איז זלמן מאַשענזשניק געווען צופרידן וואָס זײַן פרומעט באַשיט אים, קיין עין־הרע, מיט טעכטער ווי מע באַשיט אַ חתן מיט צוקערלעך בײַם אויפרופן. אַז נאָכן געבוירן ווערן פון די ערשטע צוויי טעכטער, חוה און שׂרה, האָבן אים לײַטן געפרעגט וואָס עס וועט זײַן דער תּכלית, האָט זלמן געענטפערט:

„אויף מײַנע נאמנות, אַז דאָס איז מײַן תּכלית — מיידן. צי בין איך עפּעס דעם קיסרס פּאַדריאַטשיק איך זאָל אים צושטעלן זעלנער פאַר זײַנע מלחמות? ערשט אַז דער הימל שיקט טאָקע צו אַ זון דאַרף מען אָנהייבן טראַכטן וואָס פאַר אַ פּעלער אים צו מאַכן, ער זאָל נישט נושׂא־חן זײַן אין די אויגן פונעם קיסר. צי זאָל מען אים אָנהאַקן אַ הויקער, אָדער גאָר אָנרײַסן אים אַ קילע? צי זאָל ער זיך מאַרען, אָדער דורכשטעכן אַ פּײַפּקע? איַ וועט איר מיר זאָגן פאַר טעכטער דאַרף מען נדנים און איך בין נישט מער ווי אַ מאַשענזשניק, אַ יגיע־כּפּיימניק, בין איך נישט מחויב צו כלאָ־פּאָטשען זיך פאַר דעם רבונו־של־עולמס דאגהס. אַז ער זאָרגט צו באַשאַפן טעכטער, זאָל ער אויך זאָרגן פאַר זייערע נדנים״.

אַזוי האָט זלמן געטענהט, און זײַן פרומעט האָט זיך געפּעדערט און אים באַשאָנקען מיט פינף טעכטער, וואָס יעדע איינע באַזונדער האָט געשײַנט

ווי די זון אין הימל. און נעמען האָט ער די טעכטער געגעבן פונעם חומש בראשית: חוה, שׂרה, רבקה, רחל און לאה. אויף דער אינעווייניקסטער זײַט פונעם חומש־טאָוול האָט ער געהאַט צוגעגרייט נאָך אַנדערע נעמען פון דעם ווײַבערפאָלק אין דער היליקייט, אָבער נאָך לאהלען האָט זיך פרומעט אָפּגעשטעלט און בײַ דעם איז געבליבן. האָט ער געזאָגט:

„מיט דעם, וואָס האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט, מיט דעם הימל און מיט די שטערן, מיט די וועלדער און טײַכן, וועל איך זיך נישט גיין לאָדן הלמאי ער האָט געזאָגט ,פרומעטל־קרוין, גענוג!' "

זענען די פינף טעכטער געוואַקסן ווי די ווײַסע בערעזקעלעך אין וואַלד, איינע שענער פון דער אַנדערער, איינע זיסער פון דער צווייטער, און די וועלט האָט געפרעגט אַ קשיא, ווי אַזוי שטימט דער חשבון אויב גאָט האָט אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט סך־הכל צען חנען, פון זיי האָט ירושלים גענומען פאַר זיך זיבן און זלמנס אַלע פינף טעכטער האָבן חנען — ווו זשע איז דער חשבון?

נאָך ווען די מיידלעך האָבן זיך געשפּילט אין טשײַעס, אָדער אין קאַמער־קאַמער־טיר, האָבן שדכנים פון נאָענט און פון ווײַט זיך אָנגעהויבן בײַסן די נעגל פון נישט קענען זיך דערוואַרטן ווען עס וועט זיך עפענען דער שמאַלצגרוב און מ׳עט קענען אָנהייבן שמועסן מיט זלמן מאָשענזשניק וועגן תכלית.

ב

כל ימיו איז זלמן געווען מאָשענזשניק אין דער ברויערײַ פון דעם זשילקער פּריץ דעם יאַשניע פאַן וויעטילאָ. ער האָט געהיט זײַנע קעסלען און מעשענע רערן ווי אַ ייִד היט אָפּ כשרות. דער זשילקער איז געווען אַ ווילדע בריאה, אַ מאַרצאָווע פּאָגאָדע; איין מאָל אַ גוט האַרץ און אַ צווייט מאָל אַ רשע־מרושע. אַ מאָל, אויף אַ שׂמחת־תּורה, האָט זלמן געבעטן דעם פּריץ ער זאָל אים געבן אַן אַנטאַלעק ביר, וואָרום אין דעם יום־טוב פרייען זיך ייִדן מיט דער תּורה. האָט דער יאַשניע פאַן געפרעגט:

„וואָס גייט מיר אָן דײַן תּורה?"

האָט זלמן געענטפערט:

„ווען נישט די תּורה וואָלט איך נישט געווען קיין ייִד און דו, פּריץ־לעבן, וואָלסט נישט געהאַט קיין גוטן מאָשענזשניק".

האָט דער זשילקער פריץ פֿאַרשטאַנען און אים צוגעזאָגט צו געבן אַפילו צוויי אַנטאַלקעס ביר, נאָר בתּנאי ער זאָל זיי אַליין אָוועקקאָלערן אַהיים, און אַז ער, זלמן, וועט שוין האַלטן אין קאָלערן, וועט ער אים צוגעבן נאָך איין אַנטאַלעק און זאָל ער וויסן, אַז ער איז מאָשענזשניק ביים זשילקער פריץ וויעטילאָ. האָט זלמן אים געדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ:

„ווייסט, פריץ־לעבן, כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז ביי אונדז ייִדן, ווען אויפן האַרץ איז אויפגעלייגט, שיכּורט מען זיך אָן אַפילו מיט וואַסער. וועל איך פֿאַרשפּאָרן צו קאָלערן דריי אַנטלקעס ביר אויף אַזאַ מהלך רבֿ״.

האָט זיך אינעם יאַשניע פֿאַן צעקאָכט דאָס בייזע בלוט און ער האָט געצאָרנט אויף זיין מאָשענזשניק, אַז ער גייט אים דאָ מאַכן אַ שם־רע אויף זיין ביר.

„זלמן — האָט ער זיך געוואָרפן — איך קען זיך אויף די ייִדישע פֿאָסטעמקעס. ווערסט געבן דיינע ייִדן צו טרינקען וואַסער און וועסט זיי זאָגן, אַז זיי טרינקען ביר פון דער זשילקער ברויערײַ? ביי מיר וועלן שוין דיינע ייִדן טרינקען דאָס אמתע זשילקער ביר!״ און דער פריץ האָט אים אויף יום־טובֿ געשיקט דריי אַנטאַלקעס ביר.

אַז צום יאַשניע פֿאַן וויעטילאָ איז געהאַט דערגאַנגען, אַז דעם מאָשענזשניקס ווייב איז מעוברת, ס׳איז געווען מיט דער ערשטער טאָכטער, האָט ער געהאַט תּרעומות הלמאַי ער דאַרף זיך אַזאַ זאַך דערוויסן פון ווינט אין פעלד. האָט זיך זלמן פֿאַרענטפערט, אַז ער האָט זיך נישט אויסגעמאָלן, אַז דעם פריץ גייט אָן אַזאַ זאַך. איז דער זשילקער נאָך מער געוואָרן אין כּעס און געשריגן:

„וואָס מיינסטו זיך דאָ? אַז אַ קו גייט זיך אָפּקעלבן גייט עס מיר יאָ אָן און אַז דיין ווייב גייט זיך אָפּקעלבן גייט עס מיר נישט אָן?״

באַלד האָט זיך אין אים די יוכע איינגעשטילט און ער האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זלמנס אַקסל און אים אַ טרייסל געטאָן, כּדי נישט דאַרפֿן אים איבערבעטן און געזאָגט:

„טאָמער וועט דיר געבוירן ווערן אַ זון, שיק איך דיר אַהיים אַן אַנטאַלעק ביר אָנצושיכּורן דעם יונג ער זאָל נישט פּילן דעם ווייטאָק ווען איר וועט שניידן פון אים שטיקער. נאָר טאָמער וועט דיר געבוירן ווערן אַ טאָכטער וועסטו ביי מיר באַקומען אַ פייג מיט מאָן״.

אַז חוה איז געבוירן געוואָרן האָט זיך זלמן אַרײַנגעשטעלט צום זשילקער פריץ און אים געזאָגט:

„יאַשניע פּאַניע, איך בין געקומען דיר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה: איך האָב פאַרשפּילט אַן אַנטאַלעק ביר, דערפאַר האָב איך געוווּנען אַ טאָכטער".

האָט דער זשילקער פריץ אַ צי געטאָן די וואָנסעס:

„זאָג מיר אויס דעם סוד, זלמן, ווי אַזוי מאַכט איר עס אַז איר פאַר־שפּילט קיין מאָל נישט, נאָר אַלע מאָל געווינט איר".

„פריץ־לעבן — האָט זלמן געזאָגט אָן צו טראַכטן — זאָל איך עס פאַר־מאָגן וואָס מיר פאַרשפּילן... אויסער דער אמונה. אַז מ׳האָט אמונה פאַר־שפּילט מען אַ פעסעלע ביר ווען עס ווערט געבוירן אַ טאָכטער, דערפאַר בין איך זיכער אין געווינען אַ פעסעלע ביר מערטשעם צו דער חתונה".

„זעסטו שוין, זלמן, אַז יידן פאַרשפּילן קיין מאָל נישט? פאַרשרײַב, האָסט בײַ מיר אַן אַנטאַלעק ביר".

ג

חוה איז פאַרקנסט געוואָרן אין דער אותו רגע ווי זי איז געוואָרן ראויה לחופה. נישט זלמן און נישט זײַן פרומעט האָבן זיך געקענט אָפּיאָגן פון די שדכנים. זיי האָבן געצויגן פון אַלע עקן וועלט, אַפילו פון ליטע. אַז ס׳איז געקומען אַ מחותן זען די כלה און פרומעטן איז נישט געפעלן זײַן לשון, האָט זי געפרעגט, צי דער חתן רעדט אויך אַזוי, און אַז דער מחותן האָט געענטפערט: „אַוואַדיע וואַ־דען", האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין: „ס׳עט פון דעם שידוך גאָרנישט ווערן. מיט אַ שטומער צונג וועט מײַן חוהלע נישט חתונה האָבן". צום סוף האָט פרומעט אויסגעקליבן פאַר איר טאָכטער אַ חתן וואָס די גאַנצע וועלט איז אויסגעגאַנגען פון קנאה. זי האָט גענומען דעם זון פון דעם אײַזן־פאַבריקאַנט איטשע־בער פון צויזמיר. און דער חתן האָט גענומען חוהן ווי זי שטייט און גייט, טאַקע אין איין העמד, און זי אַרײַנגעפירט אין פּאַלייען. די חתונה איז געווען בײַם רײַכן מחותן אין צויזמיר. פרומעט האָט שפּעטער דערציילט, אַז די פּאַלייען פון איר מחותן זענען אַזוי גרויס, אַז מען קען אין זיי פאָרן אין קאָטשן. זי שטעלט זיך גאָרנישט פאָר ווי אַזוי איר חוהלע וועט עס אויסהאַלטן מיט אַרומגיין אין די פּאַלייען צו פוס. אַ נס די פלושענע קאַנאַפּעס מיט די געבעטע פּאָטער־שטולן, וועט זי זיך קענען אָפּרוען.

צו דער חתונה פון חוהן האָט זלמן מיטגעפּירט מיט זיך דאָס ערשטע פּעסעלע ביר, וואָס דער זשילקער פּריץ האָט אים געשאָנקען.

נישט באַוויזן זיך אָפּצורוען פון דער חתונה פון חוהלען, און שוין האָבן אָנגעהויבן אויסטרעטן די שוועל שדכנים פון וועגן שׂרהלען. פרומעט האָט זיי געטריבן ווי מען טרײַבט הינער: „אַ־שאַ! אַ־שאַ!" און וואָס מער זי האָט זיי געטריבן, אַלץ מער זענען זיי צוגעשטאַנען און אַלץ מער האָבן זיי געבראַכט שידוכים פון הויכן יחוס, שווערער עשירות און טיפער תּורה. מאַמעס פון זין האָבן זיך געווונטשן מערטשעם צו האָבן אַזעלכע שנורן ווי זלמנס טעכטער, און מאַמעס פון טעכטער האָבן זיך געווונטשן גאָט זאָל זיי צושיקן דעם חן און ס׳מזל פון פרומעטס מיידן, אָן זייער שאָדן; טראָגעדיקע ווײַבער האָבן זיך געווונטשן, אַז אויב ס׳איז זיי באַשערט אַ מויד, זאָל זי כאָטש זײַן ווי איינע פון פרומעטס מיידן.

אַזוי האָבן זלמן און פרומעט אויסגעגעבן איין טאָכטער נאָך דער אַנדע־רער. און די מחותּנים זענען באַשטאַנען רק דערויף, אַז די חתונות זאָלן זײַן בײַ זיי — אין צויזמיר, אין לובלין, אין בריסק, אין קוזמיר. און אַזוי האָט זלמן צו יעדער חתונה געשלעפּט אויף אַ מהלך־רב אַ פּעסעלע ביר, וואָס דער זשילקער פּריץ האָט אים געשאָנקען.

אַז ס׳איז געקומען צו דער יינגסטער טאָכטער, לאהלע, האָט פרומעט געזאָגט:

„זאָל דונערן און בליצן, די חתונה פון מײַן מוזינקע מוז זײַן בײַ מיר אין דער היים. זאָלן אויך די ווענט פון מײַן הויז הערן דאָס אויפשפּילן צו דער חופּה פון מײַן טאָכטער".

אין יענער צײַט זענען זלמן און פרומעט געווען מפורסם ווי אַ שטייגער רויטשילד, צי בראָדסקי. און אפשר נאָך מער. לײַט האָבן געזאָגט וועגן זלמנען, אַז וואָס שײַך רײַכקייט לאָמיר עס פאַרמאָגן וואָס אים פעלט צו דעם מיסט פון איינעם פון זײַנע מחותּנים, נאָר וואָס אָנבאַלאַנגט מזל און ברכה, איז אויף אַלע גערעכטע לײַט געזאָגט געוואָרן אָן זײַן שאָדן. די טעכטער האָבן ליכטיק געמאַכט די וועלט. און ערשט די יינגסטע, לאהלע?! נאָר אָפּצובלאָזן. די שטאָט זאָגט, אַז עס טוט איר ווי דער קאָפּ פון אייגענער שיינקייט. און זי האָט אַזעלכע גוטע אויגן, אַז ווען זי טוט אַ קוק אויף עמעצן וואָס אים טוט וויי דער קאָפּ, ווערט ער געזונט אין דער אותו רגע.

ד

וועגן דעם, אַז ביי זלמן מאַשענזשניק און זיין ווייב פרומעט איז גע־בליבן אַ כלה אָן אוצר, האָט זיך דערוווּסט יקותיאל דער פּאָדריאַטשיק, וואָס געזאָגט וועגן אים האָט מען, אַז ער איז נתעשר געוואָרן פון ווינטערס. בעלי־קנאה האָבן דערציילט, אַז אַזוי ווי ער בויט וועגן פאַר דער צאַרישער מדינה, הייבט ער אָן שניידן אַ וועג האַרט פאַר ווינטער: דאָ האַקט ער אַריין אַ פּלעקל, דאָרט גראָבט ער אויס אַ גריבל ביז עס קומען די שנייען און די ווינטן. דער קומט אויס פאַרשוויגן און פאַרשוויגן קומען דעם. אַז עס קומט דער חודש אָדר און די שנייען און פרעסט לאָזן נאָך מאַכט יקותיאל דעם חשבון פאַרן קיסר, אַז דער ווינטער האָט חרוב געמאַכט דעם וועג, וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ האַלב פאַרמעגן. קען דער קיסר נישט צוזען יקותיאלס צער און ער באַשטעלט ביי אים, ער זאָל אויף ס'ניי אָנהייבן בויען דעם וועג, וואָס דער ווינטער האָט חרוב געמאַכט.

יקותיאל דער פּאָדריאַטשיק האָט געהאַט אַ בן־יחיד שרגא־פייוויש. ער האָט זיך געקליבן צו האָבן סיי זין און סיי טעכטער ווי דער אין הימל וועט אָנשרייבן, נאָר זיין ווייב, תמרל, איז נאָך דער קימפּעט מיט שרגא־פייוויש געוואָרן שוואַך, מיט צוקילעכצער, מיט וויטאָקן, וואָס האָבן איר אָנגעכאַפּט אַ מאָל דאָ און אַ מאָל דאָרט און זי איז מער געלעגן ווי אַרומ־געגאַנגען. האָבן דאָקטוירים געזאָגט, אַז תמרלען פּאַליוביעט נישט קיין שוואַנגערשאַפט און דערום איז בעסער זי זאָל מער נישט טראָגן. איז שרגא־פייוויש געבליבן דער בן־יחיד.

האָט יקותיאל געשטרעקט דאָס לעבן פאַר זיין איינציקן זון, דעם קדיש איבער הונדערט און צוואַנציק, און אים געשיקט לערנען אין דער לוּוויי־טשער ישיבה. דער מיין פונעם טאַטן איז געווען, אַז אויב ס'איז אים נישט באַשערט צו האָבן אַ סך קינדער, זאָל ער כאָטש האָבן אַ זון אַ רב און ער וועט זאָרגן דעריבער, אַז ער זאָל האָבן ס'בעסטע כסא־רבנות אין מלכות פּוילן.

שרגא־פייוויש איז געווען אַריינגעראָטן אין זיין מאַמען — אַ שטילער, אַ שוואַכער און אויך מיט דער מאַמעס קולכל, ווי דאָס קולכל פון אַ פּישטשענדיק פייגעלע וואָס פאַלט אַרויס פון דער נעסט און עס פּישטשעט רחמים צוריק צו דער מאַמע. יקותיאל האָט געוואַרט דערויף, אַז ווען דער

זון וועט ווערן אַ חתן־בחור מיט די סימנים פון זכרות, וועט ער האָבן זײַן, דעם טאַטנס קול, וואָס איז ברוסטיק און מען הערט עס פון דער ווײַטנס. וואָרום וואָס שײַך דעם קאָפּ איז ער אַרײַנגעראָטן אין טאַטן. האָט ער, שרגא־פײַוויש, אין דער ישיבה געשאַרפט דעם מוח, געבויט פּשטלעך, צוזאַמענגעפּירט פּלוגתּאָס, זיי צוריק פונאַנדערגעטריבן — געבויט און צעשטערט, געבויט און צעשטערט, ווי דער טאַטע דעם צאַרס וועגן און שאָסייען. נאָר דאָס קולכל זײַנס איז געבליבן אַ פּישטשענדיקס, וואָס אַז מ׳האָט אים נישט געזען רעדן, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ מויד האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער ישיבה צו לערנען תּורה.

ערשט דעמאָלט ווען בײַ אַנדערע ישיבה־בחורים האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן הערעלעך אונטער דער נאָז און דאָ און דאָרט האָבן זיך געשניטן בערדלעך, איז קאַפּויער געקומען די אויסטערלישקייט פון שרגא־פײַווישן: אויף זײַן פּנים האָט זיך נישט באַוויזן קיין סימן פון אַ באָרד. די הויט פון זײַן פּנים איז געווען סאַמעטיק־גלאַטיק און ערגעץ־ווו האָט פּלוצים אַרויס־געזעצט אַן איינציקער האָר לאַנג ווי דער יִדישער גלות, און דווקא דאָרט וואָס עס איז נישט קיין סימן פון מאַנצבילישקייט, נאָר ווי בײַ אַלטע ווײַבער, אויף אַ בראָדאַווקע. אַז ער איז געשטאַנען בײַם שטענדער און און געלערנט מיט דעם רוקן צו אַנדערע בחורים, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז אַן איבערגעטאָן מיידל. זײַן רוקן האָט זיך באַוויגן ווייך, ווי ער וואָלט געווען אַן ביינער, און בעת ער אַליין איז געווען פאַרטאָן אין לערנען, האָט ער גראָד בײַ אַנדערע צוגענומען דעם רצון צו לערנען.

צו מאָל פלעגט זיך שרגא־פײַוויש אָנפילן מיט אימפּעט און אומרו. אין אַזאַ צײַט פלעגט ער פאַרלירן די התמדה, אַרויסלויפן פון דער ישיבה צו די פעלדער און וועלדער און זוכן דעם נעכטיקן טאָג. נאָך אַזאַ מין אַרומהאַווען פלעגט ער קומען צוריק אין דער ישיבה אַן אָנגעצונדענער און זיך אַוועקשטעלן אויף שעהען לאַנג צו לערנען. בײַם לערנען האָט ער געהוידעט דעם שטענדער, זיך געוויגט, ווי ער וואָלט וועלן זיך אָפּרײַסן פונעם דיל צוזאַמען מיטן שטענדער און צוזאַמען מיטן ספר און אַוועקפליִען אין דער לופטן. אַן אַנדערש מאָל איז ער געוואָרן אויסגעלאָשן, מיד און מאַט, ווי עס ווערט אַ מענטש אין דער צײַט ערב אַ רעגן אין אַ חמימהדיקן טאָג. זײַנע אויגן האָבן געקוקט אויף די שורות, נאָר צום מוח זענען זיי נישט דערגאַנגען, און ער האָט נישט געקענט מקשר זײַן קיין מתניתין מיט דער גמרא.

איין מאָל אַ באַגינען האָט ער אויף זײַן שטענדער געפונען אַן אָפענע די מסכת נידה און מיט אַ שטיינדל צוגעדעקט די משנה „המפלת טומטום ואנדרוגינוס תשב לזכר ולנקבה" — אַ געבוירנס אַ טומטום און אַן אַנדרו־גינוס איז סײַ אַ זכר און סײַ אַ נקבה. שרגא־פײַוויש האָט פאַרמאַכט דאָס ספר, אַ קוש געטאָן עס און צוריק געשטעלט עס אין דעם ספרים־אַלמער. נאָר פון דעמאָלט אָן האָט ער ווייניקער געלאָזט הערן זײַן קוויטשיק קולכל, נישט מתווכח געווען זיך, נאָר אַרומגעגאַנגען ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט און ער געפינט נישט קיין וועג. ביז צווישן איינעם אַ מנחה און אַ מעריב האָבן ישיבה־בחורים אים געבענדיקט, אַרויפגעלייגט אים אויף אַ טיש און אים אָפּגעקנעפּלט די פּלודערן צו זען, צי ער איז אַ זכר אָדער אַ נקבה איז ער. שרגא־פײַוויש האָט זיך געוועדט, געווען נאָך הילף מיט זײַן קוויטשיק קולכל און קיין הילף איז פון ערגעץ נישט געקומען. צום סוף האָבן די יונגעלײַט געפּסקנט, אַז ער, החתן שרגא־פײַוויש בר' יקותיאל, קען מיט זיך אַליין שטעלן אַ חופּה — ער איז אי חתן און אי בתולה. נאָך די זעלבע נאַכט איז ער עוקר געווען פון דער ישיבה און צוריקגעקומען אַהיים.

אַז יקותיאל האָט געזען: דער זון גייט אים אַרום מאַרקאָטנע און נישט־דאָ־וועלטיק, האָט ער גערופן צו זיך בייניש דעם שדכן, וואָס איז אויסגע־קאָכט אין די רײַכסטע און מיוחסדיקע הייזער אין מלכות־פּוילן, און געזאָגט צו אים אַזוי:

„געפין מיר אַ כלה פאַר מײַן פײַווישן און איכ'ל דיר סילוקן מער ווי פאַר פינף שידוכים. און וויסן זאָלסטו, אַז וואָס שײַך יחוס — מוז ער נישט זײַן; איך בין אַליין יחוס. וואָס שײַך נדן, איז אויב די כלה האָט אַ נדן, איז עס אַוודאי נישט קיין חסרון, נאָר טאָמער נישט, זי איז פון אַ געדריק־טער היים, וועט עס קיין מניעה נישט זײַן. זי וועט בײַ מיר זײַן אַ טאָכטער".

בייניש האָט אָנגעשטופּט ביידע נאָזלעכער פול מיט טאַביק, פאַרגלאָצט די אויגן פון גרויס תענוג און געזאָגט מיט אַ פולער און פאַרלייגטער נאָז, אַז איצט זעט ער אַן איבעריק מאָל, אַז דער רבונו־של־עולם, וואָס פירט אָן מיט אַזאַ גרויסער וועלט, האַלט פון דעסטוועגן חשבון אויך פאַר יעדער אירע באַזונדער און זאָרגט פאַר יעדן אין זײַן צײַט. אָט אַ שטייגער זלמן מאַשענזשניק. פון אַלע זײַטן איז ער אַרומגעוואַקסן מיט איידעמס פון יחוס ערשטער קלאַס. ווילט איר רבנות? ער האָט רבנות. ווילט איר עשירות? קיין עין־הרע. איז בײַ אָט דעם זלמן געבליבן די ייִנגסטע טאָכטער. ס'הייסט

געבליבן? ווו געבליבן? ווען געבליבן? ער שטייט אין גרויסן ווי זײַן לאהלע וואָלט געווען די פּרינצעסין פון טערקײַ. ער לאָזט נישט אַרויף צו זיך אויף דער שוועל. אויב, זאָגט ער, ער האָט זיך נישט געאײַלט מיט די ערשטע פיר טעכטער, וועט ער מיט דער מוזינקעלע אַוודאי זיך נישט אײַלן. וואָרום, זאָגט ער, טאָמער נעמט מען אים אַרויס לאהלען פון שטוב, וועט ער מוזן אָנצינדן דעם נאַפטלאָמפּ אין מיטן העלן טאָג און אויך דעמאָלט וועט ער אין זײַן הויז טאַפּן אין דער פינצטערניש. פון דעסטוועגן וועט ער, בייניש, אַראָפּפאָרן צו אים און אים זאָגן:

„ר׳ זלמן, ר׳ יקותיאל איז מוכן צו געבן אײַך זײַן בן־יחידל פאַר אַן איידעם, וואָס די גאַנצע וועלט וועט אײַך מקנא זײַן".

האָט זיך בייניש אַרײַנגעזעצט אין אַ געשפּאַן און פאַרפאָרן צו זלמנען. די טיר האָט אים געעפנט טאַקע לאהלע אַליין און ס׳איז אים ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן. ער האָט אַ געשמאַקן קוש געטאָן די מזוזה און זיך אַרײַנגעשטופּט אין הויז.

„דער טאַטע איז אין דער היים? — האָט ער געפרעגט — איך בין געקומען אים אָנזאָגן אַ גוטע בשׂורה. איך, טאָמער קען איך אָנזאָגן אַ גוטע בשׂורה, בין איך מוכן ומזומן צו לויפן פון איין עק וועלט צום צווייטן".

אַז זלמן איז אים אַנטקעגן געקומען, האָט ער אים דערלאַנגט שלום־עליכם און אַרויס מיט לשון:

„ר׳ זלמן הנכבד, איך קום נישט צו אײַך ווי אַ שדכן. אַזאַ אוצר ווי אײַער לאהלע דאַרף נישט קיין שדכנים. איך וויל אײַך אָנזאָגן די בשׂורה, אַז דער אין הימל האָט צוגעשיקט אַ זיווג פאַר אײַער טעכטערל, וואָס אַ צווייטן אַזאַ וועט איר אויף דער וועלט נישט געפינען: תּורה, חכמה, עשירות און יחוס ביז אַהער — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ — און דערצו, הערט זיך אײַן, אַ בן־יחיד! ר׳ זלמן, איר ווייסט וואָס עס מיינט אַ בן־יחיד בײַ אַזאַ גביר ווי ר׳ יקותיאל? ניין, איר ווייסט נישט. איצט, טאָמער וועל איך אײַך זאָגן ווער ס׳איז ר׳ יקותיאל, וועט איר אַליין נישט גלויבן".

זלמן האָט אָנגעקוקט דעם שדכן, ווי ער וואָלט וועלן פון אים אַרויס־באַקומען אַן ענטפער אויף אַ רעטעניש, און בייניש האָט קלוגיטשקע גע־שמייכלט:

„ר׳ זלמן, ר׳ יקותיאל איז דעם קיסרס פּאָדריאַטשיק, וואָס טאָמער וועט איר אַ מאָל פאָרן אין זײַן קאָטש מיט דעם שאָסיי פון וואַרשע קיין פּיטער־באָרג, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז זײַן אַרבעט״.

זלמן האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען:

„כ׳הער פון אים דאָס ערשטע מאָל. ווי הייסט ער?״

ביינעש דער שדכן איז אויפגעשפּרונגען ווי אימיצער וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן פון אונטערן זעסל:

„וואָס? נישט געהערט פון ר׳ יקותיאל? דער קיסר זיצט מיט אים ווי איך זיץ דאָ מיט אײַך און איר האָט נישט געהערט פון אים?״

„נישט געהערט״ האָט זלמן געזאָגט.

ביינעש האָט אויפגעשאָקלט דאָס האָרענע טאַביק־פּושקעלע, מכבד געווען זלמנען מיט אַ שמעק טאַביק און אויך אַליין נהנה געווען איןביידע נאָזלעכער, און געזאָגט ווי ער וואָלט זיך שטאַרק מצער געווען.

„זעט איר, ר׳ זלמן־לעבן, אַזוי איז אַלע מאָל מיט אַן עניו. צו זײַן עשירות און יחוס איז ר׳ יקותיאל אויך אַן עניו, וואָס לאָזט נישט הערן וועגן זיך פון דאַנען ביז אַהער. ווי עס שטייט אין דער הייליקער תּורה: והאיש משה עניו מאוד מכּל האָדם, אַזוי איז אויך ר׳ יקותיאל. זאָגט מיר, ר׳ זלמן, איין וואָרט און ער וועט זיך מטריח זײַן צו אײַך. ווי נאָר ער וועט עפענען דאָס מויל, אַזוי וועט איַיער ענטפער זײַן: ,ר׳ יקותיאל, דער שידוך איז געשלאָסן!׳ ״

ה

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז צו זלמן מאָשענזשניק פאַרפאָרן ר׳ יקותיאל אין זײַן אייגענעם פייעטאָן. אויפן שטייגער פון פּריצים האָט ער אָנגעזאָגט דעם שמײַסער, ער זאָל אָפּקילן דאָס פערד און עס אָנפּויען. אין הויז פון דעם מאָשענזשניק איז ער אַרײַן מיט אַ גביריש געלאָסן געענגל, ווי גאָרנישט בײַ אים וואָלט געברענט. פון אַ זילבערנעם פּאַרציגאַר האָט ער מיט אַ צוויי פינגער אַרויסגענומען אַ ציגאַר און אים דערלאַנגט זלמנען. נאָר אַז זלמן האָט אים געדאַנקט און דעם ציגאַר אָפּגעשטופּט, האָט יקותיאל אַליין זיך אײַנגעביסן אין זײַן שפּיצל און אונטערגעבאָמקעט אַ ניגון אַן אַ ניגון.

„ווי איר קוקט מיך אָן האָב איך זיך מײַנע אייגענע צוויי אַדוואָקאַטן — האָט ער געזאָגט בנעימותדיק — נאָר מיט אַ ציגאַר האָב איך דעם בעסטן שיקול־הדעת".

„שיקול־הדעת מיט רויך? — האָט זלמן זיך געוווּנדערט — שוין בעסער מיטן אייגענעם ווײַב".

„נישט בײַ מײַנע געשעפטן — האָט יקותיאל אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן בלוי־גרוילעכן רויך — בײַ מײַנע געשעפטן, ווו צווישן אַ יאָ מיט אַ ניין קען מען פאַרלירן אַ הונדערט טויזנט קאַרבן, אָדער פאַרדינען נאָך אַ צוויי הונדערט טויזנט, איז אַ ציגאַר אַ גוטער עצה־געבער".

„אײַער חתן־בחור האַלט אויך פון ציגאַרן?" — האָט זלמן געוואָלט וויסן.

„מײַן פײַוווישל האַלט פון תּורה — האָט יקותיאל געזאָגט מיט גוזמה־דיקער גאווה — ער שווימט אין דער תּורה ווי אַ פיש אין וואַסער. אָם־ירצה־השם וועט ער זײַן אַ וואַזשנער רב. איז דערגאַנגען צו מיר, אַז איר האָט אַ בתולה, וואָס איז ראויה צו זײַן אַ רביצין".

„אַ רביצין, זאָגט איר? מײַן לאהלע איז ראויה צו זײַן אַ פּרינצעסין" — האָט זלמן זיך אַרומגעקוקט, צי ס'איז פאַראַן נאָך עמעצער צו הערן וואָס ער זאָגט.

פרומעט האָט אַרײַנגעבראַכט כּיבוד. לאהלע איז איר נאָכגעגאַנגען מיט אַ קלאָש אײַנגעמאַכטס. מיט איר אַרײַנקומען האָט עס אויסגעזען ווי אַלץ וואָס אויף איר איז פון איין קאָליר — גלאַנציקער קופּער: גלאַנציקער קופּער די האָר, דאָס בלוזקעלע, דער קלאָש מיט אײַנגעמאַכטס פון אתרוגים, נאָר די אויגן — טונקל־גרינע און דאָס פּנימל פאַררויטלט און צעטומלט.

„גוטנאָוונט, ליבער גאַסט" — האָט פרומעט אַוועקגעשטעלט דעם כּיבוד אויפן טיש.

„גוטנאָוונט" — האָט אויך לאהלע געזאָגט און אַוועקגעשטעלט דעם קלאָש אײַנגעמאַכטס. זי איז באַלד נעלם געוואָרן, נישט ווי וועגן איר וואָלט דאָ געווען די רייד.

יקותיאל האָט קוים באַוויזן זיך אײַנצוקוקן אינעם רוקן פון לאהלען, וואָרום מיט איר פּנים האָט זי אים פאַרבלענדט, ווי עס פאַרבלענדט די זומערדיקע זון ווען זי רײַסט זיך פּלוצים אַרויס פון אונטער אַ וואָלקן. האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין איר שלאַנקן רוקן, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן

מיט אירע לאַנגע האָר, מיט צוויי פינגער האָט ער אין מויל געקאָלערט דעם ציגאַר און געזופּט מיט דער נאָז.

„וואָס איז דאָ צו רעדן? — האָט יקותיאל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם — דער עיקר איז, אַז די קינדער זאָלן זיך געפעלן. נישט אַזוי? ווי זאָגן לײַט — דער מחותּן דינגט זיך און דער חתן זינגט זיך. מיר צווישן זיך וועלן אַדורכקומען בײַ אײן גלאָז טיי. איך ווייס נישט, צי ס'איז דערגאַנגען צו אײַך, אַז מײַן פּײַווישל איז בײַ מיר אַ בן־יחיד און אַלץ וואָס איז מײַנס איז זײַנס. אַזוי איז בײַ מיר!"

„אַוודאי — האָט אויך פרומעט צוגעוואָרפן — די קינדער דאַרפן זיך זען. הלוואי זאָלן זיי נושא־חן זײַן איינער אינעם צווייטנס אויגן ווי מײַנע עלטערע טעכטער. הלוואי, ליבער פאָטער אין הימל".

זלמן און יקותיאל האָבן אָפּגעשמועסט אַ זעעכץ. אַז די עלטערן זענען אַרײַנגעקומען מיטן חתן, און געווען איז עס אין דער צײַט ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט, האָט פרומעט אַרויפגעדרייט דעם קנויט אינעם בליצלאָמפּ. אינעם פּלוצימען ליכט האָט זיך פרומעטן אויסגעדאַכט, אַז עס מישט זיך איר דער קאָפּ. די פּנימער פון דער מאַמע תּמרל און דעם זון שרגא־פּײַוויש האָבן זיך איר געדאָפּלט, ווי ביידע וואָלטן געווען איין גוף, מיט איין פּנים. ביידע האָבן די זעלבע שיטערלעכע פּנימער מיט אַ גלאַטיק־מאַטער הויט; ביידע האָבן די זעלבע מידע אויגן, נאָר שרגא־פּײַוויש איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ־אַלפּאַקענער קאַפּאָטע, מיט אַ שוואַרצן שניפּס אונטער אַ גרויסן ווײַסן קאָלנער און מיט אַ טוכן היטעלע אויפן קאָפּ, און די מאַמע תּמרל איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מאַנטיע מיט רונדע פּאָלעס, מיט אַ ווײַסער קריזע איבער דעם קאָלנער פון אַ שוואַרצער בלוזע, מיט אַ שוואַרצן הויב פון זײַדענע שפּיצן. ביידע זענען פּולבלעך־באַלײַבט און זיי רירן זיך ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו ווערן צעבראָכן. ווי פרומעט איז געוואָרן צעטומלט בײַם אַרויפדרייען דעם קנויט פונעם בליצלאָמפּ, אַזוי איז זי פאַרבליבן צעטומלט דעם גאַנצן אָוונט. זי האָט רק געזוכט זלמנס בליק, און ער, ווי ער וואָלט זיך געעקשנט, האָט אַפילו קיין איין מאָל נישט אַ קוק געטאָן צו איר. ער האָט רק געשלונגען דעם אייגענעם שלונגביין און נישט געקענט אים אַראָפּשלינגען.

יקותיאל האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן דעם אויבנאָן פון זלמנען און תּמרל מיט פּײַווישן האָבן זיך געזעצט פון איין זײַט טיש, און אַנטקעגן

זיי — פרומעט און לאהלע. אַלע האָבן זיי געשוויגן אַ צעטומלט שווײַגעניש: די מחותנים, דער חתן־בחור, די כּלה־מויד, די קאַראַפקע מיט דעם קידוש־ווײַן, דאָס ליימענע פלעשל מיט מעד, דער קלאָש מיט אײַנגעמאַכטס, און אַפילו די ליאַמפּקעס פון געשליפענעם פאַרביקן גלאָז האָבן געשוויגן. פּלוצים איז פון ערגעץ אָנגעפלויגן אַ גרויסע מיסטפליג מיט אַ גרין־פּערלמוטערנעם בײַכעלע. אָנגעפלויגן איז זי מיט אַ ווילד און בייז זשומען און אָנגעהויבן אַ קאַראַהאָד אַרום דעם גלעזל פונעם בליצלאָמפּ: זשזש־זשזש־זשזש און זשזש־זשזש־זשזש און זשזש־זש־זש. זעקס פּאָר אויגן האָבן באַגלייט איר ווילדעוועז, זיך מיטגעדרייט צוזאַמען מיט איר אינעם קאַראַהאָד אַרום דעם צעהיצטן גלעזל פונעם בליצלאָמפּ. ווי די מיסטפליג איז פּלוצים אָנגעפלויגן אַזוי פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער פּיק, די פליג האָט זיך אָנגעשלאָגן אינעם צעהיצטן גלעזל און אַראָפּגעפאַלן אָן אָפּגעבריטע אינעם אײַנגעמאַכטס אויפן טיש. אויך די זעקס פּאָר אויגן זענען אַרויפגעפאַלן אויף דעם אײַנגעמאַכטס. און אַז די פליג האָט זיך געריררט, האָט זיך זיי אַלע אויסגעדאַכט, אַז עס רירט זיך דער גאַנצער אײַנגעמאַכטס אינעם קלאָש.

„שוין!" האָט יקותיאל געפּסקנט, אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע דעם זילבערנעם פּאַרציגאַר און זיך פאַרשטופּט דאָס מויל מיט אַ ציגאַר.

„פּראָמיסיאָן! — האָט תּמרל מיט דעם שוואַרצן הויב אויפן קאָפּ אַ פראַנצייזיש קוויטשל געטאָן — די פליגע ווירד דען אײַנגעמאַכטס פאַר־פּאַטשקען, פראַו מחותנתטע".

„אַ כּפּרה דער אײַנגעמאַכטס! האָט פרומעט אויסגערופן — איר'ט געזען אַן אָנשיקעניש אויף דער וועלט?"

אַז די אויגן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף פרומעטס פּנים, האָט לאהלע אַ באַהאַלטענעם קוק געטאָן אויפן חתן. זי האָט געמוזט נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אויף אים, וואָרום ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס דאַכט זיך איר, אַז ער איז אַן איבערגעטאָן מיידל, אָן אַ סימן פון הערעלעך אונטער דער נאָז און אָן אַ צייכן, אַז עס שנײַדט זיך אים אַ באָרד, נאָר פון אונטער דער גאָמבע וואַקסט אים אַרויס אַ שיטער בינטל האָר, אַ פרעמדס, ווי עס וואָלט געווען צוגעקלעפּט.

מיט אַ פּלוצימען קנאַק האָט יקותיאל אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, מיט דעם שוועבעלע פאַררויכערט דעם ציגאַר, און בשעת־מעשׂה, פאַרקוקט אויפן גלי פונעם ציגאַר, האָט ער געזאָגט מיט אַ פול מויל:

„כ׳מיין, וואָס איז דאָ צו רעדן, די קינדער געפעלן זיך, איז לאָמיר זיך זאָגן מזל־טוב און רעדן וועגן קנס־מאָל״.

„אוי מאַמע — איז לאהלע אויפגעשפּרונגען פון איר זעסל — דוכט זיך די קאַץ איז אויף דער קיך!״

פרומעט האָט זיך איינגעהערט, קוקנדיק אויף דער צעטומלטער טאָכטער, און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

„די נאַשערקע איז שוין דאָרט ביי דער מילך״.

לאהלע האָט צום טיש נישט צוריקגעקערט. זלמן און פרומעט האָבן זיך געדרייט אויף זייערע זעסלען ווי זיי וואָלטן געווען געבונדן. יקותיאלס ווערטער זענען געבליבן הענגען אונטערן בליצלאָמפּ און קיינער האָט זיי נישט פאַרענטפערט. דערנאָך האָט זלמן אָפּגעהוסטלט און אָנגעשטעלט די אויגן אויפן חתן:

„דער טאַטע האָט מיר געזאָגט גייסט ווערן אַ רב״.

„יאָ!״ — האָט שרגא־פייוויש געענטפערט מיט אַ קוויטשל פון אַ הענדל וואָס לערנט זיך קרייען.

„מיט דעם אייבערשטנס הילף וועט פייוויש זיין אַ גרויסער רב ביי ייִדן! — האָט יקותיאל אויסגערופן מיט זיין ברוסטיק קול ווי ער וואָלט דעם ענטפער אויסגעשריגן — מיין עצה איז מיר זאָלן מאַכן דעם קנס־מאָל נישט ערגעץ אַנדערש נאָר אין וואַרשע. איך קען זיך פאַרגינען, ר׳ מחותן!״

„וואָס זאָגסטו, פרומעט־לעבן״ — האָט זלמן אָנגעהאָנגען זיינע פאַר־ווירטע אויגן אויף זיין ווייב.

אין פרומעטן האָט זיך אויפגעקאָכט דאָס בלוט. ער אַליין זעט דעם שידוך, לייגט ער אַרויף אויף איר די משׂא כּבדה, זי זאָל יקותיאלן ענטפערן וועגן דער עצה מיט דעם קנס־מאָל. פון דעסטוועגן האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע אין איין מוילווינקל:

„אויף דעם קנס־מאָל פון דער מוזינקעלע וואָלט איך וועלן עס זאָלן זיין אַלע מיינע טעכטער מיט די אײדעמס, זאָלן מיר נישט פאַרשטערט ווערן. קען איך אייך נישט זאָגן, מחותן־לעבן, ווען און ווו דער קנס־מאָל זאָל זיין. טאָמער איילט מען זיך לויפט אויס די מילך״.

„מיר לעבן דאָך נישט אין קיין מדבר — האָט זלמן איר צוגעהאָלפן — וועלן מיר זיך דורכשרייבן״.

„זאָל זײַן מיט מזל!" האָט יקותיאל אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זלמן האָט אַ צעטומלטער אים אַנטקעגנגעטראָגן זײַן האַנט און אַרויסגעפּליס־טערט:

„זאָל זײַן מיט מזל".

„מיט מזל" האָט אַ פּישטש געטאָן תּמרל, און פרומעטס אויגן זענען געפאַלן אויפן חתן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס האָט ער אַ פּישטש געטאָן.

„לאהלע, קום זאָגן די מחותּנים אַ גוטן תּמיד" האָט פרומעט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צו דער קיך.

לאהלעס פּנים איז געווען אָנגעלאָפן און פאַרווירט. זי האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז זי איז געווען פאַרטאָן מיט אויסווישן דעם דיל. די קאָץ האָט איבערגעדרייט אַ טעפּל וואַסער.

נאָך די מחותּנים מיט דעם חתן שרגא־פײַוויש איז געבליבן אַן אומ־היימלעכקייט ווי נאָך אַ גניבה. לאהלע האָט דאָ געלאַכט און דאָ געוויינט. די מחותּנים האָבן זי באַגזלט פון עפּעס וואָס זי ווייסט נישט וואָס עס איז אַזעלכס. זי האָט געקוקט אויף איר פּנים אין שפּיגל און מיט די פינגער געזוכט אַ בינטל האָר אונטער דער גאָמבע. פרומעט האָט די טאָכטער געטרייסט מיט פאַרענטפערן די מחותּנים:

„אַז דער אין הימל באַקליידט אימעצן ווען אים צען לאָקייען נישט אויסטאָן".

ו

נאָך פּאָר שבת פון דער זעלבער וואָך האָט זיך צו זלמנען אין הויז אַרײַנגעשטעלט בייניש דער שדכן. ער איז געקומען, האָט ער געזאָגט, בלויז כּדי צו ווינטשן מזל־טוב, וואָרום ר' יקותיאל און תּמרל געפעלט דער שידוך און זיי גרייטן זיך צום קנס־מאָל ווי צו אַ חתונה. ווען זשע טאַקע וועט זײַן דער קנס־מאָל אַז אויך ער, בייניש, זאָל קענען אויסטרינקען אַ לחיים? ער האָט אָנגעשטאָפּט די נאָזלעכער מיט טאַביק און געוואַרט אויף ביידע, אויף אַ נאָס און אויף אַ תּשובה. זלמן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט נישט געוווסט ביי וואָס אָנצוהייבן. האָט פרומעט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף אים און געענטפערט:

„דערוואַקסענע מענטשן שפּילן זיך נישט אין קאַץ־און־מויז; פון דעם שידוך וועט גאָרנישט ווערן".

ביניש איז אויפגעשפּרונגען אַן אײַנגעהויקערטער ווי דער באַלקן וואָלט איבער אים אײַנגעפאַלן:

„ווינד און ווי איז מיר! אַזאַ שידוך?! אַ שמאַלצגרוב, אַטלאַס און זײַד! ר' זלמנס ווײַב, באַקלערט זיך וואָס איר גייט דאָ פאַרלירן, דאָס טעלערל פון הימל!"

„שדכן־לעבן — האָט פרומעט אַ גרים געטאָן — איך בין אײַך מוחל דעם שמאַלץ מיט די גריוון אינעם טעלערל פון הימל. כ'האָב מײַן לאהלען נישט געוווּנען אויף דער לאָטעריע".

„דער חתן..." האָט זלמן געוואָלט איר צוהעלפן, נאָר ביניש האָט אים נישט געלאָזט אויסרעדן:

„דער חתן? איר ווייסט וואָס פאַר אַ חתן ס'איז? פּופּציק בלאַט גמרא אויסנווייניק. ס'וואַרט אויף אים אַ גאַנצע שטאָט מיט אַ כּסא־רבנות".

„טאָ שדכנט אים אַ שידוך פון דער שטאָט וואָס וואַרט אויף אים" האָט פרומעט פאַרלוירן ס'געדולד.

דערוועגן דעם וואָס ס'איז שפּעטער געשען האָט פרומעט זיך געהאַלטן בײַ אירס, אַז דאָס פײַער האָט אָנגעצונדן ביניש דער שדכן. דאָס האָט ער אונטערגעבורעט יקותיאל דעם פּאָדריאַטשיק ער זאָל נישט אָפּלאָזן, ער זאָל שלעפּן זלמנען צו דין־תּורהס. באשר בעת דעם זעעכץ האָבן זיי זיך געגעבן תּקיעת־כּף אויפן שידוך. זלמן האָט געטענהט, אַז אַפילו אַן אַ שבועה איז ער מודה, אַז ער האָט דעם פּאָדריאַטשיק דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט „זאָל זײַן מיט מזל". ער האָט עס געזאָגט, כּדי נישט מעז־פּנים צו זײַן טאַטע־מאַמע פון אַ זון, וואָס מען ווייסט נישט, צי ער איז אַ חתן, אָדער אַ כּלה. וואָס שײַך אים, זלמנען, האָט ער אויסצוגעבן די יִינגסטע טאָכטער און פאַר איר דאַרף ער אַ חתן און נישט קיין כּלה. דערויף האָט יקותיאל געטענהט, אַז ער וועט אײַנלייגן וועלטן אַ תּקיעת־כּף זאָל זײַן אַ תּקיעת־כּף און לאהלע זאָל חתונה האָבן מיט זײַן פּײַוּוישן. נאָך דער חופּה, אויב ס'יונגע ווײַבל וועט וועלן אַ גט, וועט ער, יקותיאל, מחייב זײַן זײַן בן־יחיד ער זאָל איר געבן אַ גט. נאָר אַ חופּה זאָל זײַן און אַ חתונה זאָל זײַן! דערויף האָט זלמן מאַשענזשניק געטענהט, אַז נאָר איבער זײַן טויטן גוף וועט זײַן לאהלע חתונה האָבן מיט דעם „דאָס". דאָ איז אים פרומעט אַרײַנגעפאַלן

אין די רייד, און אונטערבינדנדיק שטײַפער דאָס טיכל אויפן קאָפּ האָט זי געזאָגט מיט אַ ניגון ווי זי זאָל געבן אַן עצה יקותיאלן:

„מחותן־לעבן, צו וואָס דאַרפט איר די גאַנצע מעכיע מיט שרײַבן תּנאים, מיט אַ חתונה, מיט אַ חופּה? אײַער בן־יחיד קען חתונה האָבן מיט זיך אַליין און ס'עט זײַן אַ זיווג פון הימל".

יקותיאל איז אויפגעשפּרונגען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, נאָר אַז ער האָט געזען פאַר זיך ס'פּנים פון אַ ווײַב, האָט ער די האַנט אַראָפּגעלאָזט און איז אַוועק פון דער דין־תּורה מיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר.

ז

לאהלען איז נישט געווען מער צו דערקענען. ס'וואָר איז זי געווען צעקלעמט זײַט דעם אָוונט פונעם זעעכץ מיט שרגא־פײַווישן מיט דעם מאַט־גלאַטן פּנים ענלעך צו זײַן מאַמען, נאָר וואָס ווײַטער אַלץ מער איז זי אַרײַנגעפאַלן אין זיך. זי האָט אויפגעהערט עסן. פון שלאָף האָט זי געווינט מיט אַ געוויין, וואָס וואָלט געשניטן אַפילו אַ האַרץ פון אײַזן. קיין שמייכל אויף איר פּנים איז מער נישט געקומען. אירע קופּער־גלאַנציקע האָר און די מיידלשע פרישקייט אויף איר פּנים זענען באַדעקט געוואָרן ווי מיט אַ גרויען שטויב. איין מאָל און אַ צווייט מאָל איז זי אין דער מיט נאַכט אַראָפּ פון איר געלעגער אַ צעשראָקענע און געשריגן: „וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס קלעפּסטו צו מיר?" באשר זי האָט שרגא־פײַווישן געזען הינטער איר פענצטער. ער האָט זי גערופן בײַם נאָמען, געבעטן זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, אַנישט וועט ער זי דערשטיקן און ער אַליין וועט זיך דערטרינקען.

פרומעט האָט די טאָכטער אײַנגענומען מיט גוטע רייד:

„פאַר וואָס זאָלסטו זיך ערגערן, לאהלע? אויך מיט חוהלען און מיט רחלען האָט געטראָפן, אַז די ערשטע חתנים זענען נישט נושׂא־חן געווען אין זייערע אויגן, איז וואָס? האָט זיי דער־אין־הימל נישט צוגעשיקט זייערע באַשערטע אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן? און איך אַליין? איידער איך האָב דערקענט דײַן טאַטן, האָבן זיך צו מיר געשמענקלט צוויי חתנים. האָב איך איינעם אָפּגעגאָסן מיט אַ פּאָמעניצע און דער צווייטער איז פון גרויס קלעמעניש אַוועק קיין אַמעריקע. איז וואָס? לעב איך נישט אַ גוט לעבן מיט דײַן טאַטן ביז הונדערט און צוואַנציק?"

די רייד פון דער מאַמען האָבן נישט געהאַט קיין פעולה. האָבן לײַט געעצהט: אַ דאָקטער. האָט דער דאָקטער פאַרשריבן וואַסערלעך, איינס ביטערער פונעם צווייטן, און ס'האָט נישט געהאָלפן. האָבן אַנדערע געזאָגט:

„וואָס ווייסן די דאָקטוירים? זיי ווייסן נישט פון זייער לעבן צו זאָגן. מ'דאַרף זען ציפּקע די רופאטע. נישטאָ אויף דער וועלט קיין חולאת, זי זאָל זיך דערויף נישט קענען. ווילט איר — האַקט זי אָן אָדער, ווילט איר — שטעלט זי פּיאַווקעס, ווילט איר — שטעלט זי געהאַקטע באַנקעס. זי האָט קרײַטעכצער — אַ סוד אויסצוזאָגן. אַז ס'דערגייט ביז צום האַלדז, באַהיט זאָל מען ווערן, קען זי אָפּשפּרעכן ס'זאָל אָפּגעווישט ווערן ווי מיט דער האַנט. טאָמער האָט אין שטאָט געבושעוועט די כאָלערע, נישט היינט געדאַכט, איז ציפּקע די רופאטע געווען אויס מענטש. זי האָט געמאָסטן קברים און מיט די בענדלעך געאײַלט צום בעט פון אַ כאָלערעניק. זי האָט אײַנגעריסן בײַם אָרון־קודש און געבעטן פאַר דרײַ מיט אַ מאָל. ביז זי האָט אָפּגעשריגן ס'איבערגייעניש און ס'איז אָוועק פון דער שטאָט, הלוואי אויף אייביק".

ציפּקע די רופאטע איז שוין געווען גאָר אַלט. זי איז געגאַנגען אײַנגעבויגן אַז נאָך אַ זשאַרנע און זי וועט מיטן קאָפּ באַרירן די ערד. „אַזוי איז די וועלט געשטעלט — פלעגט זי זאָגן — אַז מען קומט אַרויס אויף דער וועלט צום ערשט מיטן קאָפּ און מען גייט אָוועק אויף יענער וועלט צום ערשט מיטן קאָפּ צו דער ערד". פון דעסטוועגן איז ציפּקע נישט געגאַנגען, נאָר געאײַלט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז זי וועט עפּעס פאַרשפּעטיקן. צו קיינעם האָט זי נישט געהאַט קיין טענות, נאָר צו איר אייגענעם מאַן, וואָס איז געשטאָרבן אין דער כאָלערע, הלמאי זי האָט פון אים נישט געהאַט קיין קינדער. „וועסט דאָך פון גיהנום נישט אַרויס — האָט זי געוואָרטשעט — געלאָזט מיך לײדיק ווי אַ מולטער. מ'האָט מיר אָבער געוואָרנט איך זאָל מיט דיר נישט חתונה האָבן!"

אַז פרומעט איז געקומען מיט לאהלען צו ציפּקע די רופאטע און זי האָט אויסגעהערט אין וואָס עס גייט, האָט די אַלטע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט פאַר איר אייגענער נאָז, ווי אַ הון טוט זיך אַ וויש דעם שנאָבל מיט אַ פּיסל:

„מאַלע וואָס ס'פאַרלויפט זיך אויף דער וועלט. איז וואָס? פּאַטשאַצקיס גיטער האָבן דיר אָפּגעברענט? זעץ זיך, טעכטערל, לעבן מיר און לאָמיך אַרײַנקוקן אין דײַנע שיינע אייגעלעך".

זי האָט אָנגענומען לאהלען בײַ דער האַנט און זי אַוועקגעזעצט נעבן זיך. נאָך אַ ווײַלע מעלה־גירהן איר אייגענע צונג, האָט זי געזאָגט צו לאהלען:

„האָסט, קיין עי־הרע, אייגעלעך פון אַ מלאך, נאָר מאַרקאָטנע זענען זיי ווי זיי וואָלטן געזען דעם חורבן פון בית־המקדש. מ׳טאָר נישט אַזוי, מיידעלע. דער אמתער באַשערטער דערנענטערט זיך צו דיר. וואָס מער ער זוימט זיך, אַלץ מער וועט ער דערפרייען דײַן הערצעלע״ און אויפֿ־הייבנדיק די אויגן צו פרומעט האָט זי געזאָגט מיט גאָר אַן אַנדער קול: „ווייסט, פרומעטל, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מ׳האָט דײַן טאָכטער געגעבן אַ גוט־אויג, אָדער אַפילו איר אָפּגעטאָן כּישוף״.

„כּישוף?!״ האָט פרומעט אויסגעשריגן.

„וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, פרומעט־לעבן? הערסט דאָס ערשטע מאָל וועגן אַזוינע זאַכן? טפו־טפו־טפו. אַזוי ווי מען טוט אָפּ כּישוף אַזוי אויך טוט מען אָפּ כּישוף. אַזוי ווי דער אייבערשטער שיקט צו אַ מחלה, אַזוי נעמט ער אויך אַוועק די מחלה. מאָרגן בלי נדר וועל איך זיך פעדערן אויפן גוטן אָרט און כּ׳ל זיך משאול עצה זײַן מיט מײַן זיידן, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, וואָס צו טאָן״.

אין דער זעלבער נאַכט האָט לאהלע זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגאָסענע מיט שווייס און פון פּחד געלאָפן צום בעט פון איר מאַמען. אין דער מאַמעס אָרעמס האָט זי געהעשעט ווי זי האָט געהעשעט אין חלום. ציפּקע די רופאטע איז געקומען צו איר און איר אָנגעזאָגט, אַז זי קויפט אויס דעם כּישוף, וואָס יקותיאל האָט איר אָפּגעטאָן, מיט איר אייגן אַלט לעבן. ווי נאָר זי וועט קומען אַ ה י ן אַזוי שנעל וועט זי זיך מיִען פאַר איר. ציפּקע האָט זי אַרומגענומען און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. „ניין, ניין, ניין!״ — האָט לאהלע געשריגן אין חלום. ציפּקע די רופאטע האָט איר מער נישט געהערט. זי האָט זי אויך מער נישט געזען, כאָטש די אויגן אירע זענען געבליבן אָפענע.

באַגינען איז אין דער שטאָט אָנגעזאָגט געוואָרן די בשורה, אַז ציפּקע די רופאטע איז נפטר געוואָרן ווי אַ צדיקית — מיט דער „צאינה וראינה״ אויף דער שויס און מיט אָפענע אויגן...

ח

נאָך פּאָר די שלשים נאָך דער פּטירה פון ציפּקע די רופאטע, איז צו זלמן מאַשענזשניק פאַרפאָרן אַ פאַרשוין חצי סוחר און חצי משולח. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין הויז, ווי ער וואָלט שוין אַ מאָל דאָ געווען און ער וויל עס דערקענען. און געזאָגט האָט ער אַזוי:

„איר ווערט אַוודאי מיינען, אַז איך בין אַ שדכן. וויל איך אײַך זאָגן, אַז איך בין עס נישט. וואָרום צוליב וואָס קומט אַ ייִד צו אַ ייִד? אָדער וועגן אַ שידוך, אָדער וועגן אַ גמילת־חסד. דאָס צווייטע דאַרף איך נישט, גע־לויבט דעם אייבערשטן, און וואָס שייך דעם ערשטן בין איך אַ שליח־מצווה. אויב איר האָט געהערט פון ר׳ לייבעלע דעם טוך־פאַבריקאַנט, בין איך זײַן שליח. ר׳ לייבעלע איז אַ ייִד אַ בן־תּורה, מיט עשירות אין כּסף און אין שווה־כּסף. זוכט ער אַ גלײַכן שידוך פאַר זײַן בכור, וואָס גייט אין דעם טאַטנס דרכים. איז צו אים דערגאַנגען, אַז איר האָט אויסצוגעבן די ייִנגסטע טאָכטער, און ער ווייסט וועגן אײַך אַלץ ווי איר אַליין וואָלט אים דערציילט. ער פאַרטראַגט נישט קיין שדכנים. איך בין בײַ אים אַ מענטש. האָט ער מיך געשיקט פרעגן, צי ס׳איז דאָ פון וואָס צו רעדן און אויב יאָ, וועט ער אַליין מיט אײַך רעדן".

כּדי נישט אויפצורײַסן די אויגן פון מענטשן האָבן זיך אין איינעם אַ טאָג געטראָפן אין אַ קרעטשמע אויפן האַלב־וועג זלמן מאַשענזשניק, פרומעט און זייער לאהלע מיט ר׳ לייבעלע דעם טוך־פאַבריקאַנט, זײַן ווײַב מרימל און זייער בכור דודל. און ווי זיי האָבן זיך געטראָפן אַזוי זענען אײַנ־געפאַלן אַלע פרעמדקייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט פון קדמונים. נישט מער, ר׳ לייבעלע האָט געמוזט לעשן די התלהבות פון זײַן דודל, אַז ס׳איז נישט אין ייִדישן שטייגער צו רעדן צו אַ כּלה־מיידל ווי זיי וואָלטן זיך געווען קרובים. האָט דודל געזאָגט: „יאָ, טאַטעשי" און זיך געטאָן ס׳זײַניקע. און אַזוי האָט אויך פרומעט געזוכט לאהלעס אויגן, כּדי מיט אַ ווונק צו דערמאָנען איר, אַז זי איז זלמן מאַשענזשניקס טאָכטער און דערווײַל זעט זי דעם חתן־בחור צום ערשטן מאָל. און לאהלע האָט זיך געטאָן ס׳איריקע.

פרומעט האָט נישט אויפגעהערט אָפּבלאָזן לאהלען. זי האָט זיך אַליין נישט פאַרגונען צו קוקן אויף איר. בײַם אָפּבלאָזן זי האָט זי נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען ציפּקעס זכות. זי האָט ד אָ ר ט אָן אײַנגאַנג. הלוואי זאָל זי

דאָרט זיך מיִען פאַר אונדז אַלע. זי איז דאָך געווען אַ צדיקית. מיט איר אייגן לעבן האָט זי אונדז געזונט געמאַכט דאָס קינד.

האָט זלמן געזאָגט צו פרומעטן:

„טאָמער וואָלסטו געלערנט תּורה, וואָלסטו זיך גאָרנישט געחידושט. צי ווייסטו ווער עס איז געווען צפּורה? משה רבנוס ווײַב איז זי געווען! זי איז אויך געווען אַ רופאטע. מיט אירע אייגענע הענט האָט זי מיט אַ קיזלשטיין געמַלט איר זון. מיט אירע אייגענע הענט, דעם גרשום! גענומען און אים אָפּגעשניטן!"

„קען זײַן, אַז גאָט אַליין האָט זי אַראָפּגעשיקט צו אונדז אין שטאָט אַרײַן זי זאָל זײַן אַ מליץ־יושרקע אויך פאַר אונדזער טאָכטער. אוי געוואַלד יידן, ווי גאָט צעדרײַסט זיך נעבעך פאַר יעדן איינעם!" האָט פרומעט געקוקט צום באַלקן, ווי זי וואָלט דורך אים געזען דעם הימל.

פרומעט האָט נישט פאַרגעסן איר נדר, אַז אַפילו עס זאָל דונערן און בליצן וועט די חתונה פון לאהלען זײַן אין דער היים אַז אויך די ווענט פון איר הויז זאָלן הערן ס׳אויפשפּילן צו דער חופּה פון איר מוזינקעלע. כאָטש ר׳ לייבעלע דער טוך־פאַבריקאַנט איז געווען בײַ דער דעה, אַז פאַר דער חתונה פון זײַן בכור איז דאָס הויז פון די מחותּנים צו קליין, וועט ער באהבה נאָכקומען דעם תּנאי פון דער מחותּנתטע. אַז ס׳וועט זײַן ענג וועט מען מירטשעם טאַנצן אויפן מאַרק, האָט ער געזאָגט.

האָט די וועלט צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ חתונה. אַ וואָך צײַט האָט פרומעט געקאָכט, געבראָטן און געבאַקן אַפילו אויף די קיכן און אין באַקאויוונס פון די שכנים. די וועלט איז געוואָרן פאַרשמעקט מיט געהאַקטע פיש, מיט געבראָטענע און געקאָכטע פליישן, מיט קוכנס און פלאָדנס, מיט יי״ש און מיט מעד. ווי אַ צולאָג צו די שטעטלשע קלעזמאָרים האָט ר׳ לייבעלע געבראַכט מיט זיך אַ קאַפּעלע פון זאַמאָשטש — קלעזמאָרים ליצים, וואָס זייערע ניגונים זענען לאַנג, לאַנג געבליבן הענגען אונטער דעם שטעטלשן הימל און נישט פאַרקלונגען.

ט

אַ צײַט פאַר דער חתונה האָט זלמן מאַשענזשניק אָנגעזאָגט דעם זשילקער פריץ דעם יאַשניע פאַן וויעטילאַ, אַז ער גיט אויס זײַן לעצטע טאָכטער און אַז מיט דעם פינפטן פעסעלע ביר איז ער, דער יאַשניע פאַן,

פרײַ פון דעם נדר צו געבן אים צו דער חתונה פון יעדער טאָכטער אַן אַנטאַלעק ביר. מער טעכטער האָט אים זײַן פרומעט נישט געגעבן.

האָט זיך דער פריץ צעפלאַקערט אַן זלמן זאָל וויסן, צי ער האָט זיך צעפלאַקערט פון התלהבות, אָדער פון זײַנע פאַנסקע שטיק. וואָרום פון זײַנע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט צווײ לאַכנדיקע שדלעך און ער האָט גע־דרייט זײַנע וואָנסעס ווי ער וואָלט זיך געקליבן זיי אָפּטשעפּען פון אונטער דער נאָז.

„זלמן! — האָט ער זיך צעלאַכט ווי דער נאָמען פון מאָשענזשניק וואָלט געווען אַ הלצהלע — עס קומט דיר פון מיר איין אַנטאַלעק ביר, נאָר כּדי דו זאָלסט וויסן ווער איך בין, וועל איך דיר צו דער חתונה פון דער לעצטער טאָכטער געבן פינף אַנטאַלקעס ביר אַנטקעגן אַלע פינף טעכטער און זאָלן דײַנע ייִדן וויסן דעם טעם פון אַ גוטן קופּעל ביר".

„אַ דאַנק דיר, פריץ־לעבן, פאַר דײַן ברייטהאַרציקייט. זאָלן באמת די געסט אויף דער חתונה פון מײַן טאָכטער פילן דעם טעם פונעם ביר פון דער זשילקער ברויערײַ וואָס קיין בעסערע איז אויף דער וועלט נישטאָ" — האָט זיך זלמן פאַרנייגט.

די לאַכנדיקע שדלעך אין די אויגן פונעם פריץ האָבן זלמנען אָנגעפילט מיט אומרו. דער יאַשניע פּאַן וויעטילאַ איז אַ ווילדע בריאה, אַ האַרץ פון פוטער און אַ האַרץ פון שטאָל. ער, זלמן, קען אים אַזוי גוט און ער קען אים אַזוי ווייניק! פינף פעסעלעך ביר צו איין חתונה?... אפשר האָט ער זיך פאַרהערט? אפשר?... זלמן האָט נישט געפונען קיין תשובה פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין געפרעגט. איז געשען, אַז אין אַ רגע איז אין אים נולד געוואָרן אַ מחשבה, ווי זי וואָלט געקומען ווי אַן עצה טובה פון הימל:

אינעם טאָג פון דער חופּה, ווען פרומעט מיט לאהלען זענען אַוועק אויפן גוטן אָרט צו פאַרבעטן צו דער חתונה די זיידעס מיט די באָבעס און אויך ציפּקע די רופאטע, איז זלמן אַוועק צו שכנא דעם שענקער און געזאָגט צו אים אַזוי:

„שכנא־לעבן, דער זשילקער פריץ האָט מיר אַרײַנגעשיקט פינף אַנטאַלקעס ביר צו דער חתונה פון מײַן לאהלען. ס'איז דאָך זומערלעב אויף דער וועלט, איז דאָס ביר וואַרעם מסתמא ווי השתנה. וועל איך דיר באַצאָלן וויפל דו ווילסט און דו וועסט מיר פאַר נאַכט צושיקן פון דײַן

קעלער פינף אַנטאַלקעס קאַלט ביר און דו וועסט נעמען די פינף אַנטאַלקעס וואַרעם ביר. מײַן ביר און דײַן ביר זענען בײדע זשילקער ביר״.
וכך הווה...

ו

אין דער זעלבער וואָך נאָך דער חתונה פון לאהלען מיט דעם בכור פון ר׳ לייבעלע דעם טוך־פאַבריקאַנט, האָט זיך געשטעלט דער מאַרק, ווי ער שטעלט זיך יעדע וואָך פון אַ גאַנץ יאָר. זענען די פויערים געקומען צו שכנאן אין שענק, ווער אויף אַ שנאַפּס און ווער אויף אַ קופעל ביר פריילעך צו מאַכן דאָס האַרץ. אין דער מיט פון דער פריילעכקייט איז פלוצים געוואָרן אַ מעכיע, פויערים האָבן די קופעלס ביר געוואָרפן אויפן דיל, געקלאַפּט אין די טישן, געוואָלט מקיים פסק זײַן שכנאן.

„דער ייִד פויעט אונדז מיט פישעכץ!״ — האָבן די פויערים זיך געקאָכט.

„דער ייִד פאַרקויפט השתנה אין קופעלס!״ — האָבן אַנדערע געפּאָכעט מיט די פויסטן.

שכנא שענקער האָט זיך פאַרענטפערט אַ דערשראָקענער:

„פּאַד חרם ווי איך האָב נישט קיין אַנדער ביר ווי נאָר פון דער זשילקער ברויערײַ! זאָל איך אַזוי לעבן ווי דאָס וואָס איר זאָגט ס׳השתנה איז זשילקער ביר״.

האָט מלכות געשלאָסן שכנאן אין קייטן און אים אַוועקגעפירט אין זשילקער הויף צו עדותן זיך מיטן יאַשניע פּאַן וויעטילאַ, צי דער שענקער קויפט בײַ אים דאָס ביר. האָט דער פריץ געזאָגט, אַז ער קען שכנאן און ער ווייסט אַז פון אַן אַנדער ברויערײַ וועט ער קיין ביר נישט קויפן. און אַז מלכות האָט דעם פריץ געגעבן טועם צו זײַן פון זײַן אייגן ביר, האָט דער יאַשניע פּאַן אַ זופּ געטאָן און פונעם זופּ ביר איז געבוירן געוואָרן אַ קללה, מיט וועלכער ער האָט געשאָלטן די ייִדן און געהאַט צו זיי טענות הלמאי טאָמער מען וואַרפט זיי בלײַבן זיי שטיין אויף די פיס. און וואָס שײַך שכנאס ביר, וועט ער דאָס גאַנצע ביר וואָס בײַ שכנאן אין קעלער נעמען צוריק און פאַרבײַטן מיט דעם ביר פון דער לעצטער ברוי...

ערשט דעמאָלט האָט זלמן געזאָגט צו זײַן פרומעטן:

„פרומעט־לעבן, כ׳האָב זיך עס ערשט איצט דערוווּסט, אַז אויך אַ מאָשענזשניק בײַם זשילקער פריץ קען האָבן אויסער פינף געראָטענע טעכטער אויך אַ געראָטענעם שׂכל".

גלאָסאַר

א

אויסגעסאָכניעט:
אויסגעטרוקנט.

איַינקאָרנייען זיך:
איַינוואָרצלען זיך, איַינגעסטן זיך.

איפּטע:
קומענדיקע.

אָנגעזאָליעט:
אָנגעלייגט, אָנגעמאַכט.

אָנפּוישן זיך:
אָנבלאָזן זיך.

אַפּשיק:
דין צעמאָלענער שטאַרקער טאַבאַק.

אַרומברויען:
צעאַרבעטן מעשׂים.

אָרטשיק:
געשפּאַן־שטאַנג ביַי אַ וואָגן.

ב

בירכעל:
איי אָן דער האַרטער שאָל.

בענדיקן:
כאַפּן, פאַנגען.

ג

גלינקע:
קוילכל, קנעדל פון קאַלך.

געדזשימעט:
געדרימלט.

געסראָכע:
געשטאַנק.

ד

דערוועגעשטשע:
אַנומלט.

דזשעקטשערעס:
קינדער.

דריגע:
ציטער, טרייסל.

וו

וויטריך:
נאָכשליסל.

וויסילקע:
אַדמיניסטראַטיווע פאַרשיקונג.

ז

זאַטשערקעס:
געריבענע פערפל.

זאַרג:
שליַידער, וואָרף.

זאַרגען:
שליַידערן, וואַרפן.

זדרוי:
וואַסערקוואַל.

זשאַר:
גלי.

זשאַרנע:
ברעקל.

ט

טאָרלען:
קאַטשען, וואַלגערן.

טומאַן:
נעפּל.

טײַביש־דרעק:
צואה פון שדים.
טײַביש־פינגער:
קיזלשטיין אין פֿאָרם פון אַ פינגער.
טשאַטעווען:
לויערן.
טשעכאָטקע:
טובערקולאָז.

י

יאַהנדעס:
יידישע פילבאַרקייט, געוויסן.

כ

כראָמשטשען:
גריזשען, קײַען מיט האַרטן קלאַנג.

ל

לוביען זיך:
נהנה זײַן.
ליובונג:
הנאָה, פאַרגעניגן.

מ

מאַזעפּע:
מיאוסקייט.
מאַלעיר:
אומגליק.
מאָנטשען:
מישן.
מאַנקאָליע:
קרענקלעכע אײַנרעדעניש.

מאַרצאָווע פּאָגאָדע:
אַ מאָל שטורעמדיק און אַ מאָל
אויסגעלײַטערט.
מיגלדיק:
עקלדיק.
מידניצע:
בעקן, טיפע שיסל.
מירא (מיירע):
טייג פאַר מצות.
מענדעל:
¼ פון אַ שאָק (15).
מער:
סיבה, זאַך.

ס

סטאַטעק:
לײַט.
סנאָפּ:
נאַר, שוטה.

פּ

פּאָכופּיו:
נאָך אַלעמען.
פּאָלוביעט נישט:
נעמט נישט אָן גוט, ווירקט נישט
גוט.
פּאָנצל:
בײַכל.
פּוצן זיך:
ווענדן געפעלן.

פּילנאָשטש:
נאַרהאַפּטע שפּײַז.
פּילען:
אָפּשטויבן.
פּיעקאָליק:
שטח איבערן באַק־אויוון.
פּיקן:
וואַרפן צום ציל.
פּליק:
בינטל.
פּלעטן:
צעהאַקן.

פֿ

פֿאַרליאַפּען זיך:
פֿאַרליבן זיך.
פֿאַרמאַזשעט:
פֿאַרשמירט.
פֿאַרפּאַטשקעט:
פֿאַרשמוציקט.

צ

צעזשאַרעטע:
אויפגעבלאָזענע אין גליען.

ק

קיטל־הויז:
הפקר־הויז.
קילקע:
שטעקן מיט אַ האָקן.
קנייע:
באַהעלטעניש, פֿאַרבאָרגעניש.
קראָטשקען:
קריכן, פויזען.

ש

שאַשקע:
שווערד.
שטשאָנקע:
לייקל, געסל.
שליאָך:
אָפּגעלאָזענע.
שליפּיעס:
אויגן.
שמאָרען:
זוכן, נישטערן, שמעקן.
שמענקלען זיך:
ווערן געפּעלן.